# דער אידישער
# שריפטזעצער

יום־טוב אויסגאַבע
צום 70טען יובילעי
פון דער אידישער
ש ר י פ ט ז ע צ ע ר
יוניאָן, לאָקאַל 83
אינטערנעשאַנעל טיפּאַגראַפיקעל יוניאָן

**שבת, דעם אַכטען נאָוועמבער, 1958**

Y10200.895

## יובילעי קאָמיטעט

ע. פ. פרענק, עהרעז־טשערמאַן
ל. בעקער, טשערמאַן
מ. גאָלדינג, וויים־טשערמאַן
ט. גלאַז, וויים־טשערמאַן
י. ווענ, סעקרעטאַר
י. גורעוויטש, טרעזשורער

### זשורנאַל קאָמיטעט

ב. דזשייקאָב, טשערמאַן
ט. גלאַז
א. ליטמאַן
פ. מעלצער
ס. ציטרין
ה. קופּערשטיין

### פּרינטינג קאָמיטעט

י. פּאַרגמענט, טשערמאַן
י. באַרכאַט
י. בוראַקאָף
ב. בלום
מ. ברייער
מ. גראַזול
י. ליכטין
ס. פּעריקמאַן
ס. קלאַטשקאָ
י. ריבאַלאָווסקי

### האָל קאָמיטעט

מ. גאָלדינג, טשערמאַן
ס. חדש
ה. מוסין
ב. פּילדאַס
נ. סאָקאָלאָף
י. קליאַנסקי
ה. שטיין

### קאָנטראָל קאָמיטעט

ד. בערגער
ה. וואַקסבערג

### אויפנאַם קאָמיטעט

ע. בערגער
נ. גרינבערגער
ל. עווענס
ס. קופּערשטאָק
ה. קאַמער
טש. שמולאָוויץ
ה. בלומענטאַל

### פלאָר קאָמיטעט

ס. קאַפּלאַן
ד. זעילאַן
י. עפּשטיין
מ. ברייער
ק. דונקעל
ל. מאַסטינסקי

## אינהאַלט


**B. J.** — תרגום השבעים — 3
**חיים גרושקין** — מפּני שיבה תקום (1888־1958) — 4
**אַברהם רייזען** — דער צויבערער (ליד) — 5
**דען מאַנדעל** — דעם שריפטזעצער׳ס סאַגאַ (ליד) — 6
**לאַזאַר בעקער** — אַלט אין יאָרען — יונג אין ענערגיע — 7
**B. J.** — ר׳ זיבעציגער לערנט אַ בלאַט גמרא (קאַרטון) — 8
**הלל ראָגאָף** — זעצער און די שרייבער — 9
**נחום יוד** — די עצה (אַ מעשה׳לע) — 9
מזל תאומים (דער צווילינג) — קאַרטון — 10
**שמואל ציטרין** — אונזער באַלאַגערטע פעסטונג — 11
**ס. דינגאָל** — טראַכטענדיג וועגען דער צוקונפט — 12
**הײמאַן שטיין** — ציפערען און געדאַנקען — 13
**טוביה גלאַז** — געשיכטליכער איבערבליק פון אונזער יוניאָן — 14
**א. נ. נעקראַסאָוו** — נאַבאָרשטשיקי (שריפטזעצער) — 15
**אַברהם ליטמאַן** — מיין אָנהויב אַלס שריפטזעצער — 16
**צבי שטאָק** — יעמוד הבחור הזעצער — 17
שענקט אונז אַ שמייכעל — 17
**Memento Mori** — (נעקראָלאָג) — 18
**B. J.** — שענקט אונז אַ שמייכעל — 19
**עלאַיעס פּ. פרענק** — מיינע ערשטע שווערע יאָרען — 21
**יעקב קירשבוים** — די אַנטוויקלונג פון אידישען בוך־דרוק אין אַמעריקע — 22
**דזשאַן קעלי** — אַ זיפץ פון אַ פאַרבענקטען פענסיאָנער (מאָנאָלאָג) — 24
מיין צוואה (קאַרטון) — 25
**הערשל קופּערשטיין** — דער דרוקער־פאַראיין אין פּוילן — 26
**ב. דזשייקאָב** — ווען מויטע רעדען — 27
**ריבאַלאָווסקי, וויסבאָרד, קלאַטשקאָ, גאָלדינג, סאַקאָווסקי:**
קורצע באַשרייבונגען פון אַ באַזוך אין ישראל — 28
**ס. אַלטמאַרק** — ביים שמעלץ־אויווען — 31
**צבי שטאָק** — אליהו בחור — 32
**B. J.** — די וויכטיגקייט פון דער צאָל זיבעציג — 33
**צבי אסף** — אַ ברכה פון אַ פריינט און קאָלעגע — 34
**אַברהם רייזען** — דער קאָרעקטאָר — 36
**כמעט אַ זעצער** — פערציג יאָר אין קאָמפּאָזינג רום — 36
קאָפּ־וועהטאָג און אויגען־וועהטאָג (קאַרטון) — 37
**א. ליטמאַנאָוויטש** — ליקווידירט די „רייהע" — 38
**שמואל ווינער** — ווי אַזוי די יוניאָן האָט געוואונען קאָנטראָל איבער פּרופרידינג — 39
**B. J.** — שלום בית — 40
**מ. ד. בעלל** — דאָס קאַפּיטל שיקאַגאָ — 42
**בעל דבר אַליין** — אַ קרבן פון אַ יובילעי־בוך (אַ איד רעדט זיך אַראָפּ פון הארצען) — 43
**מ. גראַזול** — אונזער יוניאָן־לעיבעל — 44
**י. בוראַקאָף** — די אינטערנעשאָנעל טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן — 45
**FRANCIS G. BARRETT** — Unionism Means Brotherhood — 46
**ELMER BROWN** — From the President of the ITU — 47
**B. J.** — דאָס לעצטע זייטעל — 48


---

### דער אידישער
# שריפטזעצער

יום־טוב אויסגאַבע

לכבוד דעם

## 70

## יאָריגען יובילעי

פון דער

**אידישער שריפטזעצער יוניאָן לאָקאַל 83**

אינטערנעשאָנאַל טאַיפּאָגראַפיקעל יוניאָן

רעדאַקטאָר:
ב. דזשייקאָב

**שבת, דעם 8טען נאָוועמבער, 1958**

געפייערט מיט אַ באַנקעט און קאָנצערט
אין בראָדוועי סענטראַל האָטעל, ניו יאָרק.

# תרגום השבעים

(איבערזעצונג פון די זיבעציג)

די צוויי העברעאישע ווערטער, מיט וועלכע מיר באַטיטלען היינטיגען יום-טוב׳דיגען אַרטיקעל, זיינען באַקאַנט ביי אידען, ספּעציעל ביי די וואָס האָבען געלערנט גמרא, מדרש און אַגדה; אויך ניט-אידען, וועלכע האָבען זיך אינטערעסירט אין געשיכטע פון אַלט-גריכענלאַנד, זיינען באַקאַנט מיט דער לעגענדע פון „תרגום השבעים״, וועלכע זיי רופען: „סעפּטואַגינטאַ״. די ווערטער באַצייכענען די גריכישע איבערזעצונג פון דער תורה, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון זיבעציג אידישע געלערטע (גענויער: 72), וואָס זיינען געשיקט געוואָרען פון ירושלים קיין אַלעקסאַנדריע, אויפ׳ן פאַרלאַנג פון תלמי (פּטאָלאָמעאוס פילאַדעלפוס), קעניג פון מצרים, אַן ערך 270טען יאָר פאַר דער קריסטליכער צייט-רעכענונג.

דאָס וואָרט „תרגום״ מיינט אויך אינטערפּרעטאַציע (פאַרטייטשונג) — אויב אַזוי, קאָנען מיר די ווערטער „תרגום השבעים״ באַנוצען פאַר אונזער 70-יאָריגען יובילעי, וועלכער איז, סימבאָליש, די פאַרטייטשונג פון זיבעציג יאָר עקזיסטענץ, קאַמף און גרויסע אויפטואונגען פון אונזער אידישער שריפטזעצער יוניאָן.

באמת, אַ היסטאָרישע דאַטע!

די געשיכטע פון אידישען דרוק-וועזען איז אַ גאַנץ לאַנגע, וואָס ציהט זיך שוין הונדערטער יאָרען. ווי ס׳פּאַסט פאַר אַן „עם הספר״, זיינען אידען געווען פּיאָנערען אויפ׳ן געביט פונ׳ם אידישען דרוק-פאַך. אַלטע גמרות, רעליגיעזע ספרים, מיט׳ן דאַטום פון הונדערטער יאָרען צוריק, זיינען עדות אויף דעם. וועגען דעם האָבען מיר אין דעם יובילעי-בוך אַרטיקלען וועגען דער פּיאָנערישער אַרבייט און דער אַנטוויקלונג פון אידישען דרוק-וועזען. דאָ ווילען מיר בלויז זיך אָפּשטעלען אויף די זיבעציג יאָר פון אידישען שריפטזעצער פאַך אין דעם נייעם לאַנד. ספּעציעל אין דער וועלט-שטאָט ניו יאָרק.

אַ קורצע געשיכטע, וואָס איז געדרוקט אין דעם דאָזיגען יובילעי-בוך, גיט אַ קלאָרען באַגריף ווי שווער דער אָנהויב פון אונזער אידישער שריפטזעצער יוניאָן איז געווען דאָ אין לאַנד.

די צייט שטעהט אָבער ניט אויף אַן אָרט. די וועלט פּראָגרעסירט. די אויגען פון דעם אידישען שריפטזעצער האָבען זיך געעפענט ביסלעכווייז — די שיין פון טאָג האָט אַריינגעלויכטען אין די פינסטערע דרוקערייען, אין די קעלערען און — דער „בחור הזעצער״ האָט דערזעהן ליכט!

קליין, שוואַך איז געווען דער אָנהויב. אַ קליינע צאָל איז זיך צוזאַמענגעקומען — און אַ אידישע שריפטזעצער יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען.

צום גליק איז אונזער אָרגאַניזאַציע דורך די אַלע יאָרען געבענשט געווען מיט אינטעליגענטע און פעהיגע פירער. מיט זיכערע פעסטע טריט איז אונזער יוניאָן געגאַנגען פון זיג צו זיג.

דאָס איז אונזער „תרגום השבעים״ — און לכבוד דעם גרויסען יום-טוב „זיבעציג יאָר אידישע שריפטזעצער יוניאָן״, מעגען מיר זיך אַלע גראַטולירען און זיך פרעהען!

אונזער וואונש: נאָך לאַנגע יאָרען זיך פרעהען און אַרבייטען צוזאַמען!

מיר, די נאָהענטסטע שותפים צום געדרוקטען אידישען וואָרט, האָבען עס כשר פאַרדינט!

B. J.



מיטגלידער פון דער אַראַנדזשמענטס קאָמיטעט פון דער 70־יאָריגער יובילעי פייערונג



# מפּני שׂיבה תקום

## 1888 - 1958


פון **חיים גראָשקין**

פּרעזידענט פון אידישער שריפטזעצער יוניאָן




חיים גרושקין

גוט יום־טוב אידישע שריפטזעצער!

מיר פייערן היינט דעם זיבעציקסטן געבורטס־טאָג פון אונזער שריפטזעצער יוניאָן.

זה היום נגילה ונשמחה בו — היינט איז דער טאָג, ווען די מחנה אידישע שריפטזעצער זיינען פאַראייניגט אין אַ געהויבענער און פריידיגער שטימונג צו פייערן דעם יום־טוב פון זיבעציג יאָר אידישע שריפטזעצער יוניאָן.

זיבעציג יאָר איז אַ שיינע און בכבוד'יגע עלטער. דער מאמר חז"ל „בן שבעים לשיבה" מיינט, אַז צו זיבעציג יאָר דערגרייכט אַ מענש אַ גרייז־גרויע עלטער פון אָנגעקליבענער ערפאַרונג און אָנגעזאַמעלטע חכמה, פאַר וועלכע מיר האָבן גרויס דרך ארץ. וועגן אַזאַ עלטער האָט גאָט אויפן באַרג סיני בפירוש אָנגעזאָגט די בני ישראל, אַז „מפני שיבה תקום". דער פשט דערפון איז, אַז ווען אַ מענש איז דורכגעגאַנגען בשלום די שטורמדיקע יוגנט; האָט געהאַט גלויבן און מוט דורכצושפּרייזן דעם שווערסטען וועג פון מיטל־עלטער און איז אַ געלייטערטער דערגאַנגען ביז צום הויכן עלטער פון זיבעציק יאָר, האָט ער פאַרדינט, אַז מען זאָל זיך פאַר אים אויפשטעלן און אים אָפּגעבען זיין פאַרדינטן כבוד.

דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן אונזער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, וועלכע האָט אויסגעווייטיקט אַ שטורמישע יוגנט; איז דורכגעגאַנגען אַ לאַנגן לעבן פון גרויסע דערגרייכונגען, פון רום און רייכער דערפאַרונג און פייערט איצט דעם בכבודיקן עלטער פון זיבעציק יאָר — מעגן מיר זיך אויפשטעלן, סאַלוטירן און מיט פריידיג געפיל זיך זאָגן — גוט יום־טוב!

***

זינט דעמאָלט, פון דער צייט ווען גוטענבערג האָט דערפונדן די דרוק־מאַשין, האָט דער אידישער שריפטזעצער זיך געגרויסט מיט זיין באַשעפטיקונג, האָט ליב געהאַט זיין מלאכה און האָט זיך מוסר נפש געווען צו אַנטוויקלען און פאַרשענערן די קונסט פון שריפטזעצעריי. פון דער צייט ווען די ערשטע ביכער זיינען געדרוקט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן, אין 1440, ביז עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אידישע „אינקונאַבעלן" (די ערשטע געדרוקטע אידישע ביכער) אין 1475, איז אַוועק גאַנצע 35 יאָר.

ס'ווערט געזאָגט, אַז די סיבה וואָס גראַד מיר, דעם עם הספר, האָט געוואַרט אַזוי לאַנג צו דרוקן דעם ערשטן אידישן בוך איז געווען דאָס „וואָס אין דער רבנישער וועלט פון יענער צייט איז געווען אַ געוויסע געגנערשאַפט צו דעם, אַז מען זאָל דרוקן אידישע ספרים. די שומרי־החומות פון דער אידישער טראַדיציע האָבן מורא געהאַט, אַז עס וועט פאַרשוועכט ווערן די הייליקייט פון די ספרי קודש, וואָס פלעגן פון סופרים געשריבן ווערן מיט קדושה און טהרה" [1].

זיינען געקומען די ערשטע אידישע שריפטזעצער און האָבן געגן אַלע שטערונגען באַוויזן אָפּצודרוקן די ערשטע אידישע ספרים (פירוש רש"י אויף חומש).

די ערשטע אידישע „מחוקקים" דרוקערס האָבן זיך פשוט מוסר נפש געווען צו אַנטוויקלען די קונסט פון שריפט, פון זעצן און דרוקן. זיי זיינען פאַרפאַלגט געוואָרן, האָבן געליטן מאַטעריעל, אָבער געדרוקט איין ספר נאָכן אַנדערן און האָבן פאַרשפּרייט די הייליקע שריפטן צווישען דעםברייטן אידישן עולם. „צו די אידישע דרוקער געהערט אַן ערן־פּלאַץ אין דעם פּאַנטעאָן פון דער אידישער ליטעראַטור, ווי די וואָס האָבן אייגנטליך זי געשאַפן. אָן איבערטרייבונגען האָט טאַקע אַ מחבר פון אַ ספר אַמאָל געשריבן, אַז די ערשטע מדפיסים האָבן אונז געגעבן די תורה צום צווייטן מאָל, און אַז ווען ניט זיי וואָלט די תורה פאַרגעסן געוואָרן ביי אידען." [2]

***

מ ל א כ ת  ה ק ו ד ש — דער שריפטזעצער פון היינט וואָס זעצט ביכער און צייטונגען, ווי דער שריפטזעצער פון אַמאָל, וואָס האָט אויסגעזעצט דעם תנ"ך און ש"ס, ווי דער סופר פון דער פאַרגאַנגענהייט וואָס האָט איבערגעשריבן די הייליקע ספרים אויף פּאַרמעט, באַטראַכט זיין אַרבעט ווי אַ מלאכת הקודש. דער היינטיקער שריפטזעצער גיסט איבער די געדאַנקען פון שריפטשטעלער אין בליי און גיסט אין זיי אַריין טראָפּענס פון זיין נשמה. דער היינטיקער שריפטזעצער פלייסט זיך צו באַשיינען די שאַפונג פון דעם שריפטשטעלער, צו באַצירן זיין ספר און באַ'חנ'ען זיין תוכן. ער זוכט צו פאַרפיינערן דעם לבוש פון אַ בוך מיט דער זעלבער קדושה ווי דער אַמאָליקער זעצער האָט אָרנאַמענטירט אַ שער בלאַט פון אַ ספר און ווי די סופרים האָבן אויסגעטאַקט די כתרי אותיות אין אַ ספר־תורה. מחברים פאַרצייכענען טאַקע זייער דאַנק צו די שריפטזעצער, וואָס האָבן צוגעטראָגן זייער אינדיווידועלן געשמאַק צום אויסזען פון זייער בוך און אויך פאַר אָנרעגן אָפּט דעם שרייבער צו פאַרפיינערן דעם אינהאַלט פון בוך.

„דורך דער אויסערליך־קענטיקער עלעגאַנץ פאַרשאַפט אַ שיין־אויסגעאַרבעט בוך, ווי יעדער פיינער פּראָדוקט פון דער מענשלעכער שאַפונג, אַ הנאה פאַר יעדן וואָס זעט אָדער האַלט אַזאַ בוך. דערין באַשטייט דער כוח פון יעדער עכטער קונסט — צו פאַראיידלען און ז'ערהויבן ד'אָס מענשלעכע האַרץ, און דעריבער וואַקסט אומעטום די איבערצייגונג, אַז אַ גוט בוך דאַרף ניט בלויז שפּייזן דעם מח, נאָר דאַרף און קען אויך דערפרייען דאָס אויג און דאָס האַרץ. דער פיינער אויסזען פון אַ בוך, זיין גוטער טיפּאָגראַפישער עפעקט, פאַרשטאַרקן די ווירקונג פון זיין אינהאַלט." [3]

***

אויך דער אידישער שריפטזעצער אין אַמעריקע איז דורכגעגאַנגען אַ שווערן וועג און האָט זיך מוסר נפש געווען צו אַנטוויקלען דעם פּרימיטיוון צושטאַנד פון דרוקעריי אין די 80ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט ביז די איצטיקע מאָדערנע און פּערפעקטע אידישע דרוק־מעטאָדן, וואָס האָבן אַרויפגעבראַכט די מלאכה פון שריפטזעצעריי צו דער מדרגה פון קונסט. ז'י ליידן, די עלנטקייט און איינזאַמקייט פון ד'י ערשטע אידישע זעצערס אין אַמעריקע איז ניט געווען בעסער ווי די לאַגע פון אַלע אידישע אַרבעטער אין יענער צייט: זייערע פאַרדינסטען זיינען געווען לעכערליך קליין און זייערע אַרבעטס־שטונדן האָבן גאָר קיין גרענעץ ניט געהאַט. געוועהנליך האָט מען ז'יי צוגענומען אויף שטיק־אַרבעט, האָבן זיי פון זיך אַרויסגעיאָגט די נשמה. זיי זיינען געווען שוואַך פון צופיל אַרבעטן און פון ניט דערעסן, מיד און שלאַבערדיג, דערשלאַגן און אונטערטעניק. שווינדזוכט, די ווייסע פּלאָג פון טענעמענט הייזער האָט זיך שנעל צעבושעוועט צווישן זיי." [4]

***

ניט בעסער איז געווען די לאַגע פון די אידישע שריפטזעצער. די מערסטע אידישע דרוקערייען האָבן זיך געפונען אין פינסטערע קעלערן. אַ זעצער אין אַזאַ דרוקעריי האָט געאַרבעט 15־16 שעה אַ טאָג און זיינע שכירות זיינען געווען צווישן 3 און 6 דאָלאַר אַ וואָך.

זיי האָבן געליטן און געוואַרט אויף אַן אויסלעזער, וואָס זאָל זיי באַפרייען פון זייער טרויעריגן מצב. זיי האָבן זיך דערוואַרט. אין יענער צייט איז געבוירן געוואָרן די אידישע שריפטזעצער יוניאָן.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער גרויסער אידישער אימיגראַציע, ווען צענדליקער טויזנטער פון אידישע פאָלקס־מאַסן האָבן צוליב פּאָגראָמען, דחקות און פאַרפאָלגונגען פאַרלאָזן זייערע געבורטס־ערטער אין אייראָפּע און געקומען צו די ברעגן פון אַמעריקע אָנצופאַנגען אַ נייעם, מער זיכערן און אידעאַלן לעבן. אין דעם שטראָם זיינען אויך אָנגעקומען אַ צאָל יונגע אידישע שריפטזעצער. דאָס זיינען געווען יונגעלייט, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער אַלטער היים אַ אידישן טראַדיציאָנעלן באַוואוסטזיין — פון חדר און ישיבה; אַ וועלטליכן וויסן — פון דער רוסישער ליטעראַטור, און אַן אידעאַליזם און קאָמפּסלוסטיקייט — פון דער דעמאָלטדיקער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס איז געווען דער קאַליבער פון די גרינדער פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט ניט נאָר צו פאַרבעסערן זייער אייגענע עקאָנאָמישע לאַגע, נאָר צו פאַרשפּרייטן זייערע אידעאַלען צווישן אַלע אידישע אַרבעטער; ניט נאָר צו אָרגאַניזירן זייער אייגענעם פאַך, נאָר אויך העלפן פאַרשפּרייטן דעם געפיל פון סאָלידאַריטעט און טרעיד־יוניאָניזם צווישן אַלע אונטערדריקטע אַרבעטער און בכלל העלפן ד'ערהויבן דעם מצב פון ד'עם אָרימען, עלענדן אידישן מענש אין דער נייער היים.

אָט די גרופּע יונגע מענשן האָט „אין אַ הייסן שבת נאָכמיטאָג, אין יוני פון יאָר 1888, אין ד'ער היים פון בערנאַרד גינזבורג, אויף 84 נאָרפאָלק סטריט, ביי אַ הייס גלעזל טיי, געגרינדעט אונזער שריפטזעצער יוניאָן." [5]

***

ס'איז דערפאַר ניט קיין וואונדער, וואָס ניט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן און שטערונגען, אינערלעכע און אויסערלעכע, איז ד'י אידישע שריפטזעצער יוניאָן באַלד פון אָנפאַנג געוואָרן אַ גוט־אָרגאַניזירטע, שטרענג דיסציפּלינירטע און מוסטערהאַפטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. ז'י איז גיך באַוואוסט געוואָרן פאַר ד'עם שטאַרקן געפיל פון סאָלידאַריטעט צווישן אירע מיטגלידער; גרייטקייט צו פאַרהאַנדלען און צו קעמפן; אַ באַציאונג פון ליבע צו די אידישע אותיות, צום אידישן וואָרט, צו דער אידישער קולטור, און אַ ווילן מיטצוהעלפן אין אַלע געזעלשאַפטליכע אונטערנעמונגען וואָס האָבן געשטרעבט אויפצוהויבן ד'עם עקאָנאָמישן ווי דעם קולטורעלן מצב פון ד'י אידישע מאַסן אין אַמעריקע.

***

דער אידישער שריפטזעצער האָט ניט נאָר געהאָלפן טעכניש, און אויך פינאַנציעל, אין דער אַנטוויקלונג פון דער יונגער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, נאָר האָט זיך אויך אַליין אין איר באַטייליקט. דער אידישער שריפטזעצער האָט אויסגענוצט זיינע קורצע אַרבעטס־שטונדען פאַר לייענען, לערנען און שטודירן. ד'י אידישע שריפטזעצער יוניאָן האָט צווישן אירע מיטגלידער געהאַט ניט נאָר אויסגעשטודירטע מעדיקער, לאָיערס און אינזשענירן, נאָר אויך אַ היבשע צאָל: דיכטער, דערציילער, זשורנאַליסטן און וויסענשאַפטלער.

מיט דער צייט איז אונזער יוניאָן אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן, און ווי ביי יעדן אַנדערן פאָלק איז די אַנטוויקלונג פון דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט דער אַנטוויקלונג פון אידישן דרוק־וועזן.

„געוויס האָט אין דעם שטורמישן ברויזנדן אויפבלי פון דער פּרעסע אין יענע ערשטע קינדער־יאָרן פון אידישן זשורנאַליזם (אין אַמעריקע) געהאַט אַ גרויסן חלק די שווערע מי, די פּאַכקענטעניש און פלייס פון דער ערשטער מחנה פון די אידישע שריפטזעצער אין אַמעריקע. קליין אין צאָל זיינען זיי געווען, אָבער ניט געקוקט אויף זייער שוואַכקייט אין קוואַנטיטעט, זיינען זיי אָבער, העכסט וואַרשיינלעך, שטאַרק געווען קוואַליטאַטיוו, אין איכות." [5]

ס'איז דערפאַר פאַרשטענדליך פאַרוואָס די אידישע שריפטזעצער יוניאָן איז געווען ערפאָלגרייך ניט נאָר אין פאַרבעסערן און פאַרזיכערן דעם מצב פון אירע אייגענע מיטגלידער, נאָר האָט געשפּילט אַ ראָלע אין אָרגאַניזירן אַנדערע אידישע יוניאָנס, און פאַרוואָס ד'י אידישע שריפטזעצער יוניאָן איז געווען איינע פון די ערשטע דריי יוניאָנס, וואָס האָבן געגרינדעט די „פאַראייניקטע אידישע געווערקשאַפטן", וועלכע האָט פּאַקטיש אויפגעבויט די גאַנצע אידישע טרעיד־יוניאָן באַוועגונג.

ס'איז דערפאַר אויך קלאָר פאַרוואָס אונזער יוניאָן איז געווען איינע פון די ערשטע יוניאָנס אין אַמעריקע אויסצוקעמפן אַן 8־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג, און איז גלייך געוואָרן אַ ביישפּיל פון אָרגאַניזאַציע און פון קאַמפּס־מעטאָדן ניט נאָר פאַר אַנדערע אידישע יוניאָנס, נאָר פאַר דער גאַנצער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג.

אונזער יוניאָן האָט איינגעפירט צום ערשטן מאָל אַ 6־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג — דעם ערשטן און איינציקן זעקס־שטונדיקן אַרבעטס־טאָג ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אין ד'ער גאַנצער וועלט.

די שריפטזעצער יוניאָן האָט געהאָלפן יוניאָניזירן אַלע מעכאַנישע דעפּאַרטמענטס אין די צייטונגען: סטערעאָטאַיפּערס, פּרעסלייט, לאַינאָטאַיפּ מאַשיניסטן, מעילערס און אַזוי ווייטער.

אויך אויף ד'עם אידישן געזעלשאַפטליכן געביט איז די אידישע שריפטזעצער יוניאָן געווען איינע פון די ערשטע יוניאָנס זיך אָנצושליסן אין ד'עם „געווערקשאַפטן קאַמפּעין פאַר ארץ ישראל", האָט געהאָלפן שיקן די ערשטע לאַינאָטאַיפּ מאַשין פאַר'ן „דבר", די אַרבעטער צייטונג אין ישראל, און האָט זיך בכלל אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע אידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס אין אַלע יאָרן פון איר עקזיסטענץ.

***

אונזער יוניאָן פייערט היינט איר 70טן געבורטסטאָג. איר עלטער פאַרשעמט ניט איר יוגענט. די יוניאָן האָט נאָך אַלץ גענוג וויטאַליטעט, איז אַקטיוו אין דער אַמעריקאַנער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג. די לעצטע צוויי יאָר האָבן מיר באַגעגנט זעהר שווערע פּראָבלעמען. מ'יר זיינען זיי בייגעקומען און אַרויס פון געראַנגל מער געאייניקט, בעסער אָרגאַניזירט און מיט מער פאַרשטענדעניש פאַר די אויפגאַבן פון אונזער יוניאָן אין דער איצטיקער שווערער צייט און אירע צילן פאַר דער צוקונפט.

אָבער צו 70 יאָר מאַכט יעדער מענש אַ חשבון הנפש. ער קוקט זיך אום אויף זיין פאַרגאַנגנהייט, שאַצט אָפּ זיין מאַטעריעלען פאַרמעגן און זיין גייסטיקן באַגאַזש, און פּלאַנירט זיין ווייטערדיקן לעבן מיט אויסגערעכנטקייט, מיט איבערלעגונג. אין דער נאָענטער צוקונפט וועט אונזער יוניאָן שטיין פּנים אל פּנים מיט אַנטשיידונגען וועלכע וועלן זיין היסטאָריש אין דער געשיכטע פון אונזער אָרגאַניזאַציע. ס'איז אָבער מיין טיפע איבערצייגונג, אַז דער שכל הישר, די אחדות און קוראַזש, וואָס האָט ביז איצט געהאַלטן גרויס און שטאַרק אונזער יוניאָן, און מיט גאָט צו הילף — וועלן מיר בשלום דורכגיין אַלע שטורעמס.

מיט אַ שטאָלצן נעכטן, אַ פריידיקן היינט און גוטע וואונשן פאַרן מאָרגן פייערן מיר היינט דעם גרויסן יום טוב פון די אידישע שריפטזעצער.

---

1) מרדכי וו. בערנשטיין („דער ספר—אונזער פאָן").
2־3) דר. הערמאַן פראַנק („אידישע טיפּאָגראַפיע").
4) מאָריס הילקוויט („לעבנס געשיכטע").
5) ש. שיינפעלד („50 יאָר אידישע שריפטזעצער").



## דער צוויבערער

פון **אברהם רייזען**

ווער עס ווייס, ווי ווערטער קלייבן,  
קען ער מיט זיי צויבער טרייבן.  
האָרכען ווערטער אים ווי שקלאַפן,  
קען ער מיט זיי אַלץ באַשאַפן.  
וואָס ער וויל נאָר און פאַרמעגט ניט,  
ווערט באַלד זיינס און קיינער פרעגט ניט.  
שטעלן ווערטער זיך אין ציילען —  
ציהט זיך וואַלד און פעלד פאַר מיילען . . .  
שטעלט ער אַנדערע צוזאַמען —  
שווימט זיין שיף אויף ווייטע ימ'ען . . .  
זוכט ער נאָך די ווערטער־שאַצען —  
שטעהען שטאָלץ פאַר אים פּאַלאַצען.  
האָט ער אַנדערע געפונען —  
גליהען דימענטען ווי זונען.  
זיינען נייערע געקומען —  
וואַקסט אַ גאַרטען, דופטען בלומען.  
וואָס ער וויל און וואָס באַגערט ער,  
שאַפט דער צויבערער פון ווערטער!

# דעם שריפטזעצער'ס סאַגאַ

געווידמעט אונדזער יוניאָן — לאָקאַל 83

● פון דען מאַנדעל

פון דעם תהום פון וועלט־באַשאַפונג,
פון דעם כאַאָס פון בראשית,
אויף די פליגלען פון געפילן,
איינגעהילט אין אַנגסט און ווילן,
דורכגעוועבט מיט ווייי און שטרעבן
פון אַ יעדן מענטשנס לעבן
איז געדאַנק אַרויסגעשוואומען,
איז געדאַנק אין וועלט געקומען.

יונג און צאַרט ז'געדאַנק געווען —
אומדערפאַרן געטלעך זוען —
גאַנץ אַליין אין וועלט פון טראַכטן,
און קיין זיווג נים געפונען;
האָט ער זוימען פון געדאַנקען
אויף דער וויסטער וועלט צעשאָטן: —
אפשר וועט אַ גערטנער קומען
זיי באַפרוכפּערן צו בלומען.

זיינען זוימען פון געדאַנקען
יאָרן טויזנטער געלעגן ..
אין די זאַמדן פון מדבריות,
אויף די קאַראַוואַנען־וועגן; ..
וואו־ניט־וואו געבליט האָט איינער
איינזאַם, עלנד, צווישן שטיינער,
ביז פון מענטשן־קאַראַוואַנען
איז דער שריפטזעצער אַנטשטאַנען.

ער, דער זעצער, קינד פון אָדם,
בלוט און מוסקול, מאַרך און ביינער,
האָט די געטלעכע געדאַנקען
צו פאַרשפּרייטן זיך גענומען;
האָט די זוימען אויסגעגראָבן —..
די געדאַנקען אויסגעפונען —
און פאַרפלאַנצט צווישן פעלזן
זיי פאַרשפּרייט אויף פאַפּירוסן,

אויסגעקריצט אויף פּיראַמידן,
שטיינער־לוחות — ביי די יידן,
אויף די היילע ווענט פון טעמפּלען,
איינגעקריצט אין זיגלען, שטעמפּלען,
און אין ליים פאַרפלאַנצט געדאַנקען,
און אין בראָנז, אין גאָלד־טאַבלעטן,
און אויף פאַרמעט איינגעשריבן,
און אין האָלץ זיי אויסגעשניטן.

מיט דעם צייט־גאַנג פון די יאָרן
איז די וועלט זיין פעלד געוואָרן;
איצטער זעצט ער מיט מאַשינען
טויזנטער געדאַנקען־מינים,
אַלערליי און אין מיליאָנען
און פאַרשפּרייט זיי אויף די לאַנען,
אויף די פעלדער, שטעט און דערפער
פון די סאַמע ווייטסטע לענדער...

— — — — — — — — — —

שווער איז דער וועג פון פּיאָנערן —
פול אַנטוישונגען און טרערן...
ווילסטו פלאַנצן רויזן־בייטן —
טוען דערנער זיך פאַרשפּרייטן,
וואַקסן שטעכערס צווישן בלומען...

— — — — — — — — — —

שווער איז דער וועג פון פּיאָנערן
וועלכע בויען נייע לענדער,
שווער איז דער וועג פון אַקער־אייזן
ווען ער איז אין פעלד אַ פרעמדער, —
אויך דער וועג פון אונדזער זעצער,
דעם פאַרשפּרייטער פון געדאַנקען,
איז באַזייט מיט שטרויכלונג־שטיינער
און באַדעקט מיט זאַמד און דערנער.

— — — — — — — — — —

דאָך ז'דאָס דענקען־וועלט געוואָרן
רייכער, רייפער פאַר די יאָרן
זינט דער שריפטזעצער ז'געקומען.



# אַלט אין יאָרען—יונג אין ענערגיע

● פון לאַזאַר בעקער

פאָרזיצער פון יובילעי קאָמיטעט.



לאַזאַר בעקער

דער באַגריף „אַלט“ אין אונזער מאַמע־לשון ווערט פאַרשטאַנען אויף צוויי אופנים — און כאָטשביידע זיינען אַנטקעגנגעזעצטע טייטשען, טראָגען זיי אין זיך, יעדער באַזונדער, טיפע אמת'ן.

מיר זאָגען, למשל, אויף אַ יונגען מענטשען: „ער האָט אַן אַלטען קאָפּ אויף זיך“. דערמיט מיינען מיר צו ערקלערען: כאָטש יונג אין יאָרען, האָט ער שכל און ערפאַרונג פון אַ מענשען „אין די יאָרען“; פאַרקערט, ווידער, הערען מיר אָפטמאָל אַזאַ אויסדרוק: „דער אַלטער האָט אַ יונגע נשמה“. מיט אַנדערע ווערטער, מיינען מיר צו זאָגען, אַז „דער זקן איז פול מיט לעבען, מיט אַמביציע... ער פאַרמאָגט יונגע כוחות“.

וועגען אונזער אידישער שריפטזעצער יוניאָן קאָן מען זאָגען אַז ביידע באַגריפען, יונג און אַלט, האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען און פאַסען איר אויסגעצייכענט: אונזער יוניאָן איז אַלט אין יאָרען — אָבער יונג אין גייסט!

די 70־יאָריגע עלטער האָט איר געגעבען אַ וועלט מיט ערפאַרונג; אין דער זעלבער צייט האָט דער צופלוס פון יונגע כוחות אין איר פירערשאַפט איר געגעבען פרישע ענערגיע, יונגען גייסט און מערקווירדיגע אונטערנעמונגס־קראַפט!

* * *

צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ, וועלען מיר בלויז געבען אַ קורצען איבערבליק פון דעם וואָס די אידישע שריפטזעצער יוניאָן האָט דורכגעמאַכט דורך די 70 יאָר פון איר עקזיסטענץ. מיר וועלען זיך באַמיהען צו פאַרצייכענען די פאַרשידענע עטאַפּען, בקיצור, אָהן קאָמענטאַרען:

1. קאַמף פאַר'ן 8־שעה'דיגען אַרבעטס־טאָג.
2. אַיינפירונג פון זעץ־מאַשינען אין די אידישע צייטונגען און קאָמערציעלע דרוקערייען.
3. פּראָספּעריטי אין די אידישע דרוקערייען; און אויך באַרג־אַראָפּ.
4. עקאָנאָמישע קריזיסען.

אַ דאַנק דעם וואָס אונזער יוניאָן איז צו יעדער צייט געווען געבענשט מיט פעהיגע, טאַקטפולע פירער, זיינען מיר געווען בכוח בייצוקומען אַלע שוועריגקייטען.

צו דערמאָנען בלויז איין פאַקט — די עפּאָכע פון דער לאַינאָטאַיפּ! די זעץ־מאַשין האָט באַוויזען צו פּראָדוצירען פיל מער זאַץ ווי איין זעצער ביי דער האַנט! אונזער יוניאָן האָט זיך שכל'דיג צוגעפּאַסט צו דער ביי־געשאַפענער לאַגע: זי האָט עטאַבלירט דעם פּרינציפּ, אַז אַנשטאָט די מאַשין זאָל שעדיגען דעם זעצער — זאָל זי ווערען אַ ברכה פאַר אים. צו דערגרייכען דאָס — האָט אונזער יוניאָן פאַרקירצט די אַרבעטס־צייט פון לאַינאָטאַיפּ־זעצער, פון 8 שטונדען אויף זעקס. דאָס האָט געמאַכט אַ רושם אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטס־וועלט: זעקס שטונדען אַ טאָג אַרבעט אין אַ צייט ווען 8 שטונדען אַ טאָג איז דעמאָלט געווען אַן אידעאַל!

היינט, צו אונזער אַלעמענס פרייד, יאָגט אונז אָן די גאַנצע אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג. דאָס איז געוואָרען מעגליך צוליב דעם, וואָס דער אַרבעטער באַוועגונג איז געלונגען אין די יאָרען פון דער רוזוועלט אַדמיניסטראַציע צו ווירקען אַז יושר'דיגע געזעצען, וואָס זאָלען רעגולירען די אינדוסטריעלע באַציאונגען אין לאַנד זאָלען אָנגענומען ווערען.

---

צו יעדען יובילײ קומען מיר מיט עפּעס אַ וויכטיגער דערגרייכונג. צו דעם 65טען יובילײ זיינען מיר געקומען מיט דער איינפירונג פון אַ 5־טאָגיגער וואָך. מענשען וועלען זיך וואונדערען: ווי קומט עס, וואָס אַ פּראָגרעסיווע יוניאָן ווי לאָקאַל 83 האָט געאַרבעט 6 טעג ביז מיט 5 יאָר צוריק? דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר האָבען געאַרבעט 6 שעה אַ טאָג, אָדער 36 שעה אַ וואָך. האָבען מיר, מיט דער צושטימונג פון די באַלעבאַטים, אָנגעהויבען אַרבעטען 7 שעה אַ טאָג, 5 טעג אַ וואָך.

צום היינטיגען יובילײ קומט אונזער יוניאָן מיט נאָך אַ וויכטיגער דערגרייכונג. זינט דעם 65טען יובילײ האָט די יוניאָן איינגעפירט אַ פענסיע פאָנד, אין וועלכען די צייטונג באַלעבאַטים צאָלען 6 פּראָצענט. דער פאָנד ווערט פאַרוואַלטעט פון פאָרשטייער פון די באַלעבאַטים און דער יוניאָן. די צוריקגעצויגענע אַרבעטער קריגען פון דעם פאָנד 15 דאָלאַר אַ וואָך. אויך אין דעם פעלד זיינען מיר געווען פּיאָנערען.

היינט האָבען מיר אַ געזונטען פענסיע פאָנד, און יעדער פענסיאָנער קריגט יעדען חודש אַ טשעק פון דעם פאָנד.

פאַרצייכענען מיר צו דער געלעגענהייט נאָך אַ וויכטיגען אויפטו פון אונזער יוניאָן.

ווען מיר קוקען דורך דעם צעטעל פון אונזערע מיטגלידער זעהען מיר, אַז אַ גרויסער טייל פון זיי פאַרנעמען פירענדיגע פּאָזיציעס אין פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס: פּאָליטישע, פּראָטערנאַלע און פילאַנטראָפּישע. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיר האָבען אויסגעשולט אַזוי פיל פירער פאַר אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אַז מיר זיינען אַליין געבליבען פאַראָרימט. וועלען מיר מוזען איבערקומען די אַרענדזשמענטס וועגען „לענד ליעס“ צו די אויסערליכע אָרגאַניזאַציעס.

---

אַזוי ווי איך האַלט נאָך דעם לינאָטיפּ אין האַנט, וויל איך, אין נאָמען פון דער יובילײ קאָמיטע, ווינשען אונזערע מיטגלידער, אַרבעטענדיגע און פענסיאָנערען אַ גוטען יום־טוב, און זיי זאָלען הנאה האָבען פון די באַדינגונגען, וואָס אונזער יוניאָן האָט דערוואָרבען אין לויף פון די 70 יאָר.

## אַ גרופּע מיטגלידער פון „דזשאַב“ שעפער



פון רעכטס צו לינקס: ב. וואַפעל, א. זאַניס, ס. סאָקאָלאָף, מ. זאַניס, ה. לינדער און א. פעשקין.




## ר׳ זיבעציגער לערנט אַ בלאַט גמרא

שטעהט דער זעצער, רייבט דעם שטערן,
לייענט די ווערטער, האַלט אין קלערן —
ס׳איז אים קשה אָט דער פּסוק,
און עס ווערט אים שטאַרק פאַרדראָסיק:
איז בן־שבעים אַזוי אַלט?
גאָט אין הימעל — ס׳ווערט מיר קאַלט!
מיינט דער תנא דאָ צו זאָגען,
אַז איך טויג שוין איצט אויף קלאָגען?...
אומזין! לאָמיר זיך ניט נאַרען:
וואָס מער אַלט — אַלץ מער ערפאַרען!
ווייל „לשיבה" מיינט דאָך נאָר,
אַז מ׳קריגט גרייז־גרויע האָר!
אָבער דאָס... קיין ראָלע שפּילט —
דער עיקר איז דאָך ווי מען פיהלט!
מאַנכע ברענגען אַ באַוויז,
אַז „לשיבה" מיינט אַ „גרייז"
— וואָס דער זעצער מוז אָפט מאַכען —
אָבער דאָס איז דאָך צום לאַכען...
און מען שפּאַסט אין יענע קרייזען,
אַז ער מאַכט אַזוי פיל גרייזען
אין דעם בליי, זיין טעגליך „שפּייז" —
ביז ער ווערט אַליין אַ „גרייז"...

* * *

דעם אמת אָבער מוז מען זאָגען:
ס׳העלפט קיין שפּאַס ניט און קיין קלאָגען!
טייטשט דעם פּסוק ווי איר ווילט,
און וועלכען ניגון נאָר איר שפּילט —
צום טאַנצען קומט עס ניט, געוויס:
שווער צו הויבען אַלטע פיס!... B. J.



# די זעצער און די שרייבער

● פון הלל ראָגאָף

צווישן די שרייבער און זעצער אין דעם צייטונגס־וועזן עקזיסטירט אַ מין פאַמיליע באַציהונג. זיי זיינען אָפּהענגיג איינע אָן די אַנדערע. זיי זיינען אַזוי אינטים פאַרבונדען איינע מיט די אַנדערע אין זייער טאָג־טעגליכער אַרבעט, אַז זיי וויסן איינע די אַנדערע׳ס מעלות און חסרונות, די שטאַרקע און שוואַכע פּונקטן ניט בלויז אין דער אַרבעט, נאָר טאַקע אויך אין זייער פּערזענליכקייט, אין זייערע כאַראַקטערן.

די אינטימע באַציאונג נעמט זיך ניט בלויז פון דעם, וואָס די אַרבעט ברענגט אונז אין שטענדיקן קאָנטאַקט, וואָס מיר זיינען געצוואונגען „צו רייבען איינער דעם אַנדערנ׳ס שולטערען", ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט. עס נעמט זיך איבערהויפּט דערפון, וואָס מיר זיינען אין אַ גרויסער מאָס שותפים אין דער אַרבעט. אין יעדען זעצער איז פאַראַן אַ פונק פון אַ שרייבער. און מאַנכע זעצער וואָלטען געקענט זיין פּונקט אַזוי נוצליך אין דער רעדאַקציע ווי אין דער דרוקעריי, און אַפילו מער. צווישען די „פאָרווערטס" שריפטזעצער זיינען שטענדיג געווען אַ צאָל פעהיגע זשורנאַליסטען און באַגאַבטע בעלעטריסטען. איך מיין ניט בלויז צווישען יענע זעצער, וואָס מאַכען די קאָרעקטור, נאָר טאַקע צווישען די יעניגע, וועלכע זיצען ביי די לאַינאָטאַיפּ מאַשינען, אָדער וואָס טוען די אַרבעט ביים „שטיין".

די זעצער און די שרייבער זיינען די בעסטע מבינים איינע אויף די אַנדערע. ביי שרייבערישע צוזאַמענקונפטען זיינען די זעצער אַן אָפטע טעמע פון זייערע געשפּרעכן. זיי אַמוזירן זיך מיט קאָמישע, טשיקאַווע און אינטערעסאַנטע מעשה׳לעך וועגן זייערע ערפאַרונגען מיט זעצער. און איך שטעל זיך פאָר, אַז דאָס זעלבע פּאַסירט ביי פאַרוויילונגען פון זעצער. זיי קענען אויך אַמוזירן איינע די אַנדערע מיט מעשה׳לעך וועגן שרייבער.

אין אַלגעמיין האָט דער שרייבער מער אורזאַך צו זיין דאַנקבאַר דעם זעצער ווי דער זעצער דעם שרייבער. די מערסטע גרייזן, וואָס דער זעצער מאַכט, ווערן פאַרריכט באַצייטנס פון זיינעם אַ קאָלעגע (דער קאָרעקטאָר). עס פּאַסירט זעלטן, אַז אַ גרייז, וואָס גנב׳עט זיך אַריין אין דער צייטונג, זאָל שטערן דעם לעזער פון נאָכפאָלגן דעם געדאַנק פון דעם אַרטיקל. דערפאַר אָבער איז דער שרייבער אָנגעוויזן אָפט אויף דעם וויסן, געשמאַק און אינפאָרמאַציע פון דעם זעצער. לויט די פאַרשריפטן פון דעם טרעיד, דאַרף דער זעצער זעצן פּונקט ווי ס׳שטייט געשריבן אין מאַנוסקריפּט, מעג דאָרט שטיין די גרעסטע עם הארצות, אָדער די גרעסטע נאַרישקייט. און וואָלטן די זעצער טאַקע זיך באַטראַכט ניט מער ווי „הענט", ווי די אַנדערע פאַכן אין דער מעכאַנישער אָפּטיילונג פון דער צייטונג, וואָלטן זיי טאַקע אַזוי געטאָן, און סיי די שרייבער און סיי די צייטונג וואָלטן פון דעם שטאַרק געליטן. דער זעצער פילט אָבער אינסטינקטיוו ווי אַ קאָלעגע פון דעם שרייבער, און ווען ער באַגעגנט אַזוינע טעותן אין מאַנוסקריפּט, האַלט ער פאַר זיין פליכט אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם שרייבער.

אין דעם פּרט איז דער „פאָרווערטס" געווען באַזונדערס מזל׳דיג. צווישען אונזערע זעצער היינט געפינען זיך: אַ טאַלאַנטפולער בעלעטריסט, וועמעס ערצעהלונגען און ראָמאַנען ווערן געדרוקט אין דער צייטונג; עטליכע פעהיגע זשורנאַליסטען; אַ גרויסער קענער אין אַלע צווייגן פון דער העברעאישער ליטעראַטור און העברעאישער שפּראַך, וועלכער איז אויך אַן אויסגעצייכנטער העברעאישער שריפטשטעלער. איינער פון אונזערע זעצער, דער, וועלכער איז מיט דער צייטונג פון ערשטן טאָג פון איר גרינדונג, איז „אַ גייענדע ענציקלאָפּעדיע" אין אַמעריקאַנער געגנשטאַנדן.

איך באַגריס די זעצער צו זייער איצטיקער יובילעי פייערונג אַלס קאָלעגן פון די רעדאַקציעס פון די אידישע צייטונגען אין אַלגעמיין און פון „פאָרווערטס" ספּעציעל. לאָמיר אַלע: די זעצער צוזאַמען מיט די שרייבער, זעהן ווירקען אַז די אידישע פּרעסע זאָל נאָך לאַנג לעבן און געדייען, אַז די דורות נאָך אונז וועלן האָבן די מעגלעכקייט צו פּראַווען עהנליכע יובילעאומס.

## די עצה (אַ מעשה׳לע)

פון נחום יוד

אין דער אַלט־גריכישער באַרימטער שטאָט אַתונה,
וואו ס׳האָבען זיך די קליגסטע לייט פון לאַנד געפונען,
איז צו אַ פילאָסאָף אַמאָל אַ מאַן געקומען,
געבראַכט צו ווייזען אים די שריפטען פון זיין זוהן.
אַ פאָטער — האָט ער פון דעם זוהן געקליבען נחת,
און פלעגט זיך מיט זיין שרייבען גרויסען אומעטום.
די זאַך איז,
וואָס ניט פאַרשטאַנען האָט ער גאָר און ניט געזעהן,
ווי נאַריש און ווי שלעכט דאָס שרייבען איז געווען...
ווייל ער, במחילה, צווישען אונז זאָל דאָס נאָר בלייבען,
האָט קיין השגה ניט געהאַט פון שרייבען.
דער דענקער האָט ניט לאַנג באַטראַכט
די כתבים, וועלכער יענער האָט געבראַכט,
און האָט אַ פרעג געטאָן דעם פאָטער מיט אַ שמייכעל:
— „ווי אַלט איז איצט דיין זוהן, זיי מוחל?"
— „ער איז אינגאַנצען נאָך ניט אַלט קיין פערצען יאָר!"
— „נו, אויב אַזוי, — באַמערקט האָט אים דער דענקער באַלד, —
איז נאָך ניט אַזוי ביטער...
און זאָגען זאָג איך דיר ווי אַ געניטער,
אַז דו וועסט נאָך מיט פּעטש און ריטער
אים קענען אָפּגעוואוינען פון זיין שטות׳עריי
און פּוסטער פּלוידעריי!
וועסט טאָן אַ טובה אים און לייטען אויך דערביי,
ווען דו וועסט, גאָר ניט אויף צו פליסען,
אים שמייסען, שמייסען, שמייסען!"

---

אַ מעשה׳לע, גאָר דוכט זיך, פון דער אַלטער צייט
דאָך זיינען שטענדיג דאָ אַזוינע לייט,
וואָס דאַרפען וויכען,
אַז ווייניג האָט מען זיי געשמיסען.

# מזל תאומים

**אם אחד**
**חש בראשו**
**חברו מרגיש...**

(ווען איינעם טוט־ווערע
דער קאָפּ — פּיהלט עס
אויך דער צווייטער)




ס'האָט אונז גאָט געגעבען
א צווילינג אַן אַנטיק;
אַ פרייד אין אונזער לעבען,
אַ נחת און אַ גליק.
ביידע שעהן — אַ וואונדער!
פרעגט גאָר ניט קיין שאלות;
איטליכער באַזונדער
האָט זיך זיינע מעלות.
און ווי דער שטייגער, קינדער —
איז טומעל, קריגעריי;
דאָך ליב איז מיר אַצינדער
זייער שפּילעריי.
די מאַמע ליידט און שטיקט זיך,
טענה'ט רק צו מיר:
טאָג און נאַכט מ'קריגט זיך!
וויפיל איז דער שיעור?
ס'טוט דער קאָפּ שוין וועה
פון דיינע ווילדע בנים;
ס'איז פול די שטוב מיט זיי —
ס'פלאַמט מיר אַזש דאָס פּנים.
פּרואוו איך איר ערקלערען:
וואַרט און דו וועסט זעהן —
זיי וועלען עלטער ווערען
און בעסער דאַן פאַרשטעהן.
אָבער זי, די מאַמע,
קוקט אויף מיר אַלץ קרום;
און זי טראַכט מיסטאַמע:
ווי נאַריש ר'איז און דום!

און זי נעמט, ווי פריהער,
רעדען אויף דאָס ניי,
טענות אָהן אַ שיעור
און מיט כעס דערביי:
ס'איז דיין שולד אינגאַנצען
האָסט אַ פאַלשען בליק;
ווי קען מען ריכטיג טאַנצען,
לויט אַזאַ מוזיק?...
נעם די אותיות דיינע,
רוף צונויף דאָס פאָלק;
דערצעהל די צרות מיינע —
און זעה־נאָר מאַך אַ טאָלק!
פאַרוואָס זאָלען צוויי ברידער,
ביידע פון איין מאַמען,
זיין אויף קידער־ווידער,
ניט לעבען גוט צוזאַמען?
און די ביידע ברידער
האָבען דאָך כסדר
פון דעם זעלבען סידור
געלערנט אין איין חדר!...
ביידע זיינען אידען,
קינדער פון איין בורא —
און ווילען זיין פאַרשידען,
און קריגען זיך — אַ מורא!
איינער וויל נאָר ריידען
דווקא שפת עברית;
דעם אידיש פון זיין זיידען
דולדעט ער מער ניט!

ער פאַרגעסט אַפּנים,
אַז ער רעדט אַצינד
ווי די אידען־שונאים,
ניט ווי אַ אידיש קינד!
ס'איז שוין ניט קיין חידוש —
מ'קען דאָס, דאַכט זיך, זעהן:
ווען ניט דער לשון אידיש,
וואָלט עברית ניט געווען!
מ'האָט אין גלות־חדר,
אין דער אידיש־שפּראַך,
געוועקט אין אונז כסדר
די ליבע צום תנ"ך.
ס'דערמאָנט אין די פאַרברענטע
אַמאָליגע העברעער —
ס'איז די זעלבע יענטע
אַנדערש נאָר געשלייערט.
ס'האָבען בעלי־מליצה,
משכילים און פאַרפּירטע,
געמאַכט דאַן אַ מחיצה
צווישען „שפחה" און „גביר'טע"...
ס'איז כדאי אויך צו דערמאָנען
איצט די אידיש־פרעסער,
און טאַקע שטאַרק באַטאָנען
זיי זאָלען וויסען בעסער:
ווען ניט די „שפחה" אידיש
פון גלות, פון אַמאָל —
וואָלטען אידען היינט קיין קידוש
ניט געמאַכט אין לאַנד ישראל!

B. J.



# אונזער באַלאַגערטע פעסטונג

## פעסימיסטישע געדאַנקען וועגן געדרוקטען אידישען וואָרט

● פון **שמואל ציטרין**

דער מלאך המוות, וואָס האָט, ווי אַ פּאַר־טיזאַן פון באַהעלטעניש, מיט איינצעלנע שאָסען, געהאַלטען אין איין פאַרקלענערען די צאָל פאַרטיידיגער פון אונזער אידיש־פעסטונג, האָט זיך דערלויבט אויף נאָך אַ געוואַגטען שריט. ער האָט אונז אַרומגערינ־געלט און באַלאַגערט. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם שטראָם פון רעזערווען און זאַפּאַסען צו אונז, און איצט איז עס שוין בלויז אַ פראַגע פון צייט.

זיינען די פּאָר ווערטער דאָ ניט קיין אָנ־קלאַגע פאַר אַ קריגס־געריכט מיט'ן ציל אויסצוזוכען און באַשטראָפען די שולדיגע. זיי זיינען אָבער אַ שטיקעל פרואוו צו געפי־נען די סיבות פאַרוואָס אַזוי איז געשעהן; פאַרוואָס דער איצטיגער אידיש־דור באַ־טראַכט זיך פאַר דעם לעצטען, וואָס האַלט אויף ביים לעבען דאָס געדרוקטע אידישע וואָרט.

דאָס איז אַ טעמע אויף וועלכער עס האָט שוין געשריבען כמעט יעדער אידישער שריי־בער — און ניט איין מאָל. פיל איז שוין וועגן דעם ענין געזאָגט געוואָרען — און אָהן צווייפעל — אַ סך אמת.

זאָל־זשע אויף דעם אָרט דערלויבט זיין אַ אידישען זעצער, דעם שטומען שותף פון שרייבער, צוצוגעבען נאָך אַ טראָפּען צו דעם שוין איבערפולטען טרויער־טאָל איבער דעם פאַרשווינדענדיגען אידישען לשון.

* * *

דאָס אַוועקגעהן פון די אַלטע שאַפער און אַפּנעמער פון געדרוקטען אידישען וואָרט וואָלט אונז אַזוי שווער ניט געטראָפען, ווען מיר וואָלטען געהאַט אַ נאַטירליכען צופלוס פון יונגע, נייע גענייסער און באַנוצער פון אידיש. האָבען זיי אָבער אויפגעהערט צו קומען, און אויב עס וועט ניט געשעהן עפּעס אַ נס, וואָס דאָס זעהט אויס צו זיין די איינ־ציגע רעטונג, וועלען זיי שוין ניט קומען.

די דאָזיגע לאַגע דאַרף ניט צוגעשריבען ווערען אינגאַנצען צום אומקום פון די אי־דען אין אייראָפּע. היטלער האָט דעם פּראָ־צעס בלויז פאַרשנעלערט. ער האָט אים ניט אַנגעהויבען.

אַנגעהויבען האָט זיך אונזער ירידה שוין לאַנג — באַלד נאָכ'ן געבורט פון אונזער מאָ־דערנעם לשון. די נאַטירליכע באַדינגונגען וואָס זיינען נויטיג פאַר'ן וואוקס און אַנט־וויקלונג פון אַ שפּראַך, און וואָס מיר האָבען זיי ניט געהאַט, האָבען גורם געווען, אַז פונ'ם קינד זאָל שנעל ווערען אַ זקן, אַז מאָדערנער אידיש זאָל בלויז האָבען אַן אָנהויב און אַ סוף, גאָרניט אין צווישען...

דאָס איז נוגע דעם געדרוקטען אידישען וואָרט אין אַלע זיינע פ א ר מ ע ן. די וויסענשאַפטליכע ווערק אין אידיש, וואָס זיינען אַלעמאָל געווען וועניג און אין אַ גאָר־גאָר „פּאָפּולערען סטיל", זיינען איצט מער ניטאָ. בעלעטריסטיק און פּאָעזיע, וואָס האָ־בען זיך צעבליט אין משך פון צוויי דורות, זיינען איצט קוים אַ ביסעל מער ווי אַ פּראָ־דוקט פון שרייבער פאַר שרייבער. בלייבט דער אַמשטאַרקסטען אַנטוויקעלטער צווייג פון אונזער געדרוקטען וואָרט, די אידישע פּרעסע — און אויך זי קייקעלט זיך גיך אין דער ריכטונג, אין וועלכער ס'איז זיך לייכ־טער צו קייקלען...

אָט די לאַגע איז ניט בלויז אין אַמעריקע, וואו די יוגענט באַדאַרף — און קריגט — אַזוי פיל מער ווי אַ אידיש בוך אָדער צייטונג קאָן איר געבען. אַזוי איז שוין אויך אין דרום־אַמעריקע, אַזוי איז אַלעמאָל געווען אין מערב־אייראָפּע און אַזוי האָט אויך האָרט פאַר דער לעצטער מלחמה אָנגעהויבן צו זיין אַפילו אין פּוילען, אין אידיש־אידישען פּוילן.

ס'איז ניט שייך זיך צו בייזערען אויף דער יוגענט וואָס זי רייסט זיך ניט צו אונזער געדרוקטען וואָרט, וואָס זי איז אַוועק צו רייי־כערע, מער אַנטוויקעלטע און מאָדערנע וואָרט־קוואַלען. ווען יונגע מענשען וואָלטען ביי אונז היינט עפּעס געקענט קריגען, וואָל־טען פיל פון זיי געקומען.

ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט אין מזרח־אייראָפּע דאָס אידישע בוך און די צייי־טונג נאָך אַלץ געהאַט וואָס צו געבען דעם לייענער. דער לייענער האָט נאָך אַלץ ניט געהאַט דערגרייכט די קולטורעלע מדרגה פונ'ם אידישען שרייבער. אָבער גרעסערע און גרעסערע צאָלען יונגע אידען האָבען אָנ־געהויבען באַקומען אַ מעגליכקייט פאַר ביל־דונג, ניט דווקא אוניווערזיטעט בילדונג, נאָר אַ ביסעל מער ווי עלעמענטאַרע. און אַזוי שנעל ווי דאָס איז געשעהן — זיינען זיי פאַרלוירען געגאַנגען פאַר דער אידישער לי־טעראַטור און פּרעסע.

וואָס האָט אַזאַ יוגענטליכער געקענט קרי־גען אין אַ אידישער צייטונג, למשל? וואָס האָבען אים געקענט געבען די אידישע שריי־בער, וואָס די מערסטע פון זיי האָבען מער ווי חדר און ישיבה־בילדונג ניט געהאַט? נייעס־באַריכטען, פּובליציסטישע אָפּהאַנד־לונגען, ליטעראַטור־קריטיק און טעאַטער־רעצענזיעס — דאָס האָט ער געקראָגען אין אָריגינאַל, ניט אין אַ פאַראיינפאַכטער, אָ פּ ט מ אָ ל טעות'דיגער איבערזעצונג. די צייטונג אין זיין לאַנדשפּראַך איז פאַר אים געווען אינטערעסאַנטער, מער באַפרידיגענ־דיג, מער באַלערנדיג.

אַז עס איז אַזוי געשעהן מיט דייטשען, פראַנצויזען, רוסען, פּאָליאַקען מיט זייערע רייכע קולטור־ירושות, ווען זיי האָבען עמיג־רירט אין פרעמדע לענדער און זיינען אָפּ־געריסען געוואָרען פון זייערע אייגענע גיי־סטיגע קוואַלען, — היינט, ווי אַזוי האָבען שוין אידען עס געקענט אויסמיידען?

קיין שום שפּראַך קען ניט לעבען אין דער פרעמד, אין גלות. קיין שום פאָלק, וועמעס וואָרצלען זיינען איבערגעפּלאַנצט געוואָרען אויף פרעמדער ערד, האָט ניט באַוויזען אויפ־צוהאַלטען זיין נאַציאָנאַל לשון.

און אידיש איז דאָך אומעטום געווען אין דער פרעמד. און דערפאַר האָט זיך די שפּראַך־אַסימילאַציע אָנגעהויבען אויך אין מזרח־אייראָפּע, וואו אי די גוי'אישע קולטו־רען האָבען זיך גענומען אַריינרייסען אין די אידישע היימען, אי די אידען זיינען זיי אַנטקעגענגעלאָפען.

* * *

וואָס־זשע זאָל היינט, אין 1958, אין אַמע־ריקע, אַ יונגער מענש, וואָס קען שוין אַפילו אידיש און וואָס אידיש איז אים אייגען, זו־כען אין דער אידיש־קולטור?

דאָס אידישע בוך און די אידישע צייטונג זיינען פאַר אים פאַרעלטערט, פול מיט אַלט־מאָדישע באַגריפען. ער ווערט איבעראַשט פון דער אָפּוועזענהייט פון מאָדערנער טע־מאַטיק, פון נייעם געדאַנק, פון פאַרשטענדע־ניש פאַר וועלכער ס'איז פּסיכאָלאָגישער מאָטיווירונג אין מענשליכע האַנדלונגען; אים דענערווירט דער ווידערשטאַנד צו נייע געדאַנקען, דאָס דעפענסיווע אָפּ'חוזק'ן פון אַלץ וואָס שטימט ניט מיט אָנגענומענע, אָפט פאַלשע, כללים.

דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט איז גע־בליבען, שיער ניט, אויף דער מדרגה פון זיין בראשית. מיר האָבען זעהר וועניג באמת גע־בילדעטע אידישע שרייבער; אין די מערסטע פאַלען איז גענוג צו קענען בלויז דאָס לשון צו זיין אַ שרייבער באידיש.

דאָס אידישע בוך איז איצט אַ יזכור־בוך, אַ געשיכטע פון דער אומגעקומענער היים.

די אידישע צייטונג איז אַ טעגליכער זשורנאַל, מיט אַ ביסעל נייעס און אַ סך „זאַנ־דערבאַרע געשיכטעס פון אמ'תען לעבען"; מיט „בינטלעך בריוו פון מענער און פרויען, וואָס בעטען קלוגע עצות", מיט „שפּאַנענדע ראָמאַנען פון אידישען לעבען אין אייראָפּע און אַמעריקע"; — די עטליכע ערשט־קלאַ־סיגע פּובליציסטישע פעלזען שטרייכען בלויז אונטער די פּרימיטיווע פלאַכקייט אַרום זיי.

* * *

שפּראַך איז געצייג פאַר, און ליטעראַטור — אַ רעזולטאַט פון: לעבען. נויטווענדיג־קייט איז משפיע ביידע. און אויב זיי זיינען אַזוי ווי זיי זיינען, איז אַ סימן, אַז עפּעס אַנדערש דאַרף מען ניט. ווען מען וואָלט גע־דאַרפט וואָלטען מיר געהאַט אידישע הויך־שולען, אוניווערזיטעטען, וואו ס'וואָלט גע־וואַקסען און געבליט אידיש און אידיש־שרייבער, וואָס וואָלטען אָנגעהאַלטען מיט דעם גאַנג פון דער צייט און מיטגעריסען מיט זיך די מאַסען, באַפרידיגט די אַלטע און געלאָקט נייע — און מיר וואָלטען זיך ניט געפונען אין אַ באַלאַגערטער פעסטונג און געוואַרט אויף אַ נס ס'זאָל זיך צו אונז דורכ־רייסען אַ ביסעל פריש בלוט.

# טראַכטענדיק וועגן דער צוקונפט

● פון ס. דינגאַל

.1

אין לעבען פון אַ יחיד איז זיבעציג יאָר אַן עלטער, אין וועלכער דער וועג צוריק איז לענגער ווי דער וועג פאָראויס. דער יחיד צו זיבעציג איז מער באַרעכטיגט צו פאַרנעמען זיך מיט זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט, ווי מיט פלענער פאַר דער צוקונפט.

אַנדערש איז דאָס לעבען פון אַ יוניאָן.

אין לעבען פון אַ קאָלעקטיוו נעמט צייט אָן אַן אַנדער דימענסיע. צייט איז ניט נאָר אַ פאָרזעצונג פון יאָרן, נאָר אויך אַ זאַמלונג פון כוחות. צו 70 יאָר קאָן אַ קאָלעקטיוו זיין שטאַרקער ווי צו 25.

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן איז אַ גוטער ביישפּיל.

ווען די יוניאָן איז געגרינדעט געוואָרען אין 1888, האָבען די אידישע שריפטזעצער געדאַרפט קעמפען פאַר אַ 10־שטונדיגען אַרבעטס־טאָג און פאַר שכירות פון 9 דאָלאַר אַ וואָך*).

ווען די יוניאָן איז אַלט געווען 25 יאָר, האָט זי שוין געהאַט אויסגעקעמפט אַ 6־שעה'דיגען אַרבעטס־טאָג, און שכירות — 25 דאָלאַר אַ וואָך.

צו 50 יאָר האָט די יוניאָן געהאַט אויסגעקעמפט אַ לוין פון 72 דאָלאַר אַ וואָך.

היינט, צו 70 יאָר, האָבען די מיטגלידער פון דער שריפטזעצער יוניאָן אין די אידישע צייטונגען אַ לוין פון 115 דאָלאַר דאָלאַר אַ וואָך פאַר 5 טעג אַרבעט און אַנדערע „בענעפיטס", וואָס פילע יוניאָנס האָבען אויסגעקעמפט פאַר זייערע מיטגלידער אין די מערסטע אַמעריקאַנער אינדוסטריעס.

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן האָט דורך די 70 יאָר פון איר געשיכטע געזאָרגט ניט בלויז פאַר די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון אירע מיטגלידער.

קעמפענדיג פאַר דער פאַרבעסערונג פון די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון אירע מיטגלידער, וואָס דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע פון יעדער אַרבעטער־יוניאָן, האָט די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן ניט פאַרמאַכט די אויגן אויף דעם פאַקט, אַז זי איז אַ א י ד י ש ע יוניאָן.

זי האָט זיך באַטייליגט אין אַלע רעליף־אונטערנעמונגען פון אַמעריקאַנער אידענטום לטובת די אידישע מלחמה־קרבנות אויף יענער זייט ים; זי האָט זיך באַטייליגט אין דעם קאַמף קעגען היטלעריזם און פאַר דער רעהאַביליטאַציע פון דער שארית הפליטה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה; זי האָט בייגעטראָגען איר חלק צו דעם אויפבוי פון דער אידישער מדינה ישראל.

דורך די 70 יאָר פון איר פאַרגאַנגענהייט האָט די אידישע שריפטזעצער יוניאָן אַריינגעשריבן אַ שיין קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

וואָס איז וועגן דער צוקונפט ?

די צוקונפט פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן איז ענג פאַרבונדען מיט דער צוקונפט פון דער אידישער פרעסע, פון וועלכער אַ העלפט פון אירע מיטגלידער ציען זייער חיונה.

*) „פופציג יאָר אידישע שריפטזעצער יוניאָן", פון ש. שיינפעלד.

די אידישע פּרעסע אין אַמעריקע מאַכט איצט דורך אַ שווערן קריזיס און שטייט פאַר שווערע נסיונות אין דער צוקונפט.

די אידישע פּרעסע האָט געהאַט אירע פּעסימיסטען און קלאָג־מוטערס אין אירע בעסטע צייטען.

זיי זענען אָבער געווען קליין אין צאָל, און ביי די מערסטע פון זיי איז זייער פּעסימיזם געווען אַן אויסדרוק פון זייער געפיל פון פרעמדקייט און גלייכגילטיגקייט צום אידישען וואָרט, אָנשטאָט אַ רעאַליסטישע אָפּשאַצונג פון דער לאַגע.

ביז מיט אַ דור צוריק האָט די אידישע פּרעסע געבליט. מיר האָבען געהאַט פיר טעגליכע צייטונגען אין ניו יאָרק און טעגליכע צייטונגען אין פילאַדעלפיע, קליוולאַנד און שיקאַגאָ.

אין ניו יאָרק זענען געבוירן געוואָרען אין זעלבען דור הערמאַן בערנשטיינ'ס „היינט", די פּועלי־ציוניסטישע „צייט", לואי מילער'ס „נייע וואַרהייט".

די נייע צייטונגען האָבען קיין אריכת ימים ניט געהאַט. זיי האָבען אָבער מיט זיך דעמאָנסטרירט דעם גלויבען פון מענשען אין דער צוקונפט פון דער אידישער פּרעסע.

פאַר די לעצטע צען יאָר איז ניט געבליבען קיין איין אידישע טעגליכע צייטונג אין דער פּראָווינץ. אויך די אידישע פּרעסע אין ניו יאָרק איז אָרימער געוואָרען מיט אַ צייטונג. די פאַרבליבענע צייטונגען זענען דורך דעם ניט שטאַרקער געוואָרען, נאָר שוואַכער.

עס ווערט פאַר די צייטונגען אַלץ שווערער און שווערער צו טראָגען די גרויסע הוצאות, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדען דאָס אַרויסגעבען אַ טעגליכע צייטונג אין ניו יאָרק.

עס איז אוממעגליך אין די ראַמען פון אַן אַרטיקעל אַריינצולאָזען זיך אין די סיבות, וואָס האָבען געבראַכט צו אַזאַ צושטאַנד.

לאָמיר פונדעסטוועגען, בקיצור, אָנצייכענען איניגע פון זיי, די אַלגעמיינע, ווי אויך די ספּעציפישע אידישע.

די אַלגעמיינע : די גרויסע אינפלאַציע, די הויכע קאָסטען אויף רוי־מאַטעריאַלען און אַרבעטער־שכירות, וואָס פאַרשלינגען אַ פיל גרעסערען טייל פון דער הכנסה ווי ווען עס איז פריער; די ראַדיאָ און טעלעוויזיע האָט אַוועקגענומען אַ גרויסען טייל פון דעם הויפּט־איינקונפט פון אַ צייטונג — די אַנאָנסען. לעצטענס האָט ראַדיאָ און טעלעוויזיע אויך אָנגעהויבען אַוועקצונעמען לייענער פון דער טעגליכער פּרעסע.

דאָס זענען אַלגעמיינע סיבות, פון וועלכע עס ליידען די אידישע צייטונגען אַזוי גוט ווי די ענגלישע צייטונגען אין אַמעריקע.

די ספּעציפישע אידישע סיבות זענען שוועריגקייטען פון דער אידישער פּרעסע, וואָס האָבען ניט קיין שליטה אויף דער ענגלישער פּרעסע אין אַמעריקע.

די ניי־געבוירענע אַמעריקאַנער קינדער זענען פּאָטענציעלע לייענער פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע.

די ניי־געבוירענע **אידישע** קינדער זענען **ניט** קיין פּאָטענציעלע לייענער פון דער אידישער פּרעסע. יעדענפאַלס, דערוויל ניט.

גרויסע אידישע ביזנעס־פירמעס אַנטלויפען מיט זייערע אַנאָנסען פון דער אידישער פּרעסע צו דער ענגלישער. די אידישע פּרעסע האָט אויפגעבויט זייערע געשעפטען, אָבער זיי פילען ניט קיין דאַנקבאַרקייט און קיין לאָיאַליטעט צו דער אידישער פּרעסע, וואָס האָט זיי אַרויסגעפירט אויף זייער ביזנעס־וועג און געמאַכט זיי פאַר מיליאָנערן.

די באַשרענקטע אימיגראַציע־געזעצען פון די 20ער יאָרען האָבען אָפּגעשטעלט די אידישע איינוואַנדערונג קיין אַמעריקע; די היטלער־רציחות אין די 30ער און אין אָנהויב פון די 40ער יאָרען האָבען אויסגעטריקענט דעם קוואַל פון אידישער אימיגראַציע אויך פאַר דער נאָענטער צוקונפט.

דאָס האָט געבראַכט די אידישע פּרעסע צו איר איצטיגען קריזיס.

.2

ווי איך האָב אָנגעוויזען, איז דער איצטיגער קריזיס אין דער פּרעסע ניט נאָר אַ אידישער, נאָר אויך אַן אַמעריקאַנער.

ווי אַזוי באַגעגענט די אַמעריקאַנער פּרעסע דעם איצטיגען קריזיס ?

גרויסע צייטונגען מיט מוט און גלויבען אין זייערע כחות גייען קעגען שטראָם און געווינען לייענער און אַנאָנסען אין צייט פון קריזיס, אפילו ווען זיי העכערן זייער פּרייז.

קלענערע צייטונגען באַקעמפען דעם קריזיס אויף צוויי וועגען : דורך העכערען דעם פּרייז פון דער צייטונג און דורך פאַרקלענערען די הוצאות דורך פאַרשידענע „עקאָנאָמיעס".

די צייטונגס־אַרויסגעבער, וואָס האָבען געהעכערט דעם פּרייז און פאַרבעסערט זייער אינהאַלט כדי צו האַלטען זייערע לייענער, האַלטען אויך זייערע צייטונגען. די לייענער האָבען אָנגענומען פאַר אַ נאַטירליכער זאַך, אַז ווען אַלץ קאָסט טייערער, מוז אויך אַ צייטונג קאָסטען טייערער. אָבער די צייטונגס־אַרויסגעבער, וואָס האָבען זיך געזוכט צו ראַטעווען בלויז דורך „עקאָנאָמיע", האָבען ניט אויסגעהאַלטען דעם דרוק. זיי האָבען זיך סוף־כל־סוף געמוזט פאַרקויפען, פאַראייניגען אָדער שליסען.

די אידישע צייטונגס־אַרויסגעבער זוכען צו ראַטעווען זיך פון קריזיס בלויז דורך „עקאָנאָמיע", און אין דעם באַשטייט זייער געפאַר.

„עקאָנאָמיע" אין דער פאַרוואַלטונג פון אַ צייטונג איז געוויס נויטיג, פּונקט אַזוי ווי אין יעדער געשעפטס־אונטערנעמונג. אָבער „עקאָנאָמיע" אַליין איז ניט גענוג.

שפּאָרזאַמקייט איז אונטערוואָרפען דעם עקאָנאָמישען געזעץ פון „פאַרקלענערטע פּראָפיטען" („לאָא אָוו דימינישינג ריטוירן") ווי יעדער אַנדער עקאָנאָמישע אָפּעראַציע.

עקאָנאָמיע מוז קומען צו אַ פּונקט, וואָס ווייטער קאָן זי ניט גיין, און אויב די הכנסה דעקט נאָך אַלץ ניט די הוצאה, באַגעגענט מען זיך מיט אַן אייזערנער וואַנט, ביי וועלכער מען מוז זיך אָפּשטעלען.

כדי עקאָנאָמיע זאָל זיין ווירקזאַם אין אַ קריזיס איז נויטיג, אַז צוזאַמען מיט די מיטלען צו פאַרקלענערען די הוצאות, זאָלען אויך געפונען ווערען מיטלען צו פאַרגרעסערען די הכנסות פון אַ צייטונג.

די געשיכטע פון פערד, וואָס מען האָט געוואָלט אויסלערנען, אַז זיי זאָלען זיך באַגיין מיט ווייניגער און ווייניגער האָבער, איז צו גוט באַקאַנט, אַז איך זאָל דאַרפען איבערדערציילען.

אין פאַל פון דער אידישער פּרעסע, מיינט עס צוציען צו דער אידישער צייטונג נייע לייענער פון די אידען, וואָס קאָנען לייענען אידיש, און לייענען ניט, ווייל די צייטונג איז פאַר זיי ניט וויכטיג, אָדער זי איז פאַר זיי שווער צו באַקומען.

טוען מיר עפּעס צו פאַרבעסערן די לאַגע?

פאַר שרייבערס און פאַר שריפטזעצערס איז ניט קיין סוד, אַז אין די לעצטע יאָרען האָט די אידישע פּרעסע פאַרלוירען פיל פון



# טראַכטענדיק וועגן דער צוקונפט

אַמאָליגען אינהאַלט און גייסטיגע רייכקייט. „פּובליסיטי" פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון פּובליציסטיק, און „קליפּינגס" דעם פּלאַץ פון רעפּאָרטאַזש. שיינע ליטעראַטור איז אינגאַנצען פאַרטריבן געוואָרן מחוץ למחנה; די אידישע צייטונג האָט פאַרלוירען פיל פון איר אידישען אינהאַלט. איז אַ וואונדער, אַז אַ צאָל אידען וואָס לייענען ענגליש האָבען פאַרלוירען זייער אינטערעס אין דער אידישער פּרעסע ?

דאָס זיינען די רעזולטאַטען פון דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס — איך מיין דעם פּראָצעס פון עקאָנאָמיע — וואָס גייט אָן אין דער אידישער פּרעסע פאַר די לעצטע עטליכע יאָר.

עס וואָלט געווען אַן אומרעכט צו וואַרפען די גאַנצע שולד אויף די אַרויסגעבער. מיר אַליין טראָגען ניט קיין קליינעם חלק אין דער געשאַפענער לאַגע.

אָבער פון שלאָגען זיך „על חטא" וועט דער קריזיס אין דער אידישער פּרעסע ניט געלייזט ווערען.

דער קריזיס אין דער אידישער פּרעסע איז אַ פינאַנציעלער און אַ מאָראַלישער.

וואָס איז נוגע די פינאַנצען, טראָגען דערווייל די צייטונגס־אַרויסגעבער דעם פולען יאָך, און מיט דער גאַנצער „עקאָנאָמיע" וואָס זיי מאַכען, איז זיי ניטאָ וואָס מקנא צו זיין.

זיי ווייסען אָבער אַזוי גוט ווי מיר, אַז די אידישע צייטונגען קאָנען ניט לעזען זייער קריזיס, אַזוי ווי די אַמעריקאַנער צייטונגען, דורך צונויפשמעלצונג אָדער פאַרקויפען. עס זיינען ניטאָ קיין קויפער און עס איז מער ניטאָ מיט וועמען זיך צונויפצושמעלצען.

די אידישע פּרעסע האָט אָבער נאָך שותפים. זיי זיינען די אידישע שרייבערס, שריפטזעצער און די אידישע געזעלשאַפטליכקייט. זיי נויטיגען זיך אין דער אידישער צייטונג און די אידישע צייטונג נויטיגט זיך אין זיי.

די שרייבער און די שריפטזעצער זענען ניט די פינאַנציעלע שותפים פון די אַרויסגעבער, אָבער זייערע מאָראַלישע שותפים.

עס איז אונזער פליכט, ווי ווייט מיר קאָנען, צו העלפען זיי טראָגען דעם יאָך אויב זיי קאָנען אים אַליין ניט טראָגען; עס איז אָבער אונזער רעכט צו זאָגען אַ דעה און אָנווייזן אויף פעלערן וואָס מוזן פאַרבעסערט ווערען, כדי מיר זאָלען קאָנען עקזיסטירן.

די אידישע פּרעסע לעבט איצט דורך איר שווערסטען קריזיס.

מיר שטייען פאַר דער גרויסער און שווערער ברירה : שווימען אָדער אונטערגיין ?

מיר ווילען די אידישע צייטונגען ניט לאָזן אונטערגיין.

# ציפּערן און געדאַנקען

● פון הײמאַן שטײן

סעק.־טרעזשורער פון דער יוניאָן



הײמאַן שטײן

היינט, צו אונזער 70־יעריגען יובליי, פּונקט דעמאָלט ווען מיר אַלע זענען פאַרזאַמעלט אַביסעל צו פאַרוויילען זיך, און אין דערזעלבער צייט זיך דורכרעדן מיט חברים־זעצער וואָס מען באַגעגענט בלויז יעדע פינף יאָר, ווען אונזער יוניאָן פייערט אַ יובילעי — איז נויטיג זיך אָפּצוגעבען אַ חשבון־הנפש, זיך גוט אַרומצוקוקען וואו מיר האַלטען אין דער וועלט, צו באַטראַכטען אונזער געגענוואַרט און זעהן וואָס אונז ערוואַרט אין דער נאָהענטער צוקונפט.

פריער פון אַלץ, וועל איך אין קורצען מאַכען אַ סך־הכל פון אונזער פאַרמעגען אין געלט און אין מיטגלידערשאַפט. אַלס סעקרעטער־טרעזשורער, מוז איך אַביסעל רעדען וועגען ציפערן. אמת, ציפערן זיינען אַ טרוקענער ענין — אָבער אַמאָל רעדען ציפערן זעהר אַ סך, און זיינען דער באַראָמעטער פון איצטיגע און קומענדע געשעהענישען.

ביי אונזער 65־יעריגען באַנקעט האָט אונזער יוניאָן פאַרמאָגט אַריבער 200 מיטגלידער — היינט־צו־טאָג פאַרמאָגען מיר אַרום 180 מיטגלידער. דאָס הייסט אַ פאַרלוסט פון אַרום אַ 10־פּראָצענט אין מעמבערס. וואָלט דאָך עמיצער געקענט מיינען, אַז מיט אַ פאַרלוסט פון 10 פּראָצענט מעמבערס, זענען די פאַרדינסטען פאַר די איבעריגע 90 פּראָצענט גרעסער, איז עס אָבער אַ טעות—מיט דעם וואָס די צאָל מעמבערס ווערען קלענער, ווערט אויך, צום באַדויערן, ווייניגער אַרבעט.

די צאָל פּענסיאָנערן זענען געשטיגען אין פּראָפּאָרציע. אין די לעצטע פינף יאָר זענען אויך צוגעקומען אַ 10 פּראָצענט פון דער פּענסיאָנערן ליסטע, אַזוי אַרום אַז מיר האָבען היינט־צו טאָג אַריבער 20 פּראָצענט פון דער גאַנצער מעמבערשיפּ אויף פּענסיע.

דורך די לעצטע פינף יאָר זענען אויך פאָרגעקומען ענדערונגען אין אונזערע רייען. אַ געוויסע צאָל זענען אַוועק אויפ'ן עולם האמת, און אויף זייערע ערטער זענען איינגעגלידערט געוואָרן נייע, אַריבערגעקומענע, און ס'פאַרשטייט זיך, אונזער יוניאָן האָט זיי געגעבען יעדע מעגליכקייט זיך צו פאַרפולקאָמען, כדי צו קענען איבערנעמען די פליכטען, וואָס זענען פאַרבונדען מיט אונזערע אַרבעטס־פּאָסטענס.

און איצט וועגען פינאַנצען: דאָ קען איך זיך אַביסעל מערער באַרימען. ווייל נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט דעם סך הכל מיט פינף יאָר צוריק און דעם סך הכל פון היינט — נעמענדיג אין אָנבאַטראַכט די קלענערע צאָל מיטגלידער און די גרעסערע צאָל פּענסיאָנערן — איז דער צושטאַנד אַ סך אַ בעסערער. מיר פאַרמאָגען היינט־צו־טאָג לויט אונזער צאָל מיטגלידער אַ גרויסע סומע געלט. ווען מיר וואָלטען אפילו זיך אַוועקגעזעצט אויסרעכענען אין פּראָפּאָרציע, לאָמיר זאָגען, מיט אונזער שוועסטער יוניאָן נומער 6, זענען מיר רייכער אין פּראָפּאָרציע פון יעדען מיטגליד ווי נומער 6.

איך וויל אייך דערמאָנען, אַז ווען איך רעד דאָ וועגען ציפערן מיט פינף יאָר צוריק, בין איך מער־ווייניגער באַהאַוונט אין דעם, ווייל פּונקט דעמאָלט, מיט פינף יאָר צוריק, האָב איך אויך באַקליידט דעמזעלבען אַמט אַלס אייער סעקרעטאַר־טרעזשורער.

* * *

מען קען ניט פאַרמאַכען די אויגען און איגנאָרירען דעם טרויעריגען פאַקט, אַז אונזער אידישע ליטעראַטור, אונזער אידישע שפּראַך אין אַלגעמיין, געהט איצט דורך אַ שווערע צייט — אַ צייט פון ירידה; אַ צייט פון כסדר'דיגען נידערגאַנג פון אידישען בוך און אידישען צייטונגס־וועזען. מיר ווייסען, אַז ווען אַ איד שטאַרבט, ווערט פאַרלאָרען אַ לעזער פון אידיש — און קיין נייער קומט ניט צו אויף זיין פּלאַץ. סיבות זיינען פאַראַן עטליכע — און ס'איז ניט נויטיג דאָ זיי אויסצורעכענען. גענוג צו דערמאָנען: צוערשט — די פאַרמאַכטע טירען פאַר אימיגראַנטען די לעצטע יאָרען; צווייטענס — די היטלער־שחיטות אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַז דאָס רירט אָן אונזער פאַד — איז איבעריג צו זאַגען. אידישע דרוק־אַרבעט איז אונזער קוואַל פון פּרנסה.

ס'איז נויטיג אַ גרויסע אָנשטרענגונג, איבערמענשליכע כוחות צו אונטערנעמען אַ קאַמף, אַ גרויסע פּראָפּאַגאַנדע־אַקציע אויפצואוועקען די אידישע מאַסען צו דער געפאַר פון אידיש־אונטערגאַנג, וואָס דראָהט אונז דאָ אין אַמעריקע.

לאָמיר זיין אָפענהאַרציג : אונזער יוגענט, מיט גאַנץ קליינע אויסנאַמען, לייענט ניט קיין אידיש און אינטערעסירט זיך ניט מיט אידיש. אונז בלייבט נאָר דער אַלטער לייענער פון אַ אידישער צייטונג און אַ אידישען בוך.

אין איצטיגען מאָמענט, ווען אידיש — אידישע צייטונגען, אידישע ביכער — לעבען דורך אַ קריטישע צייט, דאַרפען מיר זיך ערנסט פאַרטראַכטען ווי צו פאַרבעסערען דעם מצב פון אונזער פאַד. מיר דאַרפען אָנפירען אַן ענערגישען קאַמף און פאָדערען ביי אידישע שרייבער און אַרויסגעבער, אַז זיי זאָלען ניט דרוקען זייערע ביכער אין אַנדערע לענדער.

* * *

מיט דער היינטיגער פייערונג פון 70 יאָר אידישע שריפטזעצער יוניאָן, פייערן מיר אויך היינטיגס יאָר 10 יאָר מדינת ישראל— לחיים אידען! לחיים פאַר אַ שטאַרקער און אייביגער מדינת ישראל!

# אַ געשיכטלעכער איבערבליק פון אונזער יוניאָן

● פון טוביה גלאַז

די געווינסען און דעראָבערונגען פון אונזער יוניאָן זיינען אונז ניט אונטערגעטראָגען געוואָרען אויף אַ זילבערנעם טאַץ. עס האָט זיך געפאָדערט וויזיע, מוט, קוראַזש און שווער קעמפען צו דערגרייכען די דאָזיגע געווינסען.

אין יאָר 1886, ווען די יוניאָן האָט געמאַכט אירע ערשטע טריט אויף דער אידישער אַרבייטער גאַס אין ניו יאָרק, האָט דער „סוועט־שאַפּ" געקעניגט אין אַלע ווינקלען פון לאַנד.

אין די דאָזיגע פינסטערע טעג האָט זיך געפאָדערט אויסערגעוועהנליכע געוואַגטקייט פאַר אַן אַרבייטער־גרופּע זיך צו אָרגאַניזירען אונטער דעם נאָמען „יוניאָן". האָבען אונזערע גרינדער זיך אָרגאַניזירט אונטער דעם נאָמען: „אידישע שריפטזעצער אַסאָסיעישאָן". דער דאָזיגער ערשטער שריט האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער „היברו־אַמעריקען טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן", וואָס איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרען מיט צוויי יאָר שפּעטער — אין יאָר 1888.

דורך די צוויי יאָר, זייענדיג אָרגאַניזירט, האָט אונזער יוניאָן זיך דערוואָרבען היפּשעןַ פרעסטיזש אויף דער אידישער איסט־סייד. פיהלענדיג שטאַרק גענוג, באַשליסט די יוניאָן אָנצוהויבען אַן אַקטיוויטעט, און אַלס רעזולטאַט אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים: ראשית, די אָפּשאַפונג פון דעם 14־ און 16־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג און די איינפירונג פון אַ 10־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג און אַנשטאָט די מיזעראַבעלע שכירות פון 5 דאָלאַר אַ וואָך — 9 דאָלאַר אַ וואָך.

דאָס איז געווען אַ רעוואָלוציע אין מיניאַטור קעגען דער סוועט־סיסטעם. די יוניאָן האָט שטאַרק געקעמפט פאַר די דאָזיגע פאָדערונגען און געוואונען. די פרייד פון דעם דאָזיגען ערשטען זיג איז געווען אין לשער — אַ קליינינקייט, געבראַכען די „סוועט־שאַפּ" סיסטעם אינ'ם דרוקער־פאַך!

שטאַרק דערמוטיגט פון דעם דאָזיגען זיג, אָרגאַניזירט די יוניאָן אַלץ מער דזשאַבשעפער און קריגט אַריין גרעסערע צאָלען נייע מיטגלידער.

אין 1890 האָט די יוניאָן דורכגעמאַכט דעם ערשטען סטרייק, ווען אַ באַלעבאָס האָט דיסקרימינירט קעגען אַ מיטגליד פון דער יוניאָן. דער סטרייק האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטען און דער מיטגליד איז צוריק אָנגעשטעלט געוואָרען צו דער אַרבייט.

אין יוני, 1894, קריגט די יוניאָן אַ טשאַרטער פון דער אַי.טי.יו. אונטער דעם נאָמען: „היברו־אַמעריקען טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן נומער 83, אַי.טי.יו.

אין 1895, ווען די ערשטע זעץ־מאַשינען זיינען אינסטאַלירט געוואָרען אין די צייטונגען, האָט די יוניאָן באַשלאָסען, אַז די אָפּערייטאָרס זאָלען זיך טיילען מיט דער אַרבייט, כדי אויסצומיידען אַרבייטסלאָזיגקייט, וואָס די זעץ־מאַשין האָט פאַראורזאַכט. די יוניאָן באַשליסט דאַן צו צעטיילען דעם 8־שטונדיגען אַרבייטסטאָג אויף 2 העלפטען און יעדער שיפט זאָל אַרבייטען בלויז פיר שעה פאַר העלפט שכירות.

אין יאָר 1907 דערגרייכט די יוניאָן איר העכסטען געווינס — דעם 6־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג און 4½ שעה נאַכט־אַרבייט אויף די טעגליכע צייטונגען. די דאָזיגע דערגרייכונג איז באַוואונדערט און פאַרהערליכט געוואָרען פון דער גאַנצער אַלגעמיינער אַרבייטער באַוועגונג אין לאַנד.

אין יאָר 1913 פייערט די יוניאָן איר 25־יעריגע עקזיסטענץ מיט דער דערגרייכונג פון אַ נייעם קאָנטראַקט פאַר 5 יאָר ביז 35 דאָלאַר אַ וואָך.

אין זעלבען יאָר, 1913, דערשיינט אין פילאַדעלפיע די „אידישע וועלט". אונזער יוניאָן האָט זיך פאַרשטענדיגט מיט דער פילאַדעלפיער יוניאָן נומער 2, אַז וואָס שייך די שטונדען זאָלען די זעצער האָבען די זעלבע 6 שעה ווי מיר, אין ניו יאָרק, כאָטש די פילאַדעלפיער יוניאָן האָט געאַרבייט 8 שעה אַ טאָג.

ווען דער ניו יאָרקער „פאָרווערטס" האָט געעפענט אַ ברענטש אין שיקאַגאָ, וואו ס'איז דערשינען דער שיקאַגער „פאָרווערטס", האָט די יוניאָן געוואונען פאַר די דאָרטיגע זעצער די זעלבע סקעיל ווי אונזערע אין ניו יאָרק. אויך האָבען די זעצער אויף דעם שיקאַגער „קוריער" געקראָגען די זעלבע סקעיל ווי מיר.

* * *

ווען איך בין אין 1907 געקומען קיין אַמעריקע האָבען דאַן עקזיסטירט פיר שטאַרק איינגעפונדעוועטע צייטונגען אין ניו יאָרק: דער „פאָרווערטס", די „וואַרהייט", דאָס „טאַגעבלאַט" און דער „מאָרגען זשורנאַל".

* * *

אין נאָוועמבער, 1914, דערשיינט דער „טאָג". די צייטונג האָט צוגעצויגען די בעסטע שרייבערישע כוחות דאָ אין לאַנד און פון אייראָפּע.

* * *

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין 1914, איידער אַמעריקע איז אַריינגעטראָטען אין קריג צוזאַמען מיט די „עלאַיס", איז די סימפּאַטיע פון דער אידישער באַפעלקערונג געווען מער נוטה צו דייטשלאַנד, ניט מחמת די ליבע צו זיי, נאָר מחמת דער גרויסער שנאה צום צאַרישען רוסלאַנד, וואו אידען זיינען שטאַרק אונטערדריקט און פּאָגראָמירט געוואָרען.

ויהי היום, איז אין איין שעהנעם פרימאָרגען אַרויסגעקומען די „וואַרהייט" מיט אַ שאַרפען עדיטאָריעל קעגען דייטשלאַנד און פאַר די „עלאַיס", צווישען וועלכען רוסלאַנד איז געווען אַ פאַרבינדעטע.

דער דאָזיגער עדיטאָריעל האָט ווי אַ באָמבע אויפגעריסען אין אַלע אידישע קרייזען. גלייך אויף דעם צווייטען טאָג האָט די צייטונג געהאַט אַ פאַרלוסט פון 30 טויזענט צירקולאַציע און עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ כוואַליע פון פּראָטעסטען געגען דער צייטונג.

דאָס האָט פאַרזיגעלט דעם אונטערגאַנג פון דער צייטונג, און דער סוף איז געקומען נאָך שנעלער ווי מ'האָט געקאָנט דערוואַרטען.

דער אונטערגאַנג פון דער „וואַרהייט" איז געווען אַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע פאַר דער יוניאָן. אָבער די יוניאָן האָט געהאַנדעלט אויף אַ מיושב'דיגען און ברידערליכען אופן און האָט אַלעמען באַזאָרגט מיט אַרבייט אין די צייטונגען און דזשאָב־שעפּער.

אין יאָר 1919 געווינט די יוניאָן די 44־שטונדיגע אַרבייטס־וואָך אין די דזשאָב־שעפּער, און אין 1920, ווען די יוניאָן האָט אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פאַר אַ העכערונג אין די שכירות פאַר די מיטגלידער אין די דזשאָב־דרוקערייען, זיינען די באַלעבאַטים, ווי דער שטייגער, געווען האַרטנעקיג, און נאָך אַ סטרייק פון עטליכע וואָכען האָט די יוניאָן געוואונען איר פאָדערונג פון העכערונג פון די שכירות.

אין 1921 קומט צום לעבען דער „עמויר־דזשענסי פאָנד" — אונזער „רויטער קרייץ".

געפירט צו דער אָרגאַניזירונג פון דעם פאָנד האָט אַ טרויעריגער צופאַל, ווען אונזער'ס אַ מיטגליד, וועלכער האָט געאַרבייט אין „פאָרווערטס" איז געפאַלען אַ קרבן פון אַ פּסיכישער מחלה און מען האָט אים געמוזט צונעמען אין קינגס קאָונטי האָספּיטאַל.

אָבער כדי צו פאַרזאָרגען מיט ממשות'דיגער הילף דער פרוי זיינער און צוויי קליינע קינדערלעך און זיין אַלטער מאַמע'ן, האָט די יוניאָן באַשלאָסען צו אַראַנזשירען אַ טעאַטער־אונטערנעמונג. די אונטערנעמונג האָט אַריינגעבראַכט איבער 3 טויזענט דאָלאַר און מיט דעם געלט האָט מען איינגעאָרדענט דער פאַמיליע צו ציהען איר חיונה.

אין יאָר 1923 באַשליסט די יוניאָן צו האָבען יעדען יאָר אַ „שריפטזעצער אָוועט" לטובת דעם „עמוירדזשענסי פאָנד". די דאָזיגע אָוועטען זיינען געוואָרען אַ „שם־דבר" אויף דער אידישער גאַס, און דער טעאַטער, צי אַ קאָנצערט־זאַל, פלעגט זיין איבערגעפּאַקט יעדעס מאָל.

* * *

אין יאָר 1922 איז דערשינען די „פריי־הייט", אַרויסגעגעבען פון דער אידישער סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אונזערע מיטגלידער זיינען באַשעפטיגט אויף דער צייטונג די גאַנצע צייט פון איר עקזיסטענץ.

אין יאָר 1925 האָט די יוניאָן אונטערגעשריבען אַ 5־יאָריגען קאָנטראַקט מיט די פּאַבלישערס, וואָס האָט געבראַכט גראַדועל צו 72 דאָלאַר אַ וואָך, צוויי וואָכען וואַקיישאָן און 13 ימים־טובים.

די דזשאָב־סקעיל איז פון 1924 ביז 1928 דערפירט געוואָרען צו 60 דאָלאַר אַ וואָך און 3 טעג באַצאָלטע ימים־טובים.

אין חודש מאַי, 1928 איז געשלאָסען געוואָרען דאָס „טאַגעבלאַט".

אין דעצעמבער, 1928 פייערט די יוניאָן איר 40־יאָריגען יובילעי אויף אַ זעהר אימפּאָזאַנטען אופן.

אין אָקטאָבער, 1933 פייערט די יוניאָן איר 45־יאָריגען יובילעי און אין 1938 — איר 50־יאָריגען יובילעי.

אין דעצעמבער, 1948, פייערט די יוניאָן איר 60טען יובל. דאָס מאָל איז עס אַ טאָפּעלע שמחה צוליב דער געבורט פון אונזער לאַנד ישראל. ביי יענעם אימפּאָזאַנטען אָוונט האָבען מיר געהאַט די גרויסע זכיה באַגריסט צו ווערען אין נאָמען פון דעם אַרבייטענדען ארץ ישראל און אין נאָמען פון דער הסתדרות ביי דעם דעמאָלטיגען נשיא פון ועד לאומי און פון איצטיגען פּרעזידענט פון ישראל — יצחק בן צבי.

דעם 14טען נאָוועמבער, 1953, פייערט די יוניאָן אויף אַ זעהר פּראַכטפולען אופן איר 65טען יובל.

* * *

אַרום יענער צייט איז אונטערגעגאַנגען די עלטסטע צייטונג — דער „מאָרגען־זשורנאַל". דער פּאָבלישער פון „טאָג" האָט אָפּגעקויפט דעם „מאָרגען־זשורנאַל" און זי פאַרשמעלצט מיט'ן „טאָג". דאָס איז געווען זעהר אַ שווערער קלאַפּ פאַר אונזער יוניאָן.

* * *

אין פאַרלויף פון אונזער עקזיסטענץ זיינען פיל צייטונגען אויפגעקומען און אונטערגעגאַנגען. דורך די לעצטע 45 יאָר זיינען ערשינען אַ היבשע צאָל צייטונגען, וועלכע ס'איז ניט באַשערט געווען צו האָבען אריכות ימים, ווי דער „היום", „דער פּירער", די „נייע וואַרהייט", דער „היינט" און די פּועלי־ציוניסטישע צייטונג „די צייט".

* * *

אין דעם לאַנגען צעטעל פון הילפס־אַקציעס און ביישטייערונגען צו פאַרשיידענע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלפעיר־אַנשטאַלטען און אַלגעמיינע קערפּערשאַפטען, שפּילט אַ הויפּט־ראָלע דער אַנטייל אונזערער אויפ'ן געביט פון אידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, וואָס מיר באַשטייערען זיך דורך דער הסתדרות.

אונזער טעטיגקייט אויף דעם דאָזיגען געביט איז געקומען צו שטאַנד נאָך אין יאָר 1916, ווען אַ היבשע צאָל מיטגלידער אונזערע האָבען געגרינדעט דעם ברענטש 83 פון אידיש נאַציאָנאַלען אַרבייטער פאַרבאַנד. זינט דאַן האָט די יוניאָן אַלס גאַנצע אַקטועל אַנטייל גענומען אין די פאַרשיידענע טעטיגקייטען פון דער הסתדרות־באַוועגונג פאַר דעם אַרבייטענדען ארץ ישראל. אין שייכות מיט דעם זאָל מיר דאָ ערלויבט זיין צוצוטיילען דעם פאַרדינטען כבוד צו אונזער זעהר חשוב'ען מיטגליד מאיר קאַסטאָף ע"ה, וועלכער איז נפטר געוואָרען דעם 15טען יאַנואַר, 1958. ער איז עס געווען דער רוח־החיים, די טרייבקראַפט אין אונזערע רייען פאַר דער אידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. באמת, כ'קאָן זיך ניט פאָרשטעלען נאָך איינעם, וועלכער זאָל האָבען אַזוי דורכאויס געלעבט מיט דעם אוירא דישראל.

זאָלען די דאָזיגע שורות דינען אַלס בלומענקראַנץ אין זיין הייליגען אָנדענק!

* * *

יאָרען זיינען פאַרלאָפען און צווישען די בעלי־בתים מיט דער יוניאָן האָט זיך איינגעשטעלט כמעט ווי אַ שטילשטאַנד. בלויז ווען עס איז אויפגעקומען די פאָדערונג פון אַ נייער סקעיל האָט זיך עס אַ טומעל געטאָן און ווידער זיינען די וואַסערען שטיל געפלאָסען.

אָבער דער „וישב יעקב" איז פאָרט ניט געווען אין שלוה. צוויי קאַרדינאַלע פראַגעס זיינען אויפגעשוואומען אויפ'ן טאָג־אָרדנונג אין משך פון עטליכע יאָר, וועלכע יעדע פון זיי האָט געשאַפען צוויי אַנטקעגענגעזעצטע צדדים און געבראַכט צו שטאַרקע צוויסטיגקייטען.

די דאָזיגע צוויי קאַרדינאַלע פראַגעס זיינען געווען: 1) דער איבערגאַנג פון דעם 6־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג און 6־טאָגיגער וואָך צו דעם 7־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג און 5־טאָגיגער וואָך, און 2) דעם איבערבייט פון דער פּענסיע־איינפירונג.

אָבער ווען ס'איז ענדליך געקומען צו דער פינאַלער אָפּשטימונג, האָט דער צד פאַר דער 5־טאָגיגער וואָך און 7־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג געצויגען די גרעסערע צאָל שטימען.

* * *

צום שלוס זאָל מיר ערלויבט זיין צוצוגעבען די פאָלגענדע פאַר ווערטער אין גערעכטיגקייט צו מיינע זעהר חשוב'ע לעזער: וואָס שייך דעם בין אָדם לחברו זיינען מיר ניט אַלע מאָל געווען כלו זכאי — וואָרים אונזערע חכמים האָבען שוין לאַנג געזאָגט, אַז ווען אַלע וואָלטען געווען כלו זכאי, וואָלט שוין משיח לאַנג געקומען, אָבער דערפאַר איז דאָס טיף איינגעוואָרצעלט געפיהל פון אחדות און אַחריות אין אונזער יוניאָן זינט דעם טאָג פון איר געבורט געווען אונזער לייכטענדער עמוד־האש אין אונזער לאַנגיאָריגען וועג, ווי אויך די גאַמאַ, דער טאָן ליי'טער פונ'ם האַרמאָנישען אַקאָרד פון דער פּראַכטפול־הערלישער קאָמפּאָזיציע — אונזער יוניאָן!



# שריפטזעצער Наборщики

פון א. נ. נעקראַסאָוו • פריי איבערזעצט פון B. J.

וועמעס ניגון, פול מיט וועה,
טראָגט אונז דער זעפיר?
דאָס איז פון בלייענער אַרמיי
דער שטילער קאָמאַנדיר.

דאָס גיסט דער זעצער אויס אין ליד
זיין האַרץ ביים קאַסטען גיפּט*),
און כ'ווערט זיין שנעלע האַנט ניט מיד
צו קלייבען אידיש שריפט.

צווישען זעצער טרעפט מען אָפט
לערנער גוט־באַוואוסטע;
ניט אַלע זיינען דאָך געשטראָפט
מיט זעצען זאַכען פּוסטע.

עס קריגט דער זעצער אויך, צום גליק,
גייסטרייכע אַרטיקלען,
וואָס העלפען אויסברייטערן זיין בליק
און זיין געדאַנק אַנטוויקלען.

Чей это гимн суровый
Доносит нам зефир?
То армии свинцовой
Смиренный командир —

Наборщик распевает
У пыльного станка,
Меж тем как набирает
Проворная рука.

Наборщики бывают
Философы порой:
Не все же набирают
Они сумбур пустой.

Встречаются статейки,
Встречаются умы —
Полезные идейки
Усваиваем мы...

*А. Н. НЕКРАСОВ*

*) אין רוסיש הייסט דאָס: СВИНЦОВАЯ ПЫЛЬ — דאָס איז דער בליי־שטויב וואָס קלייבט זיך אָן אין די קאַסטענס שריפט וואָס דער זעצער אָטעמט איין אין זיך ביי זיין אַרבעט.

## צו אונזערע „קריטיקער"

ס'איז שוין פון לאַנג באַוואוסט, אַז די לייכטסטע זאַך אין דער וועלט איז צו קריטיקירען יענעמ'ס ווערק — אַ סך לייכטער ווי אַליין צו שאַפען. דאָס איז חל אויף יעדען געביט. איבערהויפּט אין קהל'שער טעטיגקייט.

און אַזוי ווי מיר אידען זיינען ס'רוב פיינשמעקער — ווועלען זיך זיכער געפינען „מבינים" און „מדקדקים" וואָס וועלען אייך פאַרזיכערען, אַז „מ'האָט עס געקענט מאַכען בעסער"...

וויל די רעדאַקציע אייך פאַרזיכערען, אַז מיר זענען ניט קיין מלאכים און פון חסרונות איז קיינער ניט „אימון".

מיר בעטען בלויז אונזערע קאָלעגען־שריפטזעצער, אַז איידער זיי נעמען זיך צו דער „קריטיק־מלאכה", זאָלען זיי האָבען אין זין די באַדינגונגען אונטער וועלכע דער יובילעי־בוך איז געמאַכט געוואָרען — און זיין „עטוואָס מילדער" צו אונז...

די טירען פון דער רעדאַקציע זיינען אָפען פאַר יעדען „קריטיקער". מיר האָבען אָנגעשטעלט אַ ספּעציעלען סטעף מענשען וואָס וועלען ענטפערען פראַגען. און חוץ דעם וועט דער „בעל־דבר" אַליין דאָרט זיין און אויפנעמען יעדע קלאַגע.

## אונזער קאָלעגע באָריס בלום פאַרדינט לויב און אַנערקענונג!

מיר האָבען שוין אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין דעם בוך אויסגעדריקט אַ דאַנק אַלע אונזערע קאָלעגען וואָס האָבען געהאָלפען ביים צוזאַמענשטעלען אונזער יובילעי־אויסגאַבע. אָבער מיר גלויבען, אַז אַ באַזונדערן דאַנק און אַנערקענונג פאַרדינט אונזער חשוב'ער קאָלעגע און פריינט, באָריס בלום (אַ זעצער אין „פאָרווערטס") פאַר די צוויי ענגלישע זייטען ביים סוף פון בוך, וואָס ער האָט אויפגעזעצט מיט אַזאַ פיינעם געשמאַק. דאָס איז קונסט פון העכסטען גראַד. בראַוואָ, קאָלעגע באָריס בלום!

# Memento Mori



מאיר קאַסטאָף

ביי די אַלטע רוימער איז געווען אַ מנהג, אַז ביי זייערע גרויסע הוליאַנקעס און גרויסאַרטיגע באַנקעטען, וואו מ'האָט פרעהליך פאַרבראַכט, געגעסען און געטרונקען, פלעגט מען אינמיטען דער גרויסער סעודה אַריינברענגען אַ מענשליכען סקעלעט און אויסרופען די צוויי ווערטער: „מעמענטאָ מאָרי" (MEMENTO MORI) — וואָס דער טייטש איז: גדענק, אַז דו דאַרפסט שטאַרבען!

באַצייכענען מיר דעריבער דעם דאָזיגען אַרטיקעל מיט די לאַטיינישע ווערטער, ווייל אין דער היינטיגער גרויסער שמחה אונזערע, ווען מיר פייערען אונזער גרויסען יום־טוב — זיבעציג יאָר עקזיסטענץ פון אונזער אידישער שריפטזעצער יוניאָן — פאַרגעסען מיר ניט אַן די קאָלעגען אונזערע וואָס זענען אַוועקגעריסען געוואָרען פון אונזערע רייהען און זיי פעהלען אויף אונזער היינטיגער שמחה.

איבערהויפט טוט אונז וועה דער גרויסער פאַרלוסט אינ'ם פריצייטיגן טויט פון אונזער אַקטיווסטען און איבערגעבענסטען חבר און פריינט, מאיר קאַסטאָף ע"ה, וועמען מיר ווידמען אָט דעם נעקראָלאָג מיט טיפען רעספעקט און גרויס כבוד.

„מעמענטאָ מאָרי" מיינט „אַ דערמאָנונג אַן טויט"; עס מיינט אויך אַ וואָרנונג: „גדענק אַז דו מוזט שטאַרבען!"... מיט אַנדערע ווערטער — קיין מענש לעבט ניט אייביג. סוף־כל־סוף מוז ער שטאַרבען. דערפאַר די וואָרנונג: זעה, בן אדם, טו עפּעס גוטעס, נוצליכעס פאַר מענשען כל־זמן דו לעבסט! לאָז־איבער אַ שעהנעם נאָמען נאָך זיך!

„מעמענטאָ מאָרי"! — דאָס איז אונזער הזכרה נאָך אונזער ליבען, אומפאַרגעסליכען חבר, קאָלעגע און פריינט — מ א י ר ק אַ ס ט אָ ף ע"ה.

* * *

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן פייערט היינט איר חג השבעים. אונזער אָרגאַניזאַציע איז אַלט געוואָרען זיבעציג יאָר. יאָרען פון קאַמף פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען פאַר אונזערע מיטגלידער; פאַר קירצערע שטונדען, פאַר אַ העכערען לוין, פאַר אַ בעסערען, מענשליכערען לעבען פאַר די אַרבעטער פון דרוק־פאַך; יאָרען פון כסדר'דיגען פאָרשריט פאַר'ן אידישען גדרוקטען וואָרט, צו וועלכען מיר, שריפטזעצער, די נאָהענטסטע שותפים זיינע האָבען צוגעלעגט האַנט, אויגען און מוח — דאָס איז דער סך הכל פון די פאַרלאָפענע זיבעציג יאָר.

* * *

ביים היינטיגען גרויסען יום־טוב אונזערען, ווילען מיר מיט כבוד דערמאָנען איינעם פון אונזערע חשוב'סטע מיטגלידער, וועמען דער טויט האָט אַוועקגעריסען פון אונז און פון זיינע נאָענטסטע און ליבסטע. זיין שטול וועט שטעהן ליידיג. דער ליבער מענש, וועמעס האַרץ האָט אַזוי וואַרים זיך אָפּגערופען אויף יעדער אַקציע פאַר'ן אידישען גדרוקטען וואָרט, פאַר'ן אידישען בוך; וועלכער האָט געאַרבעט געטריי, בלב ונפש, פאַר אונזער ליב לאַנד ישראל און געהאָלפען מיט אַלע זיינע מעגליכקייטען — איז מער ניטאָ צווישען די לעבעדיגע.

ס'איז ניט נויטיג צו פאַרשפרייטען זיך דאָ וועגען זיינע מעלות און זיינע פאַרדינסטען. זיין טעטיגקייט אין אונזער יוניאָן, זיין הייסע ליבשאַפט פאַר'ן גדרוקטען אידישען וואָרט, זיין איבערגעגעבענהייט און גרויסע אַרבעט פאַר מדינת ישראל — די אַלע מעלות זענען גוט באַקאַנט אונזערע עלטערע מיטגלידער.

אפילו זיין שוואַכקייט צו זעהן זיין נאָמען גדרוקט — איז ניט קיין נייעס פאַר זיינע קאָלעגען. מיר פלעגען דאָס דערמאָנען מיט אַ שמייכעל — אָבער דאָס רעדט ניט וועגען אים לגנאַי. פאַרקערט — דאָס שטאַמט פון דעם אייגענעם מקור, פון זיין וואַרימער באַציהונג צום גדרוקטען אידישען וואָרט.

אין איצטיגען פאַל גילט ניט דער מאַמר אין תלמוד: „זכין לאדם שלא בפניו" (לויבען אַ מענשען, זאָגען גוטע ווערטער וועגען אַ מענשען, זאָל מען אונטער די אויגען); און ס'איז אויך איבעריג צו אונטערשטרייכען, אַז אונזערע וואַרימע אויסדרוקען אין דעם דאָזיגען נעקראָלאָג וועגען אונזער פריצייטיג פאַרשטאַרבענעם קאָלעגע, מאיר קאַסטאָף, זיינען ניט פון דעם מין סקאַרבאָווע שבחים, וועגען וועלכע דאָס פאָלק ווערטעלט זיך: אחרי מות קדושים אמור...

לייענט אַן אויסצוג וואָס מיר דרוקען דאָ אויף דער אַנטקעגענדיגער זייט, אונטער'ן קעפּעל: „מאיר קאַסטאָף — אַ כאַראַקטער־פּאָרטרעט". דער דאָזיגער אַרטיקעל איז ערשינען מיט צען יאָר צוריק, צום 60טען יובילעי פון אונזער יוניאָן — ווען מאיר קאַסטאָף האָט נאָך געלעבט און איז געווען טעטיג אין געזעלשאַפטליכע און קולטורעלע געביטען. דער כאַראַקטער־פּאָרטרעט איז געשריבען פון דעם רעדאַקטאָר פון איצטיגען יובילעי־זשורנאַל, ב. דזש., אַ נאָהענטער פריינט פון מ. ק. פון לאַנגע יאָרען. דאָס וועט אייך געבען אַ באַגריף וועגען אונזער אויפריכטיגער מיינונג און הויכער אָפּשאַצונג פון מאיר קאַסטאָף ע"ה.

מיר דרוקען איבער דעם „כאַראַקטער־פּאָרטרעט" אַלס אַ פּאַסיגען נעקראָלאָג נאָך זיין שעהנעם אָנדענק.

הבל על דאבדין ולא משתכחין!

* * *

צו דער פאַמיליע פון מאיר קאַסטאָף, צו זיינע נאָהענטסטע און פריינט, קאָנען מיר בלויז זאָגען: מיר וועלען לאַנג טראָגען אין אונזערע הערצער דעם נאָמען מאיר קאַסטאָף מיט די וואַרימסטע געפיהלען. מיר וועלען בענקען נאָך דעם איידעלען פריינט און קאָלעגע. ער וועט אונז פעהלען אויף יעדען טריט און שריט.

זיין זוהן, חיים קאַסטאָף, איז אויך אַ מיטגליד פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן. ער אַרבייט אַלס שריפטזעצער אין „פאָרווערטס". צו קאָלעגע חיים קאַסטאָף קאָנען מיר בלויז זאָגען, אַז ער מעג שטאָלצירען מיט דעם נאָמען פון זיין פאָטער. דער יונגער קאַסטאָף, פונקט ווי זיין פאָטער, האָט זיך ערוואָרבען אַ סך פריינט, און ער פאַרמאָגט אין זיך פיל אייגענשאַפטען וואָס דערמאָנען אַן זיין איידעלען פאָטער.

* * *

ס'איז אַוודאי אַ נחת־רוח פאַר אונז די ידיעה, אַז דער נאָמען „מאיר קאַסטאָף" וועט פאַראייביגט ווערען אין אונזער ליב אידיש לאַנד. ווי אונז איז באַקאַנט, ווערט איצט געפּלאַנעוועט אויפצובויען אַ פאַך־שול און אַרכיוו פאַר דרוקער־אַרבעטער אונטער'ן נאָמען „בית פועלי הדפוס על שם מאיר קאַסטאָף". דער פאַקט וואָס די דאָזיגע „הויז" וועט אויפגעשטעלט ווערען אין מדינת ישראל איז נאָך מער דערפרעהענד — ווייל מאיר קאַסטאָף האָט געטריי און איבערגעגעבען געאַרבייט פאַר ישראל און אַזאַ בנין וועט זיין דער שענסטער און פּאַסענדסטער מאָנומענט נאָך זיין אָנדענק.

זאָל דער שעהנער נאָמען מאיר קאַסטאָף זיין אַ טרייסט פאַר זיין זוהן, חיים, און פאַר דער גאַנצער קאַסטאָף משפחה.

* * *

דער דאָזיגער כאַראַקטער־פּאָרטרעט, וואָס מיר דרוקען דאָ איבער, איז ערשינען מיט צען יאָר צוריק אין דער אויסגאַבע „זאַץ און פעדער", וואָס די אידישע שריפטזעצער יוניאָן האָט אַרויסגעגעבען צו איר זעכציגסטען יובילעי. דעמאָלט האָט אונזער אומפאַרגעסליכער מאיר קאַסטאָף נאָך געלעבט און איז געווען טעטיג אין אונזער אָרגאַניזאַציע. ליידער, האָט ער ניט דערלעבט דעם איצטיגען יום־טוב ווען מיר פייערען דעם 70טען יובילעי. ער איז, נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט, געשטאָרבען דעם 15טען יאַנואַר, 1958.

מיר דרוקען דאָ איבער דעם אַרטיקעל איצט, אַלס אַ פּאַסיגען נעקראָלאָג נאָך זיין שעהנעם אָנדענק.

## מאיר קאַסטאָף

(כאַראַקטער פּאָרטרעט)

אויב מיר דערמאָנען זיך פון צייט צו צייט, אַז מיר זיינען ניט בלויז „מעכאַנישע" דרוק־אַרבייטער; אויב עס דערוועקט זיך ביי אונז אַמאָל אַ שטאָלץ און אַ נחת־רוח פון דעם געדאַנק אַז מיר, שריפטזעצער, זיינען שותפים אין אַ בכבוד'יגען פאַך — אַז אונזער ביישטייער צום גדרוקטען וואָרט איז אַ וואָגיגער, אַ וויכטיגער — האָבען מיר דאָס צו פאַרדאַנקען, אין אַ גרויסער מאָס, אונזער חשוב'ען חבר מאיר קאַסטאָף.

מאיר קאַסטאָפ'ס פאַרדינסטען, זיין מהות, טאָר מען ניט מעסטען בלויז לויט דער צאָל אַמטען וואָס ער האָט אין לויף פון יאָרען פאַרנומען אין אונזער יוניאָן. אמת, ער איז גאַנץ טעטיג און איבערגעבען די אינטערעסען פון אונזער אָרגאַניזאַציע. אָבער דאָס אַליין שטעלט ניט צוזאַמען די פערזענליכקייט זיינע, דעם כאַראַקטער־פּאָרטרעט זיינעם. ווען מיר זאָלען אים אַזוי מעסטען און אורטיילען, וואָלטען מיר פאַרזעהן די אויסערגעוויינליכע און ספּעציפישע אייגענשאַפטען, וועלכע כאַראַקטעריזירען אים אַם בולט'סטען — און דאָס וואָלט געווען אַ באַליידיגונג פאַר אונזער אינטעליגענץ!

אונזער מאיר קאַסטאָף איז דער אָפּהיטער און פאַרעהרער פון דעם אידישען גדרוקטען וואָרט. ער איז מיט לייב און לעבען איבערגעגעבען דעם אידישען בוך, דער אידישער שפּראַך, און ביי אים איז אַ יום־טוב ווען אַ נייער ספר אָדער בוך ערשיינט — וואו עס זאָל ניט זיין. ער לעבט דורך אַ טיפען תענוג מיט אַ נייער אויסגאַבע אין אידיש און פאַרפעלט ניט צו טיילען זיך וועגען דעם מיט יעדען וועמען ער באַגעגנט.

און גאַנץ אָפט, אין סאַמע מיטען פון אַ גדיכטער, וואָכעדיגער דעבאַטע אויף אַ מיטינג פון אונזער יוניאָן, קלינגט אָפּ די שטימע פון דעם „שומר הספרים" — מאיר קאַסטאָף — וועלכער מאָנט עפּעס לטובת אַ אידישען בוך, אַ אידישען זשורנאַל, אָדער ער טיילט־מיט וועגען אַ קולטורעלער אונטערנעמונג — און זיין ווירדיגער אַרויסטריט צעטרייבט די וואָכעדיגע אַטמאָספערע, און אַ יום־טוב שטראַלט אויף איבער דעם גאַנצען מיטינג־לאָקאַל אונזערען. נאָך קאַסטאָפ'ס רעדע, פיהלט מען זיך געהויבענער, ווירדיגער.

אַזוי איז אונזער חשוב'ער פריינט אין זיין רעדען, און אַזוי אויך אין זיין שרייבען פון צייט צו צייט. ער וועקט אין אונז דעם יחוס פון „הבחור הזעצער", און מאָנט כבוד פאַר'ן אידישען גדרוקטען וואָרט.

דאָס איז דער תוך פון אָט־דעם חבר אונזערען — דאָס איז דער אמת'ער מאיר קאַסטאָף!

אַן איידעלער מענש פון דער נאַטור; אַ באַלעזענער און אַ זאַמלער פון גדרוקטען אידישען וואָרט; אַ מענש וואָס רעדט שטיל, טיף, ערנסט — פאָדערט ער (אויך שטיל, בנעימות) פון יעדען, וועמען ער באַגעגנט, אַ בעסערע באַציהונג צום בוך. אַ שענערע באַציהונג צו אונזער יוניאָן. ער פאָדערט אויך אַ שענערע באַציהונג פון אונזער יוניאָן צו קולטורעלע אידישע און העברעאישע אונטערנעמונגען.

עס איז אַ טרייסט, אין איצטיגע אונהיימליכע צייטען, צו האָבען אַזאַ עהרליכען און שעהנעם קאָלעגע אין אונזער קרייז.

B. J.

## שענקט אונז אַ שמייכעל

ווי איר זעהט, האָבען מיר אין אונזער יובילעי־בוך ניט געמאַכט קיין מחיצה צווישען דעם ערנסטען טייל און דעם לייכטען. איר וועט דערפאַר דאָ געפינען אַ היסטאָרישען, וויסענשאַפטליכען אַרטיקעל זייט־ביי־זייט מיט אַ הומאָריסטישען; ערנסט און שפּאַס וואוינען דאָ בשכנות און עס הערשט ביי זיי אמת'ער שלום־בית!

מיר זיינען געגען סעגרעגאַציע!

און חוץ דעם, זיינען מיר סתם געגען צופיל ערנסטקייט. מיר ווילען אַז דער לייענער זאָל, נאָכ'ן איבערלייענען אַ שווער־וואָגיגען אַרטיקעל, אָפּכאַפּען דעם אָטעם און וואַרפען אַ בליק אויף אַ הומאָריסטיש „זאַכעלע", אָדער שפּאַסיגען קאַרטון, און טאַקע בשעת מעשה אַ שמייכעל טאָן.

מיר האַלטען ניט פון זויערע נשמות!

און צו אייך, טייערע, ליבע ווייבעלעך, ווילען מיר זאָגען: אויב איר ווילט, אַז מיר, מענער, זאָלען האָבען הנאה פון דער היינטיגער שמחה — שענקט אונז אַ שמייכעל! פאָלגט אונז און טוט עס! ס'וועט אונז צוקומען אַ שטיק געזונט!

ווי לאַנג צוריק איז דאָס דען געווען — ווען איר האָט אונז מיט אייער זיסען שמייכעל באַזיגט?! מיר זיינען דאָך דאַן פאַרכאַפּט געוואָרען פון אייער שטראַלענדיגען פנים! פון אייערע וואַרימע בליקען... באַנוצט די וואָפען אייערע וואָס איר פאַרמאָגט נאָך איבערגענוג! מאַכט אונז צוריק יונג!

לכבוד אונזער גרויסען יום־טוב היינט — פאָלגט אונז, ליבע ווייבעלעך, שענקט אונז אַ שמייכעל!

## מיטגלידער פון שאַפּ „וואַלדאָן פרעס"



פון רעכטס צו לינקס: י. אייזענבערג, מ. סאַוויצקי, מ. פערענסאָן, טש. קוירש. (ניט אויפ'ן בילד: א. דאָנאַט).

# די אַנטוויקלונג פון אידישען בוך־דרוק אין אַמעריקע

ספּעציעל צום זיבעציגסטען יובילעי פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן נ. 83

פון

**יעקב קירשבוים**

## די באַציהונג פון די קאָלאָניאַל פּיאָנערען צו העברעאיש

די געשיכטע פון דעם אידישען און העברעאישען דרוק־וועזן אין אַמעריקע איז כמעט אַזוי אַלט ווי די איינוואַנדערונג פון די ערשטע ניי־ענגלישע קאָלאָניאַלע פּיאָנערען אין דער נייער וועלט.

די פּוריטאַנער, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פאַר דעם אויסדערוועהלטען „ביבעל־פאָלק", האָבען געהאַט אַ באַזונדערען יראת־הכבוד פאַר דער העברעאישער שפּראַך אַלס דער אָריגינעלער, הייליגער ביבעל־לשון. זיי האָבען אפילו באַנוצט העברעאישע ווערטער, מיט וועלכע זיי האָבען באַצירט די זיגלען פון די אַלטע אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטען „יעיל" און „קאָלאַמביא". אין דעם זיגעל פון דעם „יעיל" אוניווערזיטעט געפינען זיך די ווערטער: „אורים ותומים" (די צוויי ווערטער באַדייטען: ליכט און פאָלקאָמענהייט אָדער אומבאַפלעקטקייט — דאָס האָט דער כהן גדול געטראָגען אויף זיין ברוסט, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין הייליגסטען צענטער, אין קדשי קדשים): און אין דעם זיגעל פון דעם קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט געפינט זיך גאָט'ס נאָמען, דער שם הויה.

ווען מיר נעמען פאָרשען די ווייטע פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז שייך דעם דרוק־וועזען ביי אונז אין לאַנד, געפינען מיר, אַז דאָס ערשטע געדרוקטע ווערק אויפ'ן אַמעריקאַנער באָדען איז געווען אַן אומשטערבליכע שאַפונג פון אידישען גייסט.

## דער תהילים — דאָס ערשטע געדרוקטע בוך אויפ'ן אַמעריקאַנער באָדען

אין יאָר, 1640, ווען די פּיאָנערען זיינען דאָ געווען ניט מער ווי צוואַנציג יאָר — דאָס איז געווען אַ שווערע צייט פאַר די ניי־איינוואַנדערער: זיי האָבען דורכגעמאַכט ביטערע אַנטוישונגען, הונגער, שרעק פאַר אינדיאַנישע איבערפאַלען — האָבען זיי געפונען פאַר נויטיג אָפּצודרוקען, אַלס דעם ערשטען בוך, אַן ענגלישע איבערזעצונג פון דעם ספר תהילים.

די ניי־ענגלישע סעטלערס האָבען שוין געוואוסט, אַז אין אַן עת־צרה איז גוט צו זאָגען אַ קאַפּיטעל תהילים...

די פאָררעדע צו יענעם בוך אַנטהאַלט אַן אָפּהאַנדלונג וועגן דער העברעאישער פּאָעזיע און שפּראַך. אינטערעסאַנט איז, אַז אין בוך געפינען זיך העברעאישע בוכשטאַבען. למשל: אין דעם קאַפּיטעל קי"ט פונ'ם תהילים, וואו אַלע פסוקים געהען נאָכ'ן אלף־בית, זיינען די אותיות ביים אָנפאַנג פון יעדען פסוק געדרוקט מיט העברעאישע בוכשטאַבען. מ'דאַרף געדענקען, אַז אין יענער צייט איז אין די ניי־ענגלישע קאָלאָניעס זיכער ניט געווען קיין העברעאישע שריפט — און מען האָט געשניטען העברעאישע אותיות פון האָלץ ספּעציעל פאַר דעם דאָזיגען בוך.

## ערשטער העברעאישער לערנבוך

אין יאָר 1735 איז אין באָסטאָן געדרוקט געוואָרן אַ גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אַ ספרדישן איד, יהודה מונש (מאניס), וועלכער האָט זיך גע'שמד'ט כדי צו קענען זיין אַ לערער פון העברעאיש אין האַרוואַרד — דער ערשטער העברעאישער לערער אין אַמעריקע. דאָס בוך איז באַשטימט געוואָרן פאַר די קריסטליכע סטודענטן פון האַרוואַרד קאַלעדזש.

אין דער הקדמה צו דער גראַמאַטיק שרייבט דער מחבר, אַז עס איז פון ענגלאַנד ספּעציעל געשיקט געוואָרן העברעאישע שריפט כדי דאָס בוך זאָל קענען אין אַמעריקע געדרוקט ווערן.

## דער ערשטער מחזור אין אַמעריקע

אין יאָר 1766, האָט דער חזן פון דער ספרד'ישער שוהל „שארית ישראל" אין ניו יאָרק, יצחק פּינטאָ, איבערזעצט אויף ענגליש דעם מחזור פאַר ראש השנה און יום־כיפּור, צוזאַמען מיט'ן העברעאישען טעקסט, פאַר'ן נוצען פון די שוין דאַמאָלט אַמעריקאַניזירטע אידען. דער חזן פּינטאָ האָט דעם מחזור געוואָלט אָפּדרוקען אין לאָנדאָן, אָבער דער לאָנדאָנער ראַבינאַט האָט אַרויסגעגעבען אַן איסור אויפ'ן נייעם מחזור און דער מחזור איז געדרוקט געוואָרען אין ניו יאָרק.

## קריסטען זעצען העברעאישע רעליגיעזע ספרים

עס איז אינטערעסאַנט דער פאַקט, אַז די „ניו־יאָרק טיפּאָגראַפיקעל סאָסייעטי", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָר 1809, האָט שוין דאַמאָלט, מיט 150 יאָר צוריק, אַריינגעגעבען אין איר „שכירות־סקעיל", ספּעציעלע פּונקטען, וועלכע באַהאַנדלען די פּרייזען פאַר . . . העברעאישער אַרבייט. אָט־דער פּונקט לויטעט:

„אַרטיקעל 4. אויב אַ צאָל העברעאישע, גריכישע אָדער אַנדערע טויטע בוכשטאַבען דאַרפען אַריינגעשטעלט ווערען אין אַן אַרבייט, וואָס פאַראורזאַכט שוועריגקייטען דעם זעצער, זאָל דער זעצער קריגען ספּעציעל באַצאָלט, לויט די שוועריגקייטען וואָס ער האָט פאַר באַזונדערע אַרבייט און פאַר העברעאישע זאָל געצאָלט ווערען דאָפּעלט".

ווען די דאָזיגע „סקעיל אָוו ווערידזשעס" איז שפּעטער אויף אַ קאָנפערענץ מיט די באַלעבאַטים אָנגענומען געוואָרען, האָט דער פּונקט וועגען העברעאישער אַרבייט זיך געלייענט אַזוי:

„פאַר באַזונדערע אַרבייט אין העברעאיש, אָהן נקודות, זאָל געצאָלט ווערען דאָפּעלט".

מיר ווייסען ניט, ווי גרויס עס איז דעמאָלט געווען די צאָל אַרבייט אויף העברעאיש. אָבער דער פאַקט, וואָס די יוניאָן האָט מיט 150 יאָר צוריק געפונען פאַר נויטיג זיך צו דינגען מיט די באַלעבאַטים וועגען העברעאישער אַרבייט באַווייזט, אַז די דאָזיגע אַרבייט איז געווען ניט אומבאַדייטענד. פאַרשטעהט זיך, אַז העברעאיש איז דעמאָלט באַנוצט געוואָרען אויסשליסליך פאַר רעליגיעזע ספרים.

אין דער שכירות־ליסט פון דעם יאָר 1815 געפינען מיר שוין אַ פּונקט אויך וועגען העברעאישען זאַץ מ י ט נקודות. דער פּונקט לויטעט:

אַרטיקעל 5. פאַר אַרבעט אין העברעאיש, אָהן נקודות, זאָל געצאָלט ווערען פער טויזענט עמס מער ווי פאַר געוועהנליכע זאַץ. מיט נקודות, זאָל האַלב גערעכענט ווערען אַלס טעקסט און האַלב אַלס נקודות, און עס זאָל געצאָלט ווערען דאָפּעלט".

## די ערשטע העברעאישע תנ"ך־אויסגאַבע

אין יאָר 1814 איז אין פילאַדעלפיא אַרויסגעגעבען געוואָרען די ערשטע פולע העברעאישע תנך־אויסגאַבע. דער דרוקער איז געווען אַ קריסט, טאָמאַס דאָבסאָן, און אויך די זעצערס זיינען געווען קריסטען. די שריפט איז ספּעציעל געבראַכט געוואָרען פון אַמסטערדאַם, האָלאַנד.

אין יאָר 1820 האָט סאָלאָמאָן הענרי דזשעקסאָן, פון לאָנדאָן, געעפענט די ערשטע העברעאישע דרוקעריי אין ניו יאָרק, אויף 163 טשעטהעם סקווער. ער האָט פאַרזאָרגט מיט דרוק־אַרבעט די שוין דאַמאָלט־עקזיסטירענדע טעמפּלען און האָט אויך געדרוקט העברעאישע טעקסט ביכער פאַר דער ערציהונגס געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך גערופען „חינוך נערים עברים".

מיר ווילען נאָך דערמאָנען וועגען אַ העכסט אינטערעסאַנט ווערק, וואָס איז אין יאָר 1886 אַרויס פון דרוק אין באַלטימאָר, אַ פּירוש אויף איוב פון דאָרטיגען רב, הרב בנימין סזאָלד, דער פאָטער פון דער באַרימטער פירערין פון דער „הדסה", הענריעטאַ סזאָלד. דער ספר איז אינגאַנצען געזעצט געוואָרען דורך ניט־אידישע זעצער, וועלכע האָבען ניט געוואוסט קיין צורת־אות, נאָר זיי האָבען זיך באַנוצט מיט ספּעציעלע צייכענס, וואָס האָבען זיך געפונען ביי די פאַרשידענע העברעאישע אותיות.

דאָס פלעגט ניט זעלטען אויך געטאָן ווערען אין די אייראָפּעאישע מאָדערנע דרוק־צענטערען, וואו מען האָט ניט געקענט באַקומען קיין אידישע זעצער.

## 100 יאָר אידישע זעצער־אַרבייט

באַזונדערס איז געקומען אַן אויפלעבונג אין דער צווייטער העלפט פון דעם 19טען יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ מאַסען איינוואַנדערונג פון צענטראַל און מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

אין יאָר 1860, איז אָפּגעדרוקט געוואָרען אַ העברעאיש־רבנ'ישער ספר מיט'ן נאָמען „אבני יהושע", פון יהושע פאַלק בן מרדכי הכהן, וואָס איז געווען אַ פּירוש אויף פרקי אבות. דער דרוקער האָט אין ספר אָנגעגעבן זיין נאָמען — יוסף בן יעקב און דער זעצער — נפתלי בן כתריאל שמואל מק"ק טהאָרן. ער האָט אויך געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז דאָס זעצען דעם ספר, איז פאַר אים געווען אַ הייליג שטיק אַרבייט.

## די ערשטע אידישע ליטאָגראַפישע צייטונג

דעם 30טען מערץ, 1870, האָט אין ניו יאָרק אָנגעהויבן אַרויסצוגיין די ערשטע צייטשריפט אין אידיש, „דיא ידישע צייטונג", וואָס איז בכלל געווען די ערשטע אין אַמעריקע. זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ פּויזנער אימיגראַנט, י. ק. בוכנער, און געדרוקט געוואָרן ליטאָגראַפיש. עס איז מעגליך, אַז אין יענער צייט האָט אין ניו יאָרק ניט עקזיסטירט אַ אידישע דרוקעריי, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד טעכניש צו דרוקען אַ וועכנטליכע צייטונג מיט אידישע בוכשטאַבן. עס איז אויך מעגליך, אַז עס איז נאָך ניט געווען קיין אידישע צייטונגס־זעצערס אין ניו יאָרק.

אַרום דעם קעפּל פון דער צייטונג זיינען געווען עטליכע פיגורן, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרשטעלן גערעכטיגקייט און גלויבן (צדק ואמונה).

## די ערשטע אידיש געדרוקטע צייטונג

אין חודש אויגוסט 1870, איז אַרויס די ערשטע געדרוקטע אידישע צייטונג אין אַמעריקע, „די פּאָסט". אין יולי 1870, האָט אויסגעבראָכען די פראַנצויזיש־פּרייסישע מלחמה, וועלכע האָט אַרויסגערופען אַ געוואַלטיגען אינטערעס צווישען די אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקע. אין ניו יאָרק איז שוין דאַמאָלט געווען אַרום 80 טויזענט אידען. די צייטונג האָט געהאַט איין און איינציגען זעצער, אַ ווילנער געלערענטען יונגענמאַן, צבי גרשוני, וועלכער איז געווען אַ מיט־רעדאַקטאָר. ער איז געווען דער ערשטער זעצער, דער אַרויסגעבער איז געווען הירש בערנשטיין, אַן אימיגראַנט פון סוּוואַלקער גובערניע אין פּוילען.

אַ צווייטער אָנגעזעהענער רעדאַקטאָר־זעצער איז געווען מרדכי יהלומשטיין, וועלכער האָט רעדאַגירט „די אידישע גאַזעטען" און אַנדערע צייטונגען, וואָס זיין שוואָגער כתריאל צבי שרהזאָן האָט דאָ אַרויסגעגעבען, און דערביי איז ער מערערע יאָרען געשטאַנען ביים שריפטקאַסטען. ער האָט אויך רעדאַגירט די „טעגליכע גאַזעטן", די ערשטע אידישע טאָג צייטונג אין דער וועלט, וואָס איז ערשינען אייניגע חדשים אין יאָר 1881, און באַנייט געוואָרען אין 1883.

אין יאָר 1877, איז אין ניו־יאָרק אַרויס פון דרוק אַ ביכעל העברעאישע און אידישע לידער פון יעקב צבי סאָבאַל, וועלכער האָט געלערענט אין ווילנער ראַבינער שולע. דאָס ביכעל איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון טאַפּילאָווסקי'ס פרעס. דאָס איז געווען דער ערשטער געדרוקטער בוך אין אידיש, וואָס איז אַרויס פון אַן אַמעריקאַניש־אידישער דרוקעריי.

אין יאָר 1882, זיינען אין ניו־יאָרק געווען 3 אידישע דרוקערייען: די שוין דערמאָנטע טאַפּילאָווסקי'ס פרעס; כתריאל צבי שרהזאָן, וועלכער האָט געדרוקט „די אידישע גאַזעטען" און מר. בלייער. עס זיינען דאַמאָלס ניט געווען פיל אידישע זעצער אין ניו יאָרק. זיי האָבען געאַרבייט פאַר 3 אָדער 4 דאָלער אַ וואָך און פלעגען נאָך דאָס אויך ניט באַקומען אין גאַנצען אויסגעצאָלט. זיי פלעגען אַרבייטען 15־16 שעה אַ טאָג און די דרוקערייען זיינען געווען אין פינסטערע, נאַסע קעלערס.

## די פּיאָנערישע אַרבייט פון דעם אידישען שריפטזעצער אין אַמעריקע

ווען מען באַקענט זיך מיט דער געשיכטליכער אַנטוויקלונג פון דער אידישער פּרעסע אין אַמעריקע, אין איר ערשטער תקופה, פון 1870 ביז 1890, מוז אַנערקענט ווערען דער פאַקט, אַז ביי די שריפטזעצער, די דאַמאָלסדיגע פּיאָנערן פון דער אידישער פּרעסע, האָט געהערשט אַ געפיהל, אַז זיי האָבען דאָ, אין דער נייער וועלט, אַן אויפגאַבע דורכצופירען אַ קולטור־שליחות — אַ מיסיע צו פאַרשפּרייטען און צו פאַרשענערען דאָס אידישע געדרוקטע וואָרט.

די אידישע שריפטזעצער פון יענער צייט, וועלכע האָבען אַהערגעוואַנדערט פון פּוילען און ליטע און באַזונדערס פון די גובערניעס, וועלכע זיינען געווען אַרום די רוסיש־פּרייסישע גרעניצען, זיינען געווען קולטור־מענשען, מיט אידישער און אַלגעמיינער בילדונג און האָבען געהאַט אַ טראַדיציע צו דער „עבודת הקודש". זיי האָבען זיך דאָ באַטייליגט אין מיטאַרבייטען און זאָגאַר רעדאַגירען די צייטונגען, וואו זיי זיינען אויך געווען די אייגענטליכע זעצערס. ווען אַ צייטונגס־אַרויסגעבער האָט געוואָלט קאָנקורירען מיט אַ צווייטען, האָט ער ביי אים צוגענומען דעם זעצער. טראָצדעם אַלעמען זיינען זיי אָהן רחמנות עקספּלואַטירט געוואָרען, און דאָס האָט געפירט אין 1885 צום ערשטען זעצער־סטרייק — די דריי זעצער פון די „אידישע גאַזעטען" האָבען אין פאַרלויף פון 5 וואָכען ניט באַקומען באַצאָלט זייערע שכירות פון 5 דאָלער אַ וואָך.

אין פאַרלויף פון די 20 יאָר, פון 1870 ביז 1890, זיינען אין ניו יאָרק, שיקאַגא און פילאַדעלפיע, ערשינען און אונטערגעגאַנגען איבער 40 צייטונגען און ווען אַ צייטונג האָט זיך געשלאָסען — איז דער זעצער געווען דער שטענדיגער קרבן.

דאָס האָט געגעבען אַ שטויס, אַז עס זאָל געשאַפען ווערען אַ זעצער־יוניאָן, וואָס זאָל פאַרטיידיגען די רעכט פון די עקספּלואַטירטע זעצער.

## מיינע ערשטע שווערע יאָרען

(שלוס פון זייט 21)

דורכפאַל מיינט: מיר בלייבען אָהן וועידזשעס.

די ערשטע צייטונג אַריינצושטעלען אַ זעצמאַשין איז געווען דער „טאָגעבלאַט". עס איז געווען אַזאַ סאָרט מאַשין וואָס האָט געהאַט אַ „קי־באָארד", אָבער עס פלעגען פאַלען איינציגע בוכשטאַבען אין דער „געלע", און אַ צווייטער זעצער פלעגט די בוכשטאַבען אַריינזעצען אין אַ „סטיק". די צווייטע צייטונג, דער „אָבענד־בלאַט" האָט שוין אַריינגעשטעלט אַ מוירגענטאַלער „לאַינאָטאַיפּ" מאַשין, נאָכהער דער „פאָרווערטס".

ווען מ'האָט אַריינגעשטעלט לאַינאָטאַיפּ־מאַשינען האָט זיך געשאַפען אַ פרישע פּראָבלעם: די מאַשינען האָבען געשאַפען אַרבעטסלאָזיגקייט, מ'האָט געדאַרפט ווייניגער זעצער. האָט די יוניאָן דעם אַכט־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג צוטיילט אויף צווייען — יעדער אָפּערעיטאָר האָט געאַרבייט 4 שטונדען און געקראָגען 12 דאָלאַר אַ וואָך — אַנשטאָט איין אָפּערעיטאָר זאָל אַרבייטען 8 שטונדען און קריגען 24 דאָלער אַ וואָך — אַ נאָבעלע טאַט פון דער יוניאָן וואָס האָט דערמיט פאַרמידען אַ קריזיס.

אַ דאַנק די 4 שטונדען האָבען פיל פון אונזערע זעצער געקראָגען אַ געלעגענהייט צו שטודירען, ווי: לאָא, מעדיצין, דענטיסטרי. קיין פונדאַמענטאַלע בילדונג אַריינצוקומען אין אַ מעדיקעל סקול האָט מען דאַן ניט באַדאַרפט; אַ האַי־סקול דיפּלאָמע איז געווען גענוג.

קיין גליקען האָבען אָבער די אויסגעשטודירטע ניט געמאַכט. זיי האָבען זיך געמוזט צוריקקערען צו זייער זעצער־פאַך, און אין אָווענט האָבען זיי באַהאַנדעלט זייערע פּאַציענטען.

מיט דער צייט האָט די יוניאָן אויסגעקעמפט רעיזעס און אויסגעגליכען די אַרבייטס־צייט צווישען די אָפּערעיטאָרס און אַדווערטאַיזינג־זעצער — צו זעקס שטונדען און 36 דאָלאַר אַ וואָך.

אונזער יוניאָן האָט אין די 70 יאָר פון איר עקזיסטענץ דורכגעמאַכט „קאַלטס און וואַרעמס" — אָבער זי איז געוואָרען אַ מוסטער פאַר אַלע יוניאָנס, מיט דער בעסטער „סקעיל" און קירצסטע שטונדען.

זייענדיג דער עלטסטער אַרבייטענדער און אַקטיווער מיטגליד פון אונזער יוניאָן, שעץ איך זיך גליקליך צו זיין אַ מעמבער פון דער „83" מיט אַזאַ שעהנער טראַדיציע. איך בין איינער פון די וואָס האָט „געזייט מיט טרערען און דערלעבט צו שניידען מיט געזאַנג".

אַ האַרציגער מזל־טוב צו אַלע אונזערע באַאַמטע, מיטגלידער, און אונז אַלעמען!



# אַ זיפץ פון אַ פאַרבענקטען פענסיאָנער

(מאָנאָלאָג)

פון דזשאָן קעלי

איר פרעגט מיך, ליבינקער, ווי עס גייט מיר זינט איך בין אַוועק אויף פענסיע? נישט גוט. ברודער לעבן, נישט גוט. עס בענקט זיך, טאַטעלע, אָט ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן. עס בענקט זיך נאָך דער דרו־קעריי, וואו ס'הוזשען כסדר די זאַץ־מאַשינען, וואו ס'הוזשען כסדר די זאַץ־מאַשינען, וואו דער פאָרמאַן לויפט אַרום ווי אַ פאַר'סמ'טע מויז און קרימט זיך וואָס דער אַרטיקל איז נאָך נישט פאַרטיק; עס בענקט זיך נאָך די „פלאָר־זיידעס", וואָס רייסן אַרויס פערטל־גאַליס פון אונטער אײַער האַנט; עס בענקט זיך נאָך די ליבהאַרציקע מאַשיניסטן, וואָס פירן די גאַנצע גרענדע און די פּאָליטיק פון די זעצער; עס בענקט זיך אַפילו נאָך די צאַנקערייען פון די ברידער, נאָך דעם הו־האַ און הארמידער, אַזוי ווי אין אַ מצה־בעקעריי. עס בענקט זיך, בנאמנות.

— פאַרוואָס קום איך נישט צוריק אין שאַפּ צו דער אַרבעט? יאָ, טאַטעלע, עס ווילט זיך טאַקע זייער שטאַרק צוריקקומען. כ'ווייס גאַנץ גוט, אַז איר וואָלט מיך אויפ־גענומען מיט אָפענע אָרעמס; איך ווייס, אַז איר גאַרט נאָך מיר אַזוי גוט ווי איך גאַר נאָך אײַך; איך בין זיכער, אַז איר זייט אַלע גרייט זיך צו טיילן מיט מיר מיט'ן ביסן. האָב איך דאָך אָבער פּוכקע לבבות און ס'האַרץ דערלאָזט מיך פשוט נישט אַרויס־רייסן דאָס לעצטע קאָפּיטשקע אָווערטאַיים פון אײַערע פאַרמאַזאָליעטע הענט.

— יאָ, טאַטעלע, עס בענקט זיך, ווייל נאָך אַלעמען איז דאָך אונזער אַרבעט אַן „עבודת הקודש", אַ הייליקע אַרבעט. כ'פרעג אײַך, ביי וועלכער אַנדערער אַרבעט קאָן מען דען ברענגען אַזוי פיל נוצען פאַר אונזער פאָלק ווי ביים „בינטל בריף", צום ביישפּיל, „מע־נער און פרויען" אָפּטיילונג און „ער־און־זי" מעשיות?

— דאָס דערמאָנט מיך טאַקע אָן אונזער אייגענער זי, אונזער יוניאָן, וואָס איז שוין, קיין ביין אויג זאָל איר ניט שאַדען, געוואָרען זיבעציג יאָר אַלט. אַ זקנה, זאָגט איר, האַ? אָבער איך געדענק זי ווען זי איז נאָך געווען בלויז דרייסיק יאָר אַלט. אירע ערס זיינען דאַן געווען מערסטנס יונגעלייטלעך, אָן פּלי־כעס און אָן, זאָלט איר מיר מוחל זיין... כ'מיין, וואָס דאַרף מען ריידן וועגן דעם? וואָס אַן אמת, ס'זיינען אויך דאַן געווען אַלטע און יונגע, אַזוי ווי איצט. אָבער ווי קומען די היינטיקע יונגע צו די אַמאָליקע? דאַן האָבן די יונגע זיך געקליבן חתונה צו האָבן, און איצט זיינען דאָך אַפילו די יונגע שוין זיידעס און עלטער־זיידעס און נאָר די פאַרלאַנגען זיינען ביי זיי יונגע.

— אַי, אַי, אַי! געווען אַ צייט, איר געדענקט דאָך, ווען אַב. קאַהאַן ע"ה האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז אידיש וועט אונטער־גיין, כ'ווייס, אין אַ וועלכע צען־פופצן יאָר אַרום. און דאָך זעט ווי מיר בליען איצט, זעט ווי מ'יר וואַקסן! אידיש האָט דאָך איינגענומען די גאַנצע וועלט און אומגעגנט און אַפילו קינדער אין די וויגן ווייסן שוין, אַז זיידע־באָבע ריידן אויף אַ שפראַך וואָס הייסט אידיש.

— היינט די באַאַמטע פון אונזער יוניאָן — איינס און איינס, גאָלע פערל, זאָג איך אײַך. נעמט אונזער פּרעזידענט, נאַפּרימיער — אַ סאַמאָראָדנער דאָקטאָר און דערצו אַ ציוניסט; דער וואַיס־פּרעזידענט — אַמאָל געווען אַ ציוניסט; דער פּראָטאָקאָל־סעקרע־טאַר — אַ פאַרברענטער בונדיסט; דער פינאַנץ־סעקרעטאַר — אַן אומפּאַרטייאישער. און ז'אָך זעט וואָס פאַר אַ האַרמאָניע עס הערשט צווישען זיי! איינער וואָלט דאָך פאַר'ן אַנדערן געגאַנגען ביז'ן פייער און ביז'ן וואַסער. זיצט מען טאַקע טאָג און נאַכט און מ'וואַכט איבער דער קאַסע, אַז די אַלטע זאָלן זי חלילה נישט אַוועק'לקח'ע־נען, און מ'איז אין איין שרעק, אַז די יונגע זאָלן חלילה נישט מאַכן אַ ויצעקו ווען דער פּרעזידענט מוז אויסגעבן עטליכע ביד־נע דאָלאַרן אויף אַ טעקסי, רחמנא לצלן, פאַר יוניאָן־אַנגעלעגנהייטן אָדער אויף אַ פּאָסט־נעם סענדוויטש. אַי, אַי, אַי, נישטאָ די אַמאָליקע קערמישלאַך און לוויות, ווען מען פלעגט אַריינגיין צו אַרעלע'ן און זיך אָפּכאַפּן דאָס האַרץ על חשבון הקהל. אַוועק די צייטן.

— זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, אָבער אונ־זערע איצטיקע ברידער אַרבעטער זיינען דאָס אויבערשטע פון שטויסל. זעט ווען מ'גע־פינט איצט צווישן זיי: דאָקטאָר, לאַיער, אַקאַונטענט, דענקער, דערפינדער, פאָרשער (אָסור, זעט איר מיך, אויב איך ווייס וואָס זיי פאָרשן), שרייבער, רעדאַקטאָר, רב, ערב־רב, לערער, מלמד, באַהעלפער און גלאַט זעצער — אַלע געלערנטע מענטשן, וואָס קאָנען זיך לייכט ספּראַווען מיט די טערקיש און אַפילו כינעזיש, וואָס כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין אַ שרייבער'ס „קאָפּי". וואָס אַנ־באַלאַנגט אַראַביש און העברעאיש זיינען זיי גאָר מאַדימ'ס. זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז ווען דער שרייבער האָט געשריבן, לאָמיר זאָגן, אַבדאַלאַ, האָט ער געמיינט הבדלה; ווען ער האָט געשריבן טשיזבאָט איז ער, דער שריי־בער, אַן עם־הארץ און האָט געדאַרפט שרייבן קעז־באָד; זיי ווייסן, אַז ס'איז ריכטיקער צו זעצן אַ נאַרע איידער עין הרע, שמאָנצעס אָנשטאָט שמן זית א. אַז. וו. אַ געזונט אויף זייערע קעפּעלאַך, די זעצער, גאָלע למדנים.

— כ'האָב פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז מיר האָבן אויך באַנקירן און מיליאָנערן. אָט בין איך אַנוסטן געווען ביי אַ פאַרוויילונג פון אונזער יוניאָן, האָט מען געהאַלטן אין איין וואַרפן זיך מיט ציפערן פון טויזענטער און מיליאָנען דאָלאַרן, וואָס מ'האָט געטענה'ט, אַז די יוניאָן וואָלט גערדאַרפט האָבן פאַר אירע פענסיאָנערן.

ווי, מ'זאָרגט פאַר אונז?

טאָ זאָל נאָך לאַנג לעבן אונזער זיבעציג־יאָריגע יוניאָן און מיר אַלע צוזאַמען מיט איר.

## עַל אלה אַני בוכיה...

(זעה צייכנונג — לינקס)

אָפּגעלעבט אַ לעבען־לאַנג —
און עס טוט מיר אַזוי באַנג...
איך צעהל די זיבען צענדליג יאָר
און ס'ווערט מיר פּלוצים אַלעס קלאָר:
אומזיסט מיין מיה געווען ביז איצט —
ס'בלייבט מיין רייכטום אומבאַשיצט.
ס'האָט ניט געלוינט זיך זיין פאַרטיפט
יאָרען־לאַנג אין קאַסטען שריפט...
און ס'האָט אויך ניט געהאַט קיין זין
ביי דער לאַינאָטאַיפּ מאַשין
צו זיצען שטונדען אַיינגעבויגען
און בלענדען כסדר מיינע אויגען...
אין די אותיות מרובעות —
איך זעה איצט מיין גרויסען טעות!
ווער וועט ירש'ענען מיין גוטס;
האָט דען ווער אין דעם אַ נוץ?
ווער דאַרף אידיש היינט־צו־טאָג?
ס'האָט קיין ווערט וואָס איך פאַרמאָג!
וואָלט איך כאָטש ערצויגען זעצער
צו פאַרנעמען אידיש פּלעצער...
האָב איך אָבער, צום פאַרדראָס,
מיין טיר געהאַלטען אונטער שלאָס...
כ'האָב צו די גוים זיי געטריבען —
אַליין אַן עלענדער געבליבען!...
נו, פרעג איך אַייך: איז דען אַ חידוש
וואָס מ'קריגט קיין זעצער ניט אויף אידיש
מ'קען שוין אונזער צוקונפט זעהן
וואָס מיט אידיש ס'וועט געשעהן!...
ליידיג וועלען שטעהן די פּלעצער
סאַי פאַר שרייבער, סאַי פאַר זעצער!...

* * *

זיץ איך איצט אין צער פאַרטיפט,
קוק צום קאַסטען אידיש שריפט —
און גיס מיט טרערען ווי אַ ביבער:
אויף וועמען לאָז איך אַייך איצט איבער!

B. J.

## אותיות

•

עס וועלען זיך ציהען
אין דורות אַריין
די אותיות וואָס גליהען
מיט פרייד און מיט שיין.
די ווערטער, וואָס דרינגען
פון טיפסטען געמיט,
זיי שאַלען און קלינגען
אין בוך און אין ליד.

א. ר.



# ואנכי הולך ערירי...




דער מקונן (אידישער שריפטזעצער) קלאָגט איבער זיין פאַרמעגן...
לייענט זיין קלאָג־ליד „על אלה אַני בוכיה" (אין אַ קעסטעלע, רעכטס)

# דער דרוקער פֿאַראיין אין פּוילן

• פון ה. קופּפערשטיין

אין דעם יאָר, ווען מיר פייערן דעם 70־יאָריקן יובילעי פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן אין ניו יאָרק, פאַלט אויך אויס דער 15טער יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז מיט אַזוי פיל יראת־הכבוד געפייערט געוואָרן דורך די אידען אין אַלע עקן וועלט. עס איז דעריבער פולשטענדיק אין פּלאַץ, אַז אונזער יובל־זשורנאַל זאָל אַביסל אָרט אָפּגעבען פאַר דעם רומפולן פאַראיין פון אידישע דרוקער־אַרבעטער אין פּוילן, וואָס איז אַזוי אַכזריותדיק פאַרשניטען געוואָרן דורך די היטלער־בעסטיעס צוזאַמען מיט׳ן אידישען פאָלק פון מזרח־אייראָפּע.

אין פּוילן, וואו עס איז געווען קאָנצענטרירט אַרום דריי און אַ האַלב מיליאָן אידן און וואו אידישער צייטונגס־און פאַרלאַגס־וועזן איז געווען שטאַרק אַנטוויקלט, האָבן געלעבט טויזנטער אידישע זעצער און דרוקער. נישט געווען, דאַכט זיך, קיין שטעטל אין פּוילן צווישען ביידע וועלט־קריגן, וואו אַ אידיש געדרוקט בלעטל זאָל נישט האָבן דערשינען, שוין אָפּגערעדט פון די גרויסע שטעט, ווי: וואַרשע, ווילנע, לאָדזש, לובלין, ביאַליסטאָק, גראָדנע, לעמבערג און קראָקע, וואו עס זענען דערשינען צו עטלעכע אידישע טאָג־צייטונגען סאַי אין אידיש און סאַי אין פּויליש. עס איז דעריבער נאַטירליך, וואָס אין פּוילן איז ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען דער גרעסטער צענטער פון אָרגאַניזירטע אידישע זעצער און דרוקער־אַרבעטער אין דער וועלט. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט זיך גערופן: „פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון אידישע דרוקער־אַרבעטער אין פּוילן”.

דער דאָזיגער פאַראיין (יוניאָן) האָט געשפּילט אַ באַדייטענדע ראָלע אינ׳ם לעבן פון די אידישע אַרבעטער פון פּוילן אויף אַלע געביטן. עקאָנאָמיש איז ער געווען דער פאָרגייער פון די אידישע אַרבעטער. פּונקט ווי די אידישע שריפטזעצער־יוניאָן דאָ, אין אַמעריקע, האָבן די דרוקער־אַרבעטער דאָרט די ערשטע אויף דער אידישער גאַס אויסגעקעמפט בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען, העכערע לוינען א. אַז. וו.

אויפ׳ן פּאָליטישן געביט איז דער אידישער דרוקער־אַרבעטער געווען פון די ערשטע און געוואַגטסטע אָפּן זיך צו שטעלן אין די רייען פון פּאָליטישן קאַמף אונטער די פענער פון „בונד”. אויף יעדען רוף צו פּאָליטישער אַקציע — צי דאָס איז געווען דער 1טער מאַי, צי קעגען רדיפות אויף אידן, צי קעגן דער פּראָ־פאַשיסטישער פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג — האָט דער דרוקער־פאַראיין פון די ערשטע זיך געשטעלט אין די קאַמפּס־רייען קודם כל דורך אָפּשטעלן דאָס דערשיינען פון די אידישע צייטונגען.

אויפ׳ן געביט פון אידישן קולטור־שאַפן האָט דער דרוקער־פאַראיין זייער פיל אויפגעטאָן. ער איז געווען אַ מיטבויער פון דער צענטראַלער אידישער שול־אָרגאַניזאַציע „צישאָ”, אויסגעהאַלטן איינע פון אירע גרעסטע שולן, די „כמורנער”־שול אין וואַרשע, געשטיצט די „מעדעם”־סאַנאַטאָריע.

איז אין 1933 געקומען אַ שוואַרצע כמאַרע איבער אייראָפּע און איבער דער גאַנצער וועלט. אַדאָלף היטלער האָט די לופט פאַרפעסטעט. אויך אין פּוילן זענען אַנטשטאַנען פינסטערע באַנדעס, וועלכע האָבן זיך גענומען וואַרפן אויף דער אידישער באַפעלקערונג. דער דרוקער־פאַראיין איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין אַקטיווער פאַרטיידיקונג פון כבוד און לעבן פון די אידן אין פּוילן. ער האָט געשיקט זיינע בעסטע און געטרייסטע מיטגלידער אין די קאַמפּס־גרופּן. אַ ביישפּיל פון אָפּפערווילִיקייט און קרבנות־גרייטקייט האָט אַרויסגעוויזען דער לאַנגיאָריקער פאָרזיצער פון דרוקער־פאַראיין, לאָזער קלאָג, וועלכער האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון דער דרוזשינע פון דרוקער־פאַראיין.

1טער סעפּטעמבער, 1939, אַן אייזערנע לאַווינע האָט זיך אַ גאָס־געטאָן אויף פּוילן פון אַלע זייטן און פון דער לופט. דאָס האָט היטלער זיך געוואָרפן מיט חיהשער רציחה איינצושלינגען פּוילן. געשען איז דאָס באַלד נאָך דעם טרויעריק־באַרימטן היטלער־סטאַלין אָפּמאַך, ביי וועלכן די צוויי וועלט־מערדער האָבן זיך איינגעטיילט מיט דער אייראָפּעאישער טעריטאָריע. אין משך פון געציילטע טעג זענען די דייטשע האָרדעס געווען ביי די טויערן פון וואַרשע.

ביי דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע האָבן די אידישע זעצער און דרוקער אַריינגעשריבן אַ העלדיש קאַפּיטעל. די אידישע דרוקער־אַרבעטער האָבן זיך געשטעלט אין רשות פון דעם פאַרטיידיגונגס־קאָמיטעט. אונטער אַן אומאויפהערלעכן האָגל פון באָמבעס און שראַפּנעלן, וואָס האָט געהאַלטן טאָג און נאַכט, האָבן די אידישע זעצער און דרוקער, צוזאַמען ניט די איבעריגע קרעפטס, אָנגעהאַלטען דאָס דערשיינען פון דער וואַרשעווער פּרעסע פאַר די גאַנצע פיר וואָכן פון דער באַלאַגערונג פון שטאָט.

אין די לעצטע טעג פון סעפּטעמבער, 1939, האָט וואַרשע קאַפּיטולירט צום גרויזאַמען שונא. מיט׳ן פאַלן פון וואַרשע איז גאַנץ פּוילן געלעגן אַ צעקאַליעטשעטע, אַ צאַפּלדיקע אונטער היטלער׳ס שטיוול.

אין אָט די באַדינגונגען נעמט די אָנפירונג פון דרוקער־פאַראיין די איניציאַטיוו און שאַפט באַשפּייזונגס־צענטערן אין פאַרשידענע ערטער. אויסער מיטגלידער פון דרוקער־פאַראיין האָבן פון די געשאַפענע טיי־האַלעס און קיכן גענאָסן אַרטיסטן און שרייבער. אין שפּיץ פון די דאָזיקע באַשפּייזונגס־פונקטן זענען געשטאַנען: לאָזער קלאָג, משה סקלאַר, קרייקערמאַן, בערל העכטמאַן, העלפגאָט, לערוך און אַנדערע.

ביי דער געשאַפענער לאַגע האָט דער פאַראיין זיך אַריבערגעקליבן אין אונטערגרונד, אין אומלעגאַליטעט. די אַרבעט איז געפירט געוואָרן מיט די פּרימיטיווסטע מיטלען, ווייל אַלע דרוק־ און זאַץ־מאַשינען זענען דורכ׳ן אָקופּאַנט אַרויסגעפירט געוואָרן. אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער אַרבעט האָבן: לאָזער קלאָג, משה סקלאַר, גרוזאַלץ, קוציק, וואולמאַן און אַנדערע. צענדליקער האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס, ווען געסטאַפּאָ אָדער זייערע פּוילישע און ליטווישע געהילפן האָבן אַנטדעקט אַזעלכע אומלעגאַלע דרוקערייען.

עס איז געקומען די געוואַגטע שעה — די שעה פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ. אָרעם איז די שפּראַך פון אַלע פעדערס און אַלע לשונות פון דער וועלט אַרויסצוברענגען דעם העלדנמוט און דרייסטקייט פון די אויפשטענדלער, וועלכע האָבן געקעמפט מיט כמעט נאַקעטע הענט קעגן דער אכזריות פון אַ מאָדערן באַוואָפנטער אַרמיי, קעגן טאַנקען און עראָפּלאַנען, קעגן באָמבעס און שראַפּנעלן. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז אַריין אין דער אייביקער געשיכטלעכער אומפאַרגעסנקייט, און אין פּאַנטעאָן פון זיינע העראָאישע העלדן און מאַרטירער געפינען זיך צענדליקער דרוקער־אַרבעטער, וועלכע האָבן אין דינסט־פליכט פאַר זייער פאַראיין און געטריי דער דערציאונג וואָס זיי האָבן באַקומען אין דער רומרייכער פאַרגאַנגענהייט פון פאַראיין, געבערענגט דעם גרעסטן קרבן, וואָס עס איז זיך נאָר מעגלעך פאָרצושטעלן — זיי האָבן אַוועקגעגעבן זייערע לעבנס פאַר׳ן כבוד פון אידישן פאָלק.

**די דעלעגאַטן צום 4טן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון דרוקעריי־אַרבעטער אין פּוילן, פאָרגעקומען דעם 8טן און 9טן אַפּריל, 1939, אין וואַרשע.**





# ווען טויטע רעדן

(אַ רירענדע איבערלעבונג)

• פון ב. דזשייקאָב

הונדערטער יאָרען האָט די קליינע קאָלאָניע געלעבט בשכנות, אַ טיר נעבען אַ טיר, אין שלום און האַרמאָניע, ווי איין משפחה. איינער אָן דעם צווייטען האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. מענשען זענען שוין געווען געוואוינט זיי צו זען שפּאַצירען צוזאַמען — צוויי, דריי, פיר אין אַ גרופּע. אַמאָל מער. מ׳האָט אויך, פון צייט צו צייט, געזען שפּאַצירען איינעם אַליין — אָבער אפילו דאַן איז ער נישט געגאַנגען ווייט אָפּגעטיילט פון זיינע שכנים.

זייערע וואוינונגען זענען באַשטאַנען פון איינצעלנע צימערן. די חדרים זייערע זענען געווען פון פאַרשיידענע גרויס — איינציגע שמאָלע, קליינע; אַ צאָל גרעסערע, ברייטערע. בלויז דינע, הילצערנע ווענטלעך האָבן אָפּגעטיילט איין צימער פונ׳ם צווייטען.

און אָט די קליינע קהילה, מיט די מיניאַטורנע וואוינונגען, איז כמעט קיינמאָל נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. ווי קליין אין צאָל אָט די משפחה איז געווען — אַזוי גוואַלדיג טעטיג זענען זיי געווען. ווי די בינען האָבען זיי אַרומגעטאַנצט און כסדר געאַרבעט.

די איינוואוינער פון אָט־דעם „אינזעל” זענען געווען פון פאַרשיידענעם עלטער: יונגע, עלטערע און גאַנץ אַלטע. די יונגע האָבן געהאַט העלע, גלאַנציגע פּנים׳ער; די עלטערע — עטוואָס טונקעלערע, ביי וועלכע דער גלאַנץ האָט זיך שוין קוים אָנגעזען; די גאַנץ אַלטע — שוין היפּשליך־שוואַרץ, אָבער שוואַרץ־חנ׳עוודיגע. זייערע געסט און אָפּטע באַזוכער האָבען זיך פונדעסטוועגען באַצויגען צו זיי מיט דעם זעלבען רעספּעקט. מ׳האָט געוואוסט זייער יחוס — אַז זיי קומען פון זעלבען אָפּשטאַם.

און אַ געראָטענע משפחה איז דאָס געווען. זיך האָט זיך געקאָנט ווענדען צו זיי סאַי אין אידיש, סאַי אין העברעאיש. אין ביידע שפּראַכען זענען זיי געווען ביי זיך אין דער היים.

אָט די קליינע גרופּע האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אידישען לעבען. אידען האָבען זיך פּשוט גענויטיגט אין זיי. מ׳האָט זיך באַצויגען צו זיי מיט גרויס כבוד. מ׳האָט זיך ממש געשפּיגעלט אין זיי.


דער שרייבער־סטעף פון „פאָרווערטס”

באַגריסט די אידישע שריפטזעצער
צו דעם 70טען יובילעי פון
זייער יוניאָן.

מיר ווינשען זיי נאָך לאַנגע יאָרען פון אַרבעטען מיט אונז צוזאַמען פאַר דעם אידישען וואָרט.

ל. הענדין, פאָרזיצער
שמעון וועבער, י. מעצקער,
לעאָן קרישטאַל, ב. שעפּנער.


מחמת פון אָט די קליינע צימערלעך, מיט די גלאַנציגע און שוואַרץ־חנ׳עוודיגע איינוואוינער, און מיט זייער הילף, איז סוף־כל־סוף אַרויסגעקומען גייסטיגע שפּייז פאַר אידען. קליין און גרויס האָבען זיך געקוויקט מיט זייערע שאַפונגען. ווי־נאָר זייער פאַרטיגער פּראָדוקט האָט זיך באַוויזען, איז ביי יעדען אידען געוואָרען אַ ליכט אין די אויגען. מ׳האָט עס געקאָנט זען דייטליך, שוואַרץ אויף ווייס.

עס איז דאָך אַ פאַקט: אַ דאַנק זיי האָבען אידישע קינדער אַ סך געלערנט; דערוואַקסענע האָבען געשעפּט וויסען; פרומע אידען האָבען דורך זיי געלערנט תורה, געדאַווענט, געבעטען גאָט; פריידענקער האָבען מיט זייער הילף שטודירט וועלטליכע ביכער, וויסענשאַפט, ליטעראַטור.

איז קיין וואונדער נישט וואָס די איינוואוינער פון דער קליינינקער קאָאָפּעראַטיווער געביידע זענען געווען אַזוי וויכטיג פאַר אידען. מ׳האָט זיי געמוזט האָבן! אָהן זיי וואָלט מען קיין אידישען בוך אין האַנט נישט גענומען, קיין צייטונג נישט געלייענט, — מען וואָלט געלעבט אין אומוויסענהייט. אין פינסטערניש.

און וואָס וואָלטען געטאָן די מלמדים און די לערער? אָן אָט־דער שוואַרץ־חנ׳עוודיגער גרופּע, וואָלטען דאָך קיין טעקסט־ביכער ניט געווען! נישט די לערער וואָלטען געהאַט לערן־מעטאָדעס, און ניט די מלמדים וואָלטען געהאַט ספרים, סידורים, חומשים, גמרות.

און דאָך, ווי וויכטיג און נויטיג אָט די גרופּע איז געווען פאַר אידען איבער דער גאַנצער וועלט, האָט מען פון זיי קיין גרויסען צימעס נישט געמאַכט. מ׳האָט וועגען זיי קיינמאָל נישט גערעדט. זעהר ווייניג מענשען האָבען אַ טראַכט געטאָן וועגען זיי. בלויז נאָענטע, וועלכע זענען געקומען מיט זיי אין באַרירונג טאָג־טעגליך האָבען זיך אינטערעסירט מיט זיי. און אפילו אָט די נאָענטע זייערע, וואָס זענען אָפּט געקומען צו זיי, און זיך געפריינטעלט מיט דער גרופּע — איז דאָס אויך געווען אויס עגאָאיסטישע מאָטיווען. צוליב זייערע אייגענע אינטערעסן זענען אָט־די לייט געוואָרען נאָענטע מחותנים מיט די „אינזעל־מענשען”...

און בלייבענדיג אַליין אין זייערע הילצערנע, איין־צימערדיגע כאַטקעס — נאָכדעם ווי זייערע טעגליכע באַזוכער זענען אַוועק צו זייערע רחבות׳דיגע אַפּאַרטמענטס — זענען די קרבנות פונ׳ם אינזעל געבליבען זיצען פאַרזאָרגטע, מיט הערצער שווער ווי בליי. פון זייערע אויגען האָט אַרויסגעקוקט אַן אומעט. זייערע פּנים׳ער זענען געווען פאַר׳חושכ׳טע, פאַרשוואַרצטע, פאַרשטויבטע.

לאַנג זענען זיי אַזוי געזעסען אין טויטער שטילקייט. ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבען אַ באַוועגונג צווישען זיי. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז פאַרשטיקטע קרעכצען און זיפצען טראָגען זיך אין דער לופט. אָט הערען זיך רייד:

„שלעכטע, אומדאַנקבאַרע מענשען! דאָס רעדען צו אייך אייערע אייביגע, פאַרשוואַרצטע און פאַרמוטשעטע שקלאַפען! איר טוט מיט אונז וואָס אייער האַרץ גלוסט. מיר זענען ביי אייך כחומר ביד היוצר! אָבער דערמאָנט איר זיך אַמאָל אין אונז? פאַר אונזער ברויט צאָלט איר אונז אָפּ מיט שטיינער! איר שפּילט זיך מיט אונז ווי מיט אַ לינקער געליבטער — און ווען מיר דערעסען זיך אייך, וואַרפט איר אונז אַוועק. ווי אַ מאַראַנץ קוועטשט איר אויס אונזער זאַפט און דערנאָך שליידערט איר אונז אַוועק אין מיסט! איר אינטערעסירט זיך אין אונז נאָר דאַן, ווען איר קענט פון אונז עפּעס אַרויסקריגען — דערנאָך זאָגט איר אונז, ווי שעקספּיר׳ס אַ העלד: „דער מור האָט זיין׳ס געטאָן, דער מור קאָן גיין!”... דורך אונז ווערט איר גרויס, קלוג, געלערנט — אין אונז אָבער פאַרגעסט איר! קיינער גיט נישט אַ טראַכט וועגען אונז! אַ סך ווייסען גאָרנישט צי מיר עקזיסטירען!”...

— — — — — — — — — — — —

די רירענדע ווערטער האָבען מיך אויפגעשוידערט. איך האָב זיך אַרומגעקוקט איבער׳ן צימער. אַ פאַרנאַכטיגע טונקעלקייט האָט זיך געשפּרייט איבער יעדען ווינקעל. ס׳איז מיר געוואָרען אומהיימליך, סומנע.

כ׳האָב אַ לעצטען בליק געגעבען אויפ׳ן קאַסטען מיט אידישע שריפט. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די בלייענע אידישע אותיות קוקען אויף מיר בייז, און זיי קלייבען זיך ווידער מיר צו זאָגען שאַרפע רייד...

אַ דערשראָקענער און אַ פאַרשעמטער בין איך אַרויס פון דער דרוקעריי.


דער אידישער שרייבער
באַגריסט דעם
אידישען שריפטזעצער
צום 70טען יובל פון
דער שריפטזעצער יוניאָן

שרייבער־סטעף פון
„טאָג־מאָרגען זשורנאַל”
דר. נ. כווערדלין, פאָרזיצער
וו. יוניז, אשר פּען,
ל. פיינבערג, מ. שטאַרקמאַן

# קורצע באַשרייבונגען פון אַ באַזוך אין ישראל

● פון איסאַק ריבאַלאָווסקי

פון אַלע געשעהענישען אין מיין לעבען, — גוטע און שווערע — וועט בלייבען טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון מיין באַזוך אין מדינת ישראל. ווי אַ ליכטיגער שטראַל וועט דאָס באַלייכטען מיין ווייטערדיגען לעבענס־וועג.

באַלד עטליכע טעג נאָך אונזער אָנקום קיין ישראל האָט אונז באַזוכט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די אידישער דרוקערס אין לאַנד, חבר צבי אסף. ער האָט פאַר אונז אַראַנזשירט אַ באַזוך אין דער רעגירונגס־דרוקעריי אין ירושלים, ווי אויך אין דער דרוקעריי פון ענגלישער צייטונג „דזשערו־זאַלעם פּאָסט".

ווען מיר זיינען געקומען אין תל־אָביב, האָט חבר צבי אסף אונז איינגעלאַדען אין זיין אָפיס, אין דעם „הסתדרות הויז", אויפגע־קלערט אונז די פּרינציפּען און טעכניק פון דעם גאַנצען דרוק־וועזען אין ישראל, און אונז דאַן געפירט אויף אַ טור איבער די גרויסע דרוקערייען און פאַרלאַגען: „דבר", „לעווין־עפּשטיין", די דרוקער־פאַך שולע און דעם מוזעאום פון דרוק־קונסט. אונזער אויפמערקזאַמקייט האָט ספּעציעל צוגעצויגן די דרוקעריי פון דער גרעסטער טעגליכער צייטונג אין לאַנד, דער „דבר", וואו מיר האָבען געזעהן לאַינאָטאַיפּ־מאַשינען מיט ניקוד, לויט דער ערפינדונג פון י. דינאָווסקי.

פאַר אונזערע אויגען האָט זיך אַנטפּלעקט דער גרויסער נס, דער וואונדער איבער וואונ־דער פון אונז יונג לאַנד, וואָס האָט ניט נאָר אַ פעהיגע רעגירונג, אַ מוסטערהאַפטע אַרמיי, אַ שעהנעם בליענדען ישוב מיט פּרעכ־טיגע שטעט, דערפער, גאַסען און הייזער, אַ געזונט אידיש פאָלק, נאָר אויך אַ גוט־אָרגאַ־ניזירטען דרוק־וועזען מיט ערשט־קלאַסיגע פאַכלייט און מאָדערנע מעטאָדען — אַן ער־שיינונג וואָס מיר אַלע דאַרפען זיין שטאָלץ דערמיט, ספּעציעל אונזער יוניאָן, וועלכע האָט געהאָלפען פאַרפעסטיגען און אַנטוויק־לען דעם דרוקער־פאַך אין ישראל.

צום שלוס פון אונזער באַזוך אין מדינת־ישראל, האָט חבר אסף פאַר אונז אַיינגעאָר־דענט אַ „צאתכם לשלום" אין דער הסתדרות־הויז, וואו עס זיינען געווען אַ גרויסע צאָל דרוקער. חבר אסף האָט מיט גרויס ענטוזיאַזם גערעדט וועגען אונזער אידישער שריפט־זעצער יוניאָן לאָקאַל 83 אין ניו יאָרק, גע־דאַנקט פאַר דער הילף צו די חברים־דרוקער אין ישראל און געבעטען אונז איבערגעבען צו דער יוניאָן זייערע וואַרימסטע גרוסען. מיר האָבען, פאַרשטעהט זיך, אויך איבער־געגעבען די בעסטע וואונשען פון אונזערע אָרגאַניזירטע שריפטזעצער אין אַמעריקע און אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז די חבר'ישע באַציאונגען צווישען די פאַך־קאָלעגען אין ביידע לענדער וועלען שטענדיג אָנהאַלטען פאַר דעם כבוד פון אונזער פאָלק און פאַר דעם וואוילזיין פון אונזער פאַך.

זאָל מיר דאָ ערלויבט ווערען אָפיציעל צו באַדאַנקען חבר צבי אסף פאַר זיין האַרצי־גער גאַסטפריינדליכקייט און פאַר דער צייט און מיה, וואָס ער האָט געגעבען צו מאַכען אונזער באַזוך אינפאָרמאַטיוו און אינטערעסאַנט.

ביי דער געלעגענהייט פון מיין באַזוך אין ישראל, האָב איך פאַראייביגט דאָס לאַנד און דעם ישוב, ספּעציעל דעם יום־טוב פון 10טען יאָרטאָג פון דער מדינה, אין אַ קאָלירטער מואווי, איבער 700 פוס, וואָס איז געוויזען געוואָרען אין אַ סך פלעצער דאָ אין ניו יאָרק און איז אויפגענומען געוואָרען מיט באַגייס־טערונג.

מיין וואונש צו אונזער גרויסן חג השבעים: מיר זאָלען צוזאַמען דערלעבען פייערען די ווייטערדיגע יובילעים אין אַ וועלט פון פריי־הייט ושלום על ישראל!

## אוירא דארץ ישראל מחכים

### (די לופט פון ארץ ישראל מאַכט קלוג)

פינף פון אונזערע קאָלעגען שריפטזעצער האָבען באַזוכט אונזער אידיש לאַנד און זיינען צוריקגעקומען באַגייסטערטע פון אַלץ וואָס זיי האָבען דאָרט געזעהן און געהערט. מיר גיבען דאָ זייערע נעמען לויט'ן א"ב — ואלו הן: מאַקס גאָלדינג, יעקב ווייסבאָרד, הענרי סאַקאָווסקי, סעמיועל קלאַטשקאָ און איסאַק ריבאַלאָווסקי. אומצעליגע אַרטיקלען זיינען שוין געשריבען געוואָרען וועגען ישראל. צו פאַרמיידען ווידערהאָלונגען — גיבען דאָ אונזערע חברים זייערע איינדרוקען בקיצור נמרץ (זעהר קורץ).



רעכטס צו לינקס: הענרי סאַקאָפּסקי, יצחק ריבאַלאָווסקי, צבי אסף און יעקב ווייסבאָרד.

● פון יעקב ווייסבאָרד

צופעליג האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דריי מיטגלידער פון אונזער יוניאָן זענען צוזאַמען געפאָרען באַזוכען ישראל (ריבאַלאָווסקי, סאַקאָווסקי און דער שרייבער פון די שורות). אונזער אָנקומען קיין ישראל איז זיך צוזאַ־מענגעפאַלען מיט'ן פיבערהאַפטען צוגרייטען זיך פון דער ישראל־באַפעלקערונג צו דעם 10־טען יום־העצמאות, און ווען מ'זאָגט, אַז די ישראל־באַפעלקערונג האָט זיך געגרייט צום יום־טוב איז דאָס גאָרנישט איבערטריבן.

דער חבר אסף האָט געשטעלט זיין גאַנצע צייט צו אונזער דינסט און אונז באַקענט, — אויף וויפיל ס'איז נאָר געווען מעגליך, ווייל אין דער קורצער צייט פון אונזער זיין אין ישראל האָבען מיר דאָך געוואָלט זען דאָס לאַנד פון עק צו עק, — מיט'ן דרוק־וועזן פון ישראל: „דבר", „דזשערוסאַלעם פּאָסט" און מיט גרעסערע אונטערנעמונגען פון לע־ווין־עפּשטיין אין בת־ים און אַנדערע.

באַזונדערס איבערראַשט זענען מיר געווען פון דעם הויכען ניוואָ פון דער אַרבעט, פון די מאָדערנע איינריכטונגען און מאַשינעריע, וואָס ביי אונז, אין אידישען פעלד פונ'ם אַמעריקאַנער דרוק־וועזן, זענען זיי גאָרנישט בנמצא; און אויך פון די היגיענישע איינ־ריכטונגען און גערוימקייט פון די פלעצער אין וועלכע די אַרבעטער קומט אויס צו אַרבעטען. מיט איין וואָרט: זיי האָבען זיך גאָרנישט צו שעמען פאַר אונז...

מיר האָבען זיך אויך נעענטער באַקענט מיט'ן דרוקער־אַרכיוו און מוזעאום, וואָס איז אונז באַזונדערס נאָענט, ווייל אונזער יוניאָן, לאָקאַל 83, באַטייליגט זיך פינאַנציעל דורך דעם הסתדרות קאַמפּיין אינ'ם אויפבוי פון דער דאָזיגער וויכטיגער אינסטיטוציע, וועלכע איז דער איינציגער פּלאַץ אין דער וועלט וואו אידישע עקספּאָנאַטען אינ'ם דרו־קער פאַך ווערן אַזוי זאָרגפעליג צונויפגע־זאַמעלט און ציטערדיג אָפּגעהיט. עס זענען דאָרט פאַראַן דרוק־זאַכען, יקר־המציאות'ן, וואָס זענען שוין הונדערטער יאָרן אַלט און וואָס האָבען ביים היינטיגען טאָג אַ היסטאָ־רישען ווערט. מיט דעם דאָזיגען אַרכיוו און מוזעאום האָט אויך געהאַט אַ היפשע שייכות אונזער פאַרשטאָרבענער מיטגליד און חבר מאיר קאַסטאָף, ע"ה, וועלכער האָט אומדער־מידליך געאַרבעט פאַר דער דאָזיגער אינסטי־טוציע ביי אונז אין דער יוניאָן און אויך אויסער איר. ער האָט אויך איבערגעלאָזען אַ מגרש (פּלאַץ) אין ישראל פאַר דעם דאָזיגען צוועק. דער נאָמען מאיר קאַסטאָף איז שטאַרק פּאָפּולער אין די דרוקער־קרייזען אין ישראל.

מיר האָבען אויך געזען די דרוקער שולע אין תל־אביב (מאַקס־פּיין שולע), וואו אַ גרעסערע צאָל קינדער און יוגנטלעכע לערנען זיך פלייסיג דאָס פאַך און גרייטען זיך צו זיין קוואַליפיצירטע זעצער און דרוקער. דאָס איז אויך אַ פּראָיעקט פון דעם הסתדרות קאַמפּיין אין אַמעריקע.

ס'איז אויך פאָרגעקומען פאַר אונז אַן אויפנאַמע אין תל־אביב'ער ועד הפועל פון דער אָנפירונג פונ'ם דרוקער פאַראיין, וואו עס זענען זיך, אין אָוונט נאָך אַן אַרבעטס־טאָג, צוזאַמענגעקומען קאַרגע 100 אַקטיווע טוער פון די דרוקער אַרבעטער. מיר האָבען זיך געגענזייטיג געטיילט מיט איינדרוקען. די ישראל'דיגע זעצער האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף אַסך פון אונזערע ברידער אין אַמעריקע, וועמען זיי געדענקען נאָך פון אייראָפּע, בכלל האָבען זיי אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקען אינ־טערעס אין אונזער יוניאָן.

איצט, ווען אונזער יוניאָן פייערט 70 יאָר עקזיסטענץ, איז די פּאַסיגע צייט אונטער־צושטרייכען אונזער ברידערליכע פאַרבינדונג מיט דער גרעסטער אידישער דרוקער אַרבע־טער יוניאָן אין דער וועלט — אין ישראל, און פאַרשטאַרקן אונזער פינאַנציעלע שטיצע, כדי איר צו העלפען אין די וויכטיגע פאַך־פּראָיעקטען — וואָס זענען אויך אונזערע פּראָיעקטען.

● פון ס. קלאַטשקאָ

איך האָב פאַר פילע יאָרען געפּלאַנט מיין רייזע קיין אייראָפּע — ספּעציעל קיין ישראל. הגם איך בין קיינמאָל ניט געווען



סעמיועל קלאַטשקאָ

נאַציאָנאַליסטיש אָדער ציוניסטיש געשטימט, און בין דאָס איצט אויך ניט. דאָך האָט די רייזע קיין ישראל ביי מיר פאַרנומען דעם הויפּט־אינטערעס און אַרויסגערופען וואַרימע געפילען.

איך האָב זיך אַזוי פיל אָנגעהערט וועגען פּאַריז, אַז וואָס נעהענטער איך בין געקומען צו פּאַריז, אַלץ אומגעדולדיגער בין איך גע־וואָרען. ענדליך שפּאַציר איך איבער די וואונ־דער־שעהנע פּאַריזער בולוואַרען און באַ־וואונדער די מאָנומענטען און אָהן אַ שיעור סטאַטועס אויף שריט־און־טריט. אָבער ווען איך בין אַריינגעקומען אין די זייטיגע געס־לעך, וואו דאָס פאָלק וואוינט, איז פאַר־שוואונדען מיין באַגייסטערונג. די הייזער, אַלט און אָפּגעלאָזן; די קאָרידאָרן, פינסטער און מרה־שחורה'דיג; די צימערן, ווי מיט פערציג אָדער פופציג יאָר צוריק אויף מאָנראָו אָדער טשערי סטריטס.

אָבער מיינע אויגען זיינען געווענדט צו ישראל, וואו אַ סך פון מיין משפּחה געפינט זיך און וואו אַ גרויסער טייל פון די געראַ־טעוועטע אידען האָבען געפונען אַ מקום מנוחה.

ס'נעמט ניט לאַנג און דער אל־על לאַנדעט אין לוד און מ'פאַלט אַריין אין אַנדער וועלט — ס'דערמאָנט מיר ביאַליסטאָק מיט פופציג יאָר צוריק, אָבער אנשטאָט אידיש הערט מען העברעאיש.

גליקליכערווייז קום איך אָן ערב דעם 10טען יום העצמאות און פאָר גלייך קיין חיפה און ווער מיטגעריסען מיט דער מאַסע, ספּעציעל, מיט די קינדער, וועלכע טאַנצען אין אַלע גאַסען. די פרייד פון אַלעמען איז אומבאַשרייבליך—מ'קאָן עס נאָר פאַרגלייכן צו דער פרייד, וואָס איך האָב געזעהן ווען ס'איז אָנגעקומען אין ניו יאָרק די נייעס, אַז די מלחמה האָט אויפגעהערט (די ערשטע וועלט־מלחמה). די, וועלכע זיינען דאַן געווען אין ניו יאָרק וועלען עס באַגרייפען.

איך בין אַרומגעפאָרען און האָב באַזוכט

## אַ גרופּע פענסיאָנערן פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן



זיצענדיג, פון רעכטס צו לינקס: ט. גלאַז, ס. אייבעלס, מ. גראַזול, י. גורעוויטש און ש. שטיין. שטעהענדיג, פון רעכטס צו לינקס: י. פּערלין, נ. דובראָוו, מ. פּטאַשין, י. באַרשאַי און ה. סלאַטקין. אויפ'ן בילד פעהלען: י. אַבראַמאָוויץ, ב. באַמדאַס, מ. טשוזי, א. דראָזדאָף, י. עפּשטיין, י. פישמאַן, ה. פּורער. מ. גאַלאַט, מ. גאַנזבערג, מ. גאָלאָס, מ. האָלענדער, י. דזשעקסאָן, י. יאַפּע, י. יאַקובאָוויץ, ד. קאַנטאָר, נ. קאַופמאַן, י. ליכטענשטיין, י. לייזעראָוויץ, ב. פילדאַס, י. פּאַרגמענט, ב. פּערלמוטער, מ. ראָזענבלום, אָ. רייזער, ש. ראַבינאָוויטש, ה. סילווער, מ. סטופּלער, ס. סמיטה, נ. שיין, ס. סטיי־וואָלף און ה. טאַטאַרסקי.

# קורצע באַשרייבונגען פון אַ באַזוך אין ישראל

אַ סך פּלעצער און ס׳איז געווען צו שטוינען צוצוזעהן מיט וואָס פאַר אַ טעמפּאַ מ׳בויט און מ׳שאַפט.

זייענדיג אַ סאָציאַליסט האָבען מיך אַם מערסטענס פאַראינטערעסירט די קבוצות, די הסתדרות און דאָס לעבען פון די אַרבעטער. די קבוצות זיינען אַן אויפטו, וואָס די גאַנצע וועלט האָט עס ניט. אַן אויפטו, וואָס פיל סאָציאַליסטען איבער דער גאַנצער וועלט — אַמעריקע אַריינגערעכענט — האָבען געמאַכט פאַרזוכען אַזעלכע צו שאַפען, און זיינען דורכגעפאַלען. די קבוצות זיינען היינט־צו־טאָג דער רוקען־ביין פון ישראל — און מעג זיין דער שטאָלץ פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט.

ווען מ׳רעדט וועגען הסתדרות מיינט מען די ישראל רעגירונג. די הסתדרות קאָנטראָלירט כמעט אַלץ אין לאַנד: זי נעמט איבער די פּראָדוקטען פון די קבוצות, זי שטעלט־צו אַלעס אין די געשעפטען, זי קאָנטראָלירט דאָס בויען פון לאַנד, זי קאָנטראָלירט טראַנספּאָרטאַציע א. אַ. וו. און ווען איך בין געווען דעם ערשטען מאַי אין תל־אביב און צוגעזעהן דעם אימפּאָזאַנטען ערשטען מאַי־פּאַראַד מיט די בענערס און סלאָגאַנס, זיינען דאָס אַלץ געווען באַשטעטיגונגען.

ווי זיינען די באַציהונגען פון די אַרבעטער צו זייערע פירער? זיי זיינען געווען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען. זיי האָבען נאָך איצט אויך דעם צוטרוי, אויף אַ געוויסען גראַד, צו די פירער. איך האָף אַז די פירער וועלען פאַרשטעהן ווי צו באַהערשען די לאַגע און אָנצוהאַלטען דעם צוטרוי פון זייערע מיטגלידער.

איך דאַנק די, וועלכע האָבען מיר געגעבען די געלעגענהייט זיך צו באַקענען מיט׳ן לעבען אין ישראל. אַ ספּעציעלען דאַנק דעם סעקרעטאַר פון דרוקער פאַד, חבר צבי אסף, ער איז באמת, געווען זעהר פריינטליך און זיך באַמיהט צו באַקענען מיך מיט אַלץ, וואָס איך האָב נאָר געוואָלט זעהן און וויסען.

איך בין געווען אין ישראל איבער דריי וואָכען. אויב איר ווילט קאָנט איר דענקען וועגען מיר: געקומען אויף אַ וויל און געזעהן אויף אַ מייל.

## ● פון מאַקס גאָלדינג

איך בין געווען צווישען די גליקליכע וואָס האָבען באַזוכט מדינת ישראל. די געלעגענהייט איז מיר געקומען ווען איך בין געשיקט געוואָרען אַלס פאַרשטעהער פון אַרבעטער רינג צו דער ישראל באַנד קאָנפערענץ אין ירושלים.

צו באַשרייבען די שעהנע אידישע מדינה, אויסצורעכענען אירע וואונדערליכע אינסטיטוציעס, אירע פּראַכטפולע גאָרטען־שטעטלעך — האַלט איך פאַר איבעריג. ס׳איז שוין אַזוי פיל געשריבען געוואָרען — און אויך דאָ אין אונזער זשורנאַל וועט איר געפינען איינדרוקען וועגען ישראל וואָס מיינע חברים האָבען אָנגעשריבען — אַזוי, אַז ס׳וועט מיינען ווידערהאָלונגען. איך וועל זיך בלויז אָפּשטעלען אויף איין מאָמענט — וועגען דער פאַד־שולע וואָס די אידישע דרוקער אין ישראל האָבען געגרינדעט און וועלכע איך האָב באַזוכט. אַלס שריפטזעצער איז די דאָזיגע אינסטיטוציע מיר אַמנאָהענטסטען.

ס׳איז איבעריג צו ערקלערען די נוצליכקייט פון דער פאַד־שולע פאַר אידישע דרוקער־אַרבעטער וואָס געפינט זיך אין תל־אביב. אונזער יוניאָן איז אַלע מאָל געווען גרייט צו העלפען אונזער אידיש לאַנד. איצט, ווען די פאַד־שולע שטרעבט אויסצוברייטערען איר מעגליכקייט, האָף איך, אַז אונזער יוניאָן וועט איר קומען צו הילף — און וועט גלייך אָנהויבען אַ קאַמפּעין צו שאַפען פאָנדען און העלפען פאַרגרעסערען די פאַד־שולע פון די אידישע דרוקער אין תל־אביב.

מיר גיבען דאָ אַ בילד פון דער פאַד־שולע — דאָס בילד רעדט פאַר זיך אַליין.

## ● פון הענרי סאַקאָווסקי

צו דער געלעגענהייט פון אונזער גרויסען יום־טוב וויל איך דאָ פאַרצייכענען אין קורצע שטריכען מיינע באָבאַכטונגען אויף מיין לעצטען באַזוך אין ישראל.

נאָכדעם ווי איך האָב גענוי אַנאַליזירט די לאַגע פון דעם שריפטזעצער אין ישראל — האָבען מיך אינטערעסירט פאָלגענדע פראַגען:

1) וואָס פאַר אַ גורל ערוואַרט אונזערען אַ אידישען זעצער וועלכער וויל זיך באַזעצען אין ישראל?

2) האָט אַזעלכער אַ מעגליכקייט זיך איינצואָרדנען דאָרט און „מאַכען אַ לעבען״ ביי דעם פאַד?

3) וואָס איז דער בעסטער וועג צו רעאַליזירען אַזאַ פּלאַן, אויב אַזאַ געדאַנק ווערט געבוירען ביי אונזערען אַ זעצער?

פון דער ערקלערונג פון דעם חשוב׳ען סעקר־

(שלוס אויף זייט 48)

### די פאַד־שול פאַר אידישע דרוקער אין תל־אביב



פון רעכטס צו לינקס: מ. גאָלדינג, אַייזיק העמלין; ח. סווערדלוב, לייטער פון דער אָפּטיילונג פון אַרבעטס־אויסבילדונג אין הסתדרות, און צבי אסף, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם דרוקער־פאַראיין אין ישראל.



# ביים שמעלץ־טאָפּ

(אַ בילד)

## ● פון ס. אַלטמאַרק

צען ביינאַכט. אויפ׳ן צענטען פלאָר אין קאָמפּאָזינג־רום ווערט שטילער. די אַרבייט פון היינטיגען טאָג איז פאַרענדיגט.

דער נאַכט־רעדאַקטאָר איז שוין אַוועק אַהיים. די עטליכע שריפטזעצער, וואָס אַרבייטען ביינאַכט ביי דער לעצטער סטאַטישער אויסגאַבע, האָבען שוין אַלץ פאַרענדיגט און לאָזען זיך אַראָפּ מיט׳ן עלעוועיטאָר צו נעמען די טרעין אַהיים.

פון אונטען אין סעלער טראָגט זיך אַ זשומען פון די פּרעסעס, די ריזיגע מאַשינען וואָס דרוקען דעם נייעם נומער „פאָרווערטס״, וואַרפען אַרויס פאַרטיגע קאָפּיעס אין די צענדליגער טויזענטער, וואָס ווערען פאַרפּאַקט און צוגעפירט איבער ניו יאָרק און איבער דער גאַנצער וועלט.

כאָטש קיינער געפינט זיך שוין ניט אין קאָמפּאָזינג־רום, ווערען די לאָמפּען ניט אויסגעלאָשען. אָט קומט אַריין סידני דער „מעטאַל־מעלטער״ (דער וואָס שמעלצט דאָס בליי) און נעמט זיך צו זיין אַרבייט: צונויפקלייבען די אָהן־אַ־שיעור פּאַפּירען וואָס וואַלגערען זיך אויפ׳ן פלאָר, צוזאַמענקערען אַרום די מאַשינען אַראָפּגעפאַלענע שטיקלעך מעטאַל, מאַטריצען, אַרויסצונעמען פון די שופלאָדען גאַנצע זאַצען מעטאַל און אַריינוואַרפען אין שמעלץ־אויווען, און נאָך פאַרשידענע אַרבייטען וואָס מוזען געטאָן ווערען ווען אַלע זיינען שוין אַוועק.

סידני אַרבייט שוין אין קאָמפּאָזינג־רום פון „פאָרווערטס״ עטליכע יאָר ביינאַכט — דאָך קאָן ער זיך נאָך אַלץ ניט צוגעוואוינען צו דער ביינאַכטיגער שטילקייט וואָס הערשט אין די שפּעטע שטונדען. עפּעס ווי ער וואָלט זיך געשראָקען פאַר דער פוסטער איינזאַמקייט.

די נאַכט קוקט אַריין דורך די פענסטער און וואַרפט־אָן אַ מרה־שחורה. די לאַינאָטאַיפּ־מאַשינען, וואָס שטעהען ווי שטומע שאָטענס אין רייהען, קוקען־אויס ווי זיי וואָלטען אויסגעצויגען די הענט און פיס איבער׳ן פלאָר, און קענטיג מידע רוהען זיי זיך איצט אָפּ פון אַ טאָג שווערער אַרבייט. אַ קוים־הערבאַרער קלאַנג טראָגט זיך אין דער לופט פון די מאָטאָרס פון די מאַשינען, ווי אַ טיפער זיפץ, אַקוראַט ווי אָט־די מעכאַנישע גולמס וואָלטען געהאַט אין זיך לעבען, און דאָס אָטעמען זיי אָפּ און קיהלען זיך אָפּ פון דער גרויסער היץ פון אַ גאַנצען טאָג אַרבייט.

פון דרויסען הערט זיך, פון ערגעץ ווייט, דאָס קלינגען פון די שטאָט־זייגערס אין דער שפּעטער נאַכט־שטונדע. אָט זעהט מען לויפען אַ טרעין איבער דער בריק קיין ברוקלין. פון די באַלויכטענע פענסטער לויפען־נאָך דער טרעין קליינע פייערלעך; ווי אַ גלייכער שנור ציהען־זיך לעמפּעלעך, ווייט־ווייט איבער דער בריק, און פאַרשווינדען אין טונעל אַריין. פון איסט ריווער הערט זיך אַ הייזעריג קוויטשען פון שווימענדע שיפלעך, וואָס האַלטען אין איין טרובען אין טומאַן. דאָס גיבען זיי סיגנאַלען צו אַנדערע שיפלעך כדי אויסצומיידען אַ צוזאַמענשטויס. ווייטער — איז שטיל אַרום. די נאַכטיגע שטילקייט איז אַ שאַרפער קאָנטראַסט צום בייטאָגיגען טומעל דאָ.

אַ גאַנצען טאָג איז אין קאָמפּאָזינג־רום אַ הו־האַ, פול מיט מענשען ווי אויף אַ יאַריד: שרייבער, רעדאַקטאָרען, קאָרעקטאָרס, פאָטאָגראַפערס — אַלע קומען אַרויף פון די נידעריגע פלאָרס, לויפען אַרום צווישען די לאַנגע טישען מיט זאַץ, קוקען אויף אויפגעזעצטע אַרטיקלען אין די „געליס״ פאַר׳ן מאָרגענדיגען „פאָרווערטס״. שריפטזעצער, אויף נידעריגע שטולען, זיצען ביי די לינאָטאַיפּ־מאַשינען, זייערע פינגער לויפען איבער׳ן „קי־באָארד״ שנעל־שנעל. פון צייט צו צייט בלייבט איין זעצער זיצען, דעם קאָפּ איינגעגראָבען אין מאַנוסקריפּט, קוקט און קוקט... דאָס זעצט ער אַן אַרטיקעל געשריבען מיט אַ שלעכטער האַנטשריפט און ער שטרענגט זיך אָן צו „טרעפען״ אַ וואָרט... מיטאַמאָל שטראַלט־אויף זיין פּנים — ער האָט ענדליך „געטראָפען״! און אַ צופרידענער לאָזט ער אין גאַנג זיינע כישוף־פינגער — און ווידער טאַנצען זיי איבער׳ן „קי־באָארד״ בליץ־שנעל! דער קלאַנג פון די לאַינאָטאַיפּ־מאַשינען מישען זיך אויס מיט׳ן קלאַנג פון אַ „טיקער״ שרייב־מאַשין וואָס ברענגט נייעס מארבע פינות העולם; אָט הערען זיך קלאַנגען, באַוועגונגען פון דער אַנאָנסען־אָפּטיילונג, פון אַ שנייד־מאַשין, פון אַ פּרוף־פּרעס — אַלעס מישט זיך צוזאַמען און עס באַקומט זיך אַן אייגענאַרטיגע סימפאָניע...

אָט שניידט זיך אַריין אַ שטימע פון איינעם פון די „לאַינאָטאַיפּערס״. „אַן דהי רוף!״ — שרייט ער. דאָס רופט ער דעם מאַשיניסט: עפּעס איז קאַליע געוואָרען אויפ׳ן „רוף״ פון דער מאַשין, די בוכשטאַבען קומען ניט, און מ׳דאַרף דאָרט עפּעס פאַרריכטען. אינמיטען דערינען לאָזט זיך הערען אַ שטיל געזאַנג. איינער פון די „אָפּערעיטאָרס״ זינגט אַ אידיש פאָלקס־ליד. אַ גראָבע שטימע פון׳ם „מאַיקראָפאָן״ צושרייט זיך: „מר. זומאָף! מר. זומאָף!״ — דאָס רופט מען צום טעלעפאָן דעם הויפּט פון „קאָמפּאָזינג רום״ וועגען אַ געוויסען אַנאָנס...

און אַזוי רודערט זיך, ווי אין אַ ביהנשטאָק, אַ גאַנצען טאָג. איצט, אָבער, ביינאַכט — איז שאַ־שטיל. ווי דורך אַ כישוף איז אַלעס אַוועק, פאַרשוואונדען... שאַ־שטיל, ווי ביי פּרצ׳ען „אויפ׳ן אַלטען מאַרק״...

ס׳איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. דער מעטאַל שמעלצט זיך שוין אין אויווען. די אַלטע זאַצען, שריפטען פון היינטיגער אויסגאַבע ווערען שוין צוגאָסען. אַ קורצע עקזיסטענץ האָבען זיי געהאַט — בלויז איין מעת־לעת געלעבט. באַלד דאַרפען זיי אויפס־ניי געבוירען ווערען... באַלד וועלען זיי ווידער אויסגעגאָסען ווערען אין ווערטער, שורות, זאַצען, אַרטיקלען — אַ מין תחית המתים! זיי דאַרפען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ נייעם „פאָרווערטס״...

סידני שטעהט אַזוי ביים אויווען און קוקט מיט הנאה אויף דער צוגאָסענער לאַוואַ... ער זעהט ווי שורות מעטאַל קרימען זיך און דרעהען זיך... און ס׳דאַכט זיך אים אַז זיי פּראָטעסטירען פאַרוואָס ער מישט זיי צונויף אַלע צוזאַמען... עפּעס ווי זיי וואָלטען גע׳טענה׳ט צו אים: „וואָס מישסטו צוזאַמען שלעכטע נייעס, פאַלשע צוזאָגען — מיט אמת׳ע פאַקטען, פרעהליכע בשורות?!... מיר ווילען ניט האָבען דעם זעלבען סוף!״... און סידני׳ן פאַלט איין, אַז עס שאַפען זיך אין דעם שמעלץ־אויווען קליקעס, קלאַסען — יחסנים און פּראָסטע שטיקער בליי... אָבער די שטאַרקע היץ פון אויווען טוט זיך אירס און מאַכט פון אַלע איין וואַסערדיגע לאַוואַ, וואָס סידני גיסט־אַריין אין אייזערנע פאָרמס, וואָס ווערען קאַלט פאַרהאַרטעוועט אין שפּאָגעל־נייע לאַנגע שטאַנגען מעטאַל; זיי שימערירען אין דעם עלעקטרישען ליכט פון די לאָמפּען איבער׳ן אויווען, און ווערען שפּעטער אַוועקגעטראָגען צו די לאַינאָטאַיפּ־מאַשינען אַלס „שפּייז״ פאַר מאָרגענדיגען טאָג אַרבייט.

אַזוי שמעלצט דער אויווען דעם מעטאַל נאַכט נאָך נאַכט. דער נעכטען ווערט צושמאָלצען אין היינט, דער היינט ווערט צוגאָסען אין מאָרגען... טעג און וואָכען, חדשים און יאָרען — צען יאָר, צוואַנציג, דרייסיג, זעכציג!

שוין זעקס צענדליג יאָר ווי די אַרבייט געהט־דאָ־אָן אָהן אויפהער. אַ סך פון די ערשטע „פאָרווערטס״ שריפטזעצער לעבען שוין ניט; פיל פון זיי זיינען אויף פּענסיע. אַ נייער דור איז אויסגעוואַקסען, פרישע, יונגע זעצער זיינען צוגעקומען. איין שריפטזעצער, עליאַס פרענק, פון די סאַמע ערשטע, אַרבייט נאָך היינט אין „פאָרווערטס״ און דערצעהלט אינטערעסאַנטע עראינערונגען פון דעם ערשטען „פאָרווערטס״ וואָס ער האָט געהאָלפען זעצען.

איך באַגריס די אידישע שריפטזעצער יוניאָן צו זייער 70טען יובילעי, וואָס זיי פּייערען איצט. מיין האַרציגע באַגריסונג צום „פאָרווערטס״ צו זיין זעכציג־יאָריגער עקזיסטענץ.

שריפטזעצער זיינען די נאָהענטסטע שותפים צום שרייבער — ביידע העלפען שאַפען דאָס אידישע וואָרט. ס׳איז פאַר מיר אַ כבוד און אַ פאַרגעניגען צו געפינען זיך אין זייער סביבה.

# אליהו בחור

**פון צבי שטאַק**

„ווען איך וואָלט געווען שאַגאַל, וואָלט איך אויסגעמאָלען אַ פּאָרטרעט פון אליה בחור מער אָדער ווייניגער אַזוי: אַ קליין אידעל מיט אַ ציגען־בערדל; מיט אַ לצנ'יש מיצעל אויפ'ן קאָפּ; פון ביידע קעשענעס פון זיין בגד שטעקען־אַרויס ביכער: פון איין קעשענע אַ זוהר; פון דער צווייטער — ז'ער „ז'עקאַמעראָן"; דער זוהר פאַרזיסט זיין גרוי לעבען; דער „דעקאַמעראָן" מאַכט אָבער אויך זיין לעבען ניט זויער..."

אַזוי שטעהט געשריבען אין פּראָלאָג צום רעפעראַט וואָס עס האָט געהאַלטען דער ניט־לאַנג־צוריק פאַרשטאָרבענער היסטאָריקער דר. יעקב שאַצקי, נ"ע, אין זאַל פון דער אידישער קהילה אין בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, שבת אָווענט, דעם 6טען אויגוסט, 1949, ווען דער איוואָ־אָפּטייל פון אידישען קולטור־קאָנגרעס האָט דאָרטען דורכגעפירט די אַקאַדעמיע „אליה בחור, 400 יאָר נאָך זיין טויט".

אויף ווי ווייט אמת און פּינקטליך די אויבענדערמאָנטע קאַריקאַטור איז, קען קיינער, נאַטירליך, ניט וויסען; אָבער אַ היבשער טייל אמת איז אין איר זיכער דאָ. לויט דער צייט און סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט, שטעלען מיר זיך אים פאָר אַלס איד וואָס איז ערגעץ־וואו געבליבען שטעהן על פּרשת דרכים.

פון איין זייט, די טיף־רעליגיעזע שטימונגען, אין וועלכע אליה בחור פאַלט אָפּט אַריין, ווייזען־אָן ווי ווייט ער שטעקט נאָך אין די טונקעלקייטען פון מיטעלאַלטער; פון דער צווייטער זייט, די טאָלעראַנץ צו זיינע קריסטליך־הומאַניסטישע תלמידים און פאַרעהרער ווייזט־אָן אויף זיין שטאָלץ אַלס מענש און איד, ווי דער „שר המדקדקים" (ווי מ'האָט אים באַטיטעלט), פאָרשער, איבערזעצער, דיכטער, אין דער עפּאָכע ווען „לשון אַשכנז" איז געווען די בריק צו אונזער באַליבטען מאַמע־לשון — אידיש.

איידער איך דערמאָן עטליכע פּרטים אין אליה בחור'ס לעבען און שאַפען, מוז איך אָנצייכענען, אַז ניט נאָר די אידישע תורה־וועלט און אויך די מאָדערנע אידיש־קולטור דאַרפען זיך שטאַרק איבערנעמען מיט אליה בחור, נאָך אויך, אַז אונז, א י ד י ש ע ש ר י פ ט ז ע צ ע ר, איז באַזונדערס שטאַרק נוגע איין פאַזע פון דער זעהר אינטערעסאַנטער נאָענט־ווייטער געשטאַלט, אליה בחור, און דאָס איז דער פאַקט, אַז אַ טייל פון זיין לעבען האָט ער געצויגען חיונה פון אונזער מלאכה. ער איז, נעמליך, געווען אַ שריפטזעצער, אַ מעטראַנפּאַזש און אַ קאָרעקטאָר (בעל־מגיה). אין דעם סידור נוסח ספרד (ווענעדיק, 1543), חתמ'עט ער זיך אונטער „אמר הלוי, ה מ ח ו ק ק והזמר" און אין דעמזעלבען סידור פון 1548, שרייבט ער אין אַ גראַם צו זיינעם אַ ליד: „שיר זה הגביה אליהו הלוי ה מ ג י ה"...

עס מוז דאָ אויך פאַרצייכענט ווערען, אַז אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק איז דאַן געווען אַ מורא'דיגע און וואַקעלדיגע צייט, די צווייטע העלפט פונ'ם פופצענטען יאָרהונדערט, לויט דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג, אַ צייט וואָס „אור וחושך משמשים בה בערבוביה", ווען ליכט און פינצטערניש האָבען זיך אין איר געביטען אין אַ געמיש: פון איין זייט די ניט־לאַנג־צוריק רעגנבויגען־פאַרביגע גאָלדענע עפּאָכע אין דער אַראַבישער שפּאַניע מיט אירע גאונים־ריזען, ווי דער רמב"ם, ר' יהודה הלוי, שלמה אבן גבירול, ר' אַברהם אבן עזרא, ר' משה אבן עזרא און אַלע אַנדערע פון דער סאַמע הויך פון אידישער גרויסקייט און שעפערישקייט, און פון דער צווייטער זייט — די שוואַרצע כמאַרעס פון דער אינקוויזיציע און פון פינצטערען גירוש.

אָט אין יענער צייט, אין יאָר 1469 (און אַ טייל זאָגען — אין 1472), ווערט ביים אידישען פרומען פאַרפאָלק, ר' אָשר הלוי אַשכנזי און זיין ווייב הענדלין, אין אַ דאָרף, איפּשהיים אויפ'ן טייך אייש, לעבען נייישטאַט, דייטשלאַנד, געבוירען דער מוזיניק, דאָס ניינטע קינד, אליהו, אָדער אליהו הלוי אַשכנזי, באַקאַנט שפּעטער ווי אליה בחור (אויפ'ן נאָמען פון זיין ספר „הבחור"), און אין דער ניט־אידישער וועלט, ווי אליהו לעוויטאַ הלוי.

שפּעטער באַזעצט זיך די משפּחה לעוויטאַ אין נייישטאַט און זי איז זיך דאָרט אינ'ם אידישען קהילה־לעבען מתעסק מיט העלפען די פּליטים פון נירנבערגער גירוש. פיר יאָר נאָכ'ן טויט פון זיין מוטער, הענדלין, אין פראַנקפורט אַם מאַין (1498), איז שוין אליה בחור אין איטאַליע. וואָס ס'איז געווען דער סוף פון זיין פאָטער ר' אָשר אַשכנזי, ווייסט מען ניט און אויך ווי אַזוי אליה איז מגולגל געוואָרען קיין איטאַליע איז אומבאַקאַנט. אַ סך דייטשע אידען זיינען דעמאָלט אַנטלאָפען קיין איטאַליע צוליב די גירושים אויף אידען פון אַ צאָל דייטשע שטעט.

שפּעטער באַזעצט ער זיך אין ווענעדיק, אין וועלכער עס האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען אַ היבשע אידישע קאָלאָניע פון דייטשע פּליטים. דאָרט פאַרנעמט ער זיך מיט מלמדות, שרייבט חתונה־שירים, געגראַמטע נוסחאָות אויף גביר'ישע מצבות און נאָך אַזעלכע דעמאָלט־באַקאַנטע אידישע מלאכות און ער האָט דערפון — ווייניג ברכות...

פון ווענעדיק איז ער אַוועק קיין רוים, וואו ער האָט פאַרבראַכט 13 יאָר (פון 1514 ביז 1527). דאָס זיינען געווען די בעסטע און פרוכטבאַרסטע יאָרען אין זיין לעבען. דאָרטען האָט ער געפונען אַ „מלאך הגואל" אין דער פּערזאָן פון דעם קאַרדינאַל עגידיוס (עדזשידיאָ) קאַניסיוס דע וויטערבאָ (1471־1532), אַ באַרימטער הומאַניסט און ליבעראַל, גרויסער שפּראַכען־קענער, קענער פון גמרא, דקדוק און קבלה, באַרימטער תנ"ך־פאָרשער און קאָמפּילאַטאָר פון קריטישע טעקסטען וועגען דער אַלט־העברעאישער ליטעראַטור. ער איז אויך געווען גענעראַל פון סעינט אויגוסטין אָרדער און אַ קרוב פון דעמאָלסטדיקען פּויפּסט.

אין 1538 פאַרעפענטליכט אליה בחור זיין באַרימט ווערק „מסורת המסורת", וואו צווישען אַנדערע געוואַגטע באַהויפּטונגען אַלס גרויסער מסורה־פאָרשער ווייזט ער אָן, אַז די נקודות און טעמים (טראָפּ) אין דער תורה זיינען ניט „מסיני"; זיי זיינען ניט נאָר געווען אינגאַנצען אומבאַקאַנט אין עזרא'ס צייטען, נאָר אפילו אויך בימי התלמוד האָט מען פון זיי נאָך ניט געוואוסט; ערשט נאָך חתימת התלמוד אין דער צייט פון די „חכמי־טבריה" האָבען די בעלי־המסורה זיי געשאַפען. אַלע שפּעטערדיגע משכילים־פאָרשער, אַ חוץ משה מענדעלסאָן, האָבען די מיינונג אָנגענומען.

אין ווענעדיק האָט אליהו לעוויטאַ אויך פאַרענדיגט זיין קאָנקאָרדאַנץ „ספר הזכרונות", איבער וועלכען ער האָט געאַרבעט העכער צוואַנציג יאָר. ווען ער איז אַוועק פון ווענעדיק קיין איזנאַ, האָט ער פאַרעפענטליכט זיין „מתורגמן" (1541), אַ מין פירוש אויף תרגום אונקלוס; אויך אַ קליין העברעאיש־אידיש ווערטערבוך מיט'ן נאָמען „שמות־דברים" און זיין באַקאַנטען „תשבי", אַן אויסטייטשונג און באַשרייבונג פון 712 ווערטער וואָס קומען פאָר אין תלמוד און די מדרשים.

די שטאָט ווענעדיק (ווענעציע) האָט דעמאָלט געהאַט אַ גרויסע אידישע קהילה פון אַן ערך 900 ביז 950 נפשות. דאָרט איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע אידישע דרוקעריי נאָך דער ערשטער באַרימטער אידישער דרוקעריי פון דער שאָנצינאָ פאַמיליע און אויך נאָך דער גרינדונג פון דער אידישער דרוקעריי אין רעגיאָ די קאַלאַבריאַ, דאָס איז געווען די דרוקעריי וואָס האָט געהערט דעם קריסט פון אַנטווערפּען מיט'ן נאָמען ד נ י א ל ב אָ מ ב ע ר ג.

מיט דער צייט ווערט באָמבערג דער ראש המדפּיסים, און ביי אים דרוקט זיך גאַנץ ש"ס בבלי (1520־1523), די וואונדערליכע „מקראות גדולות" (תנ"ך מיט מפרשים) און זיינע דרוק־אַרבעטען ווערען די שענסטע און פּרעכטיגסטע, און ווערען געקויפט פון אידען און ניט־אידען, פון לומדים און ביבליאָפילען איבער דער גאַנצער וועלט.

דאָרטען, ביי באָמבערג'ן אין דער דרוקעריי ווערט אליה בחור אָנגעשטעלט אַלס בעל־מגיה (קאָרעקטאָר) און מעטראַנפּאַזש (זייטען־אויפשטעלער). אליה בחור לעבט דאַן אויף, ער קומט אין קאָנטאַקט מיט די גרעסטע געלערנטע אין דער וועלט. מ'דאַרף וויסען, אַז זיין אַ קאָרעקטאָר אין יענער צייט האָט נאַטירליך געמיינט זיין אַ גרויסער למדן, וואָרן אַזאַ בעל־מגיה איז אין תוך גענומען געווען דער סטיל־רעדאַקטאָר, מסדר הגליונות און קאָרעקטאָר. אליה בחור קאָרעגירט אויך מאַנוסקריפּטען און ער ווערט באַרימט אין דער גאַנצער וועלט ווי איינער פון די בעסטע אין דרוקער־פאַך.

* * *

פון זיין פאַמיליע־לעבען איז זעהר ווייניג באַקאַנט. מ'ווייסט, אַז אויף די עלטערע יאָרען האָט ער געהאַט אַ סך נחת פון אייניקלעך. ס'איז אָבער, ליידער, אויך באַקאַנט, אַז זיינע צוויי אייניקלעך, פון אַ טאָכטער, האָבען זיך גע'שמד'ט. דאָס זיינען די באַקאַנטע צוויי משומדים וואָס פיגורירען אין דער געשיכטע אין 16טען יאָרהונדערט מיט די נעמען: וויטאָריאָ עליאַנאָ און שלמה ראָמאַנאָ.

אַ חוץ זיינע לעקסיקאָגראַפישע ווערק, ווי די שוין פריער־דערמאָנטע: „ספר הבחור", „תשבי" (712 ווערטער פון תנ"ך און תלמוד, לויט דער צאָל וויפיל ס'באַטרעפט דאָס וואָרט תשבי, און ס'פאַרשטעהט זיך, אַז תשבי איז אויך געווען ז'ער נאָמען פון אליהו הנביא, אליהו התשבי...); „ספר ההרכבה", זיין פירוש צו ר' משה קמחי'ס גראַמאַטיק און די הגהות צו ר' דוד קמחי (רד"ק), וואָס ווערען פאַררעכענט פאַר מייסטער־ווערק אין דער העברעאישער שפּראַך־וויסענשאַפט, זיינען אויך אַרויס זיין באַרימטער ריטערליכער ראָמאַן „דאָס בבא־בוך", נאָכגעמאַכט דעם איטאַליענישען ראָמאַן בואָווע ד'אַנטאָנע (אין אָטאַוואַ רימאַ — אַכט־געגראַמטען פערז), געבויט אויף אַ נאָוועלע פון דעם ענגלישען שריפטשטעלער אין 12טען יאָרהונדערט סיר בעוויס אָוו העמפּטאָן. דורות לאַנג האָבען אידען געלייענט דאָס „בבא־בוך", אָדער „בבא־מעשה" און געהאַט נאָר לויב און ליבשאַפט אי צו דעם ערנסטען טאָן, אי צו די גראַטעסקע איינפאַלן פון דעם מחבר. (אגב, פון דעם „בבא־בוך" אָדער „בבא־מעשה" שטאַמט דער אידישער אידיאָמאַטישער פאָלקס־אויסדרוק: „ער דערצעהלט אַ „בבא־מעשה"...); אויך די צוויי ראָמאַנען זיינע: „פאַריז און וויענאַ" און „דאָס בוך דער שעהנען גליקען" אויפ'ן נוסח פון דעם „אַרטור ראָמאַן" פון יענער צייט. ער איז געווען דער פּיאָנער שריפטשטעלער אין מאַמע־לשון, אידיש, דער דיכטער פון דער „שפּילמאַן־עפּאָכע", וועלכער פלעגט זיינע אידישע שאַפונגען אַליין דעקלאַמירען און רעציטירען פאַר גרויסע מאַסען. ער איז געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון ר' אַברהם אבן עזרא און האָט יומם ולילה געלערנט אין זיינע ספרים און איבערהויפּט זיין פירוש אויף תורה. אין יאָר 1549, דעם צווייטען טאָג אין חודש שבט, שנת ש"ט (דעם ערשטען יאַנואַר), ווען ער איז אַלט געווען 80 יאָר, איז אליה בחור געשטאָרבען אין ווענעדיק. אויף זיין מצבה געפינט זיך פאָלגענדע אויפשריפט:

„הלא אבן מקיר תזעק ותהמה לכל עובר
עלי זאת הקבורה.
עלי רבן אשר נלקח ועלה בשמים
אלי־יה בסערה.
הלא הוא זה אשר האיר בדקדוק אפלתו
ושם אותו לאורה.
שנת ש"ט, שני שבט, עלה בסופו
ונפשו בצרור חיים צרורה".

(דער שטיין שרייט פון דער וואַנט און טרויערט פאַר יעדען פאַרבייגייער, וועגען אָט־דעם קבר, וועגען אונזער רבי'ן וואָס איז אַוועק און אַריין אין הימעל אַריין. אליהו איז אַוועק צו גאָט אין אַ שנעלען ווינט. ער, וואָס האָט געבראַכט ליכט אויף דער פינצטערניש פון דקדוק, און זיין זעל איז אין בונד פון לעבען איינגעבונדען).

* * *

זיינע הויפּט־פאַרדינסטען פאַר דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור באַשטעהען הויפּטזעכליך אין דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון דקדוק. די באַטיטלונג „שר המדקדקים" איז ניט געווען סתם אַ קאָמפּלימענט, נאָר באמת אַ פאַרדינסט.

די אידען פון הונדערטער דורות האָבען זיך גייסטיג געשפּייזט מיט זיינע חיבורים און מיט זיינע ריטערליכע ראָמאַנען, שירים און מסורה־פאָרשערישע מיינונגען.

איך געדענק, אַז מיין זיידע, ר' ניסן, ע"ה, פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקוקען אין „תשבי" און פלעגט פאַר אונז שטאַרק לויבען דעם מחבר זיינעם.

מיט'ן אויפקום פון דער אידיש־פאָרשונג און דער פילאָלאָגיש־אידישער וויסענשאַפט איז אַ סך באַקאַנט געוואָרען וועגען אליה בחור און אין אָפּשאַצן אים איז אויפסניי אַוועקגעשטעלט געוואָרען אַ וויכטיגער מייל־שטיין און אַ וויכטיגע דאַטע אין דער אידיש־קינסטלערישער ליטעראַטור־געשיכטע.

אליה בחור, וועלכער איז אויך געווען איינער פון אונזערע פאָרגענגער ווי אַ אידישער שריפטזעצער און בעל־מגיה, דאַרף צום אַלעם ערשט אונדז דערמוטיגען און אונדז דינען ווי אַ באַווייז, אַז מיר, אידישע שריפטזעצער, וועלכע שטעהען טאָג־איין, טאָג־אויס, ביים רוי־מאַטעריאַל פון שעפערישען אידישען וואָרט, וועלען נאָך זוכה זיין צו אַ נייעם שוואונג, צו אַ נייער דערהויבונג פון דעם אידיש־שעפערישען וואָרט.




# די וויכטיגקייט פון דער צאָל זיבעציג

(לויט'ן תלמוד און דער אגדה)

איז תלמוד און אין מדרש געפינען מיר שטעלען, וואו עס ווערט צוגעגעבען חשיבות און וויכטיגקייט דער צאָל „זיבעציג" (שבעים). אָט זיינען אייניגע באַמערקונגען וועלכע מיר ציטירען דאָ:

1) „און מרדכי קען זיבעציג שפּראַכען" —
ומרדכי יודע שבעים לשון (מגילה, י"ג)

2) און מרדכי איז געווען אַ שפּראַכען־קענער; ער האָט באַהערשט זיבעציג לשונות" —
ומרדכי היה בלשן ע"ש שהיה יודע בשבעים לשונות (מנחות, ס"ה)

3) „אין סנהדרין (הויכער געריכט) האָט מען ניט אַוועקגעזעצט איינעם, סיידען ער האָט געקענט זיבעציג שפּראַכען — כדי דער סנהדרין זאָל ניט דאַרפען הערען פון דעם איבערזעצער" —
אין מושיבין בסנהדרין אלא היודעין בשבעים לשונות — שלא תהא סנהדרין שומעת מפי המתורגמן (סנהדרין, י"ז)

4) „זיבעציג פעלקער — לויט דער לעגענדע זיינען פאַראַן זיבעציג פעלקער אויף דער גאַנצער וועלט" —
שבעים אומות—לפי האגדה יש שבעים אומות בעולם כולו.

5) „גרויס איז דאָס שעפעלע, וואָס שטעהט צווישען זיבעציג וועלף" (אַ משל וועגען אידישען פאָלק, וואָס לעבט צווישען זיבעציג פרעמדע פעלקער פון דער וועלט)
גדולה היא הכבשה שעומדת בין שבעים זאבים — משל על ישראל בין שבעים אומות העולם (אס"ר ו', י"א)

6) פאַר די מיטגלידער פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן איז די צאָל זיבעציג חשוב און וויכטיג מפּני כמה טעמים (צוליב אַ סך אורזאַכען). מיר וועלען דאָ דערמאָנען צוויי:

א) אונזער יוניאָן עקזיסטירט זיבעציג יאָר;

ב) די צאָל „זיבעציג" באַצייכענען מיר מיט'ן בוכשטאַב „עין" (ע) — וואָס איז דער טייטש: „אַן אויג" — אַ רמז (אַ וואונק), אַז זיבעציג יאָר בלעבדען מיר, מיטגלידער פון 83, אונזערע אויגען ביים זעצען אידישע אותיות אויף צייטונגען און ביכער אין אונזער צוויי־שפּראַכיגען לשון.
(מדרש „מסדר־אותיות", מס' ע')

היוצא לנו מזה: לויט אַלע מפרשים — איז אונזער דאַטע אַ היסטאָריש־וויכטיגע: דער 70־יאָריגער יובילעי פון אונזער אידישער שריפטזעצער יוניאָן איז אַ גרויסע געשעהניש אין דער וועלט פון געדרוקטען וואָרט אין אידיש און העברעאיש. *B. J.*



# אַ ברכה פון אַ פריינט און קאָלעגע

טייערע ברידער,

מיט אמת׳ער פרייד באַגריסען מיר אייך צום יום־טוב פון 70־יאָריגען יובילעי פון אייער יוניאָן.

דער דאָזיגער יובילעי איז אַ וויכטיגע דאַטע אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג ביי אידען בכלל. די הויכע לוינען, די סאָציאַלע פּאַרזי־כערונגען און אַרבעטס־באַדינגונגען, וועלכע איר האָט אויסגעקעמפט פאַר אייערע ברי־דער, זענען געוואָרען אַ ביישפּיל פאַר די פאָדערונגען פון די אידישע דרוק־אַרבעטער איבער דער גאַרער וועלט. אייערע דערגריי־כונגען זענען שטענדיג געווען אַ דערמוטיגונג אין יעדען קאַמף וואָס מיר האָבען נאָר גע־פירט פאַר אונזערע גערעכטע פאָדערונגען.

קוקענדיג היסטאָריש צוריק אויף די אָפּ־געלאָפענע 70 יאָר, קומט מען לייכט צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז כמעט דער גאַנצער צייט־אָפּשניט פון דער מאָדערנער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג ביים אינטער־נאַציאָנאַלען אַרבעטער־קלאַס. אייער יוניאָן איז, אַזוי אַרום, פון די עלטסטע פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען בכלל, און מיט דעם האָט איר אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַלגע־מיינער אַרבעטער־געשיכטע. אָבער אין׳ם אידישען אַרבעטער־לעבען איז אייער יוניאָן זיכער פון די סאַמע ערשטע אָרגאַניזאַציעס פון דעם מין אין דער וועלט, און אַלס אַזעלכע וועט דער צוקונפטיגער אידישער היסטאָרי־קער אָפּשאַצען אייער גרויסע באַדייטונג.

מיר דאָ, אין ישראל, האָבען זייט צענד־ליגער יאָרען נאָכגעפאָלגט אייערע קאַמפען און דערגרייכונגען. די אידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל בכלל, און די אידישע דרוק־אַרבעטער בפרט, האָבען שטענדיג געזעהן אין אייך אַ מוסטער פון פּראָלעטאַרישער אויס־געהאַלטענקייט, פון מוט און אמת׳ער אַרבע־טער־ברידערליכקייט.

אין׳ם אינסטיטוט און מוזעי פון אידישען דרוק־וועזען, „המכון לאמנות הדפוס״, וואָס מיר בויען אין ישראל, וועט דער גלאָרייכער וועג, וועלכען איר האָט דורכגעמאַכט, זיין ווי געהעריג אָפּגעשפּיגעלט, פאַרנעמענדיג איינעם פון די אָנגעזעהענסטע ערטער. דורכ׳ן דאָזיגען אינסטיטוט און מוזיי וועלען די קומענדיגע דורות אידישע דרוקער־אַרבעטער אין ישראל לערנען ווי צו פירען זייערע קאַמ־פען און איינאָרדענען זייער לעבען און אַר־בעט, און אייער ביישפּיל וועט דאָ אויף שטענדיג שטעהן פאַר אונזערע אויגען.

אייער 70־יאָריגער יובילעי פאַלט אויס אין צענטען עקזיסטענץ־יאָר פון דער אידי־שער מדינה. עס איז אונמעגליך נישט צו פאַרבינדען יעדע פייערונג ביים אידישען פאָלק מיט אָט־דער היסטאָרישער דאַטע. ווען אידישע אַרבעטס־מענשען אויף דער וועלט פייערען זייערען אַ יום־טוב, איז פאַר זיי אַ דאָפּעלטע פרייד דער באַוואוסטזייז, אַז די אידישע מדינה איז אויפגעבויט געוואָרען און איר עקזיסטענץ ווערט דערמעגליכט נאָר אַ דאַנק דער מיה פון אידישען אַרבעטער־פאָלק. אויך אייערע היגע נאָענטסטע חברים, די אידישע דרוק־אַרבעטער אין ישראל, האָבען צוגעלייגט זייער באַדייטענדיגען ציגעל צום גרויסען בנין וואָס הייסט מדינת ישראל. זאָל דעריבער אייער יום־טוב אויך זיין אַ ווייטערדיגער טראָט צו אַ נענטערער פאַרבינדונג מיט די דרוקער־אַרבעטער אין ישראל און פאַר אַ פאַרשטאַרקטער טעטיג־קייט לטובת אונזער מדינה.

מיר ווינשען אייך דערפאָלג ביי אייער קאַמף פאַר ווייטערדיגען אויסבעסערען די לאַגע און דאָס לעבען פון אייערע ברידער־מיטגלידער און זאָלען די ווייטערדיגע עק־זיסטענץ־יאָרען פון אייער יוניאָן זיין אַזוי רומפול און דערפאָלגרייך ווי די פאַרגאַנ־גענע 70 יאָר.

מיט חבר׳יש־ברידערליכען גרוס,

אין נאָמען פון די דרוקער־אַרבעטער
אין ישראל

צבי אסף.

## לערן פון דער צייטונג

פון נתן אַלטערמאַן

(איבערזעצט פון העברעאיש)

דו נעם זיך אַ מוסר פון צייטונג
און זאָג :
ס׳לעבען דיינס איז בלויז אַן
איינציגער טאָג !
דאָך אָט אין דעם איינציגען
טאָג אויף דער ערד
ביסטו עס דער שופר און דו
אויך די שווערד.
געדענק ! יעדער וואָרט, יעדער אות
און פאַרמעסט
ווערט אין שטאָלענעם דרוק אָהן
שום רחמים פאַרפרעסט !
צי חכמה, צי שטות, וואָס דו
שרייבסט־אויף געטריי,
ווערט ערגעץ פאַרוואַנדעלט אין
קאָכיגען בליי.

## פערציג יאָר אין אַ דרוקעריי

• פון כמעט אַ זעצער

ווי שטעהט דאָרט אין פּרק : „בן ארבעים לבינה״ — איז דער טייטש : פערציג יאָר מיט זעצער, איז מען כמעט אַ זעצער...

אַט ווי די צייט לויפט ! איידער מען קוקט זיך אַרום — און שוין באַלד פיר צענדליג יאָר ווי איך פאַרברענג טאָג־טעגליך אין אַ קאַמפּאָזינג־רום („פאָרווערטס״ זעצעריי) ! און כאָטש אָפיציעל בין איך ניט קיין זע־צער — זאָגען מאַנכע, מיט ווען איך אַר־בעט יעדען טאָג, אַז איך וואָלט געווען אַ ניש׳קשה׳דיגער זעצער.

אין דעם קורצן אַרטיקעלע — וואָס איז אייגענטליך מיין באַגריסונג צו דעם 70־יאָ־ריגן יובילעי פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן — קלייב איך זיך ניט צו דיסקוטירן אויף ווייט איך בין געניט אין זעצער־פאַך ; יאָ אַ זעצער, צי ניט אַ זעצער — דער ענין איז ניט וויכטיג. דאָס האָב איך בלויז דער־מאָנט דרך אגב. אָט, לאָמיר עס אָנרופן : אַ מין הקדמה ! אַן אַריינפיר ! דער עיקר פון מיין אַרטיקעלע איז איבערצוגעבן אין קורצן מיינע ערפאָרונגען, וואָס איך האָב געהאַט מיט שריפטזעצער פון לאָקאַל 83 בכלל, און מיט שריפטזעצער פון „פאָרווערטס״ בפרט.

פון סאַמע אָנהויב אָן, אין יאָר 1922, ווען איך האָב זיך פאַרבונדן מיטן „פאָרווערטס״ (פריער אַלס אָנגעשטעלטער אין פילאַדעל־פיער אָפיס, אַלס אַ געהילף צום מענעדזשער און אַדווערטאַיזינג סאָליסיטאָר, און שפּע־טער, אין 1925, אַלס אויפפאַסער (פאַרוואַל־טער) פון דעם קאָמפּאָזינג־רום אין ניו יאָרק) האָב איך געפילט די וואַרימע באַציאונג פון אַלע זעצער און די פולשטענדיגע קאָאָפּעראַ־ציע פון יעדן פון זיי. און פאַר דעם וויל איך ביי דער געלעגנהייט פון אַ יובילעי־דאַטע אויסדריקן מיין האַרציגן דאַנק.

שריפטזעצעריי (מיר וועלן אַוועקגיין פאַר אַ מאָמענט פון דעם, וואָס זעצער טוען פאַר דעם גערעדטן און געשריבענעם וואָרט) איז אייגענטליך אַ באַשעפטיגונג ווי יעדער פאַך, פון וועלכן אַרבעטער ציען זייער חיונה, און זיינען פאַראינטערעסירט ווי אַלע אַנדערע אין פאַרבעסערן און פאַרלייכטערן דעם טאָג־טעגליכען לעבען פון אַרבעטען ביים פאַך.

מען קאָן אָבער ניט לייקענען, אַז ס׳איז דאָ אַן אונטערשיד פון אַ זעצער אין פאַר־גלייך מיט אַ שניידער, אָדער אַ קוילן־גרעבער (מיר ווילן אויף קיין פאַל ניט מינימיזירן די אַרבעט פון די דערמאָנטע !). עס איז אָבער פאַרט פאַראַן אַן אונטערשיד.

דער זעצער, דורך זיין אַרבעט, ברענגט אַרויס אין בליי, הייסע אָדער קאַלטע, דאָס, וואָס אַ שרייבער אָדער רעדנער זאָגט אַרויס אין שריפט אָדער געדאַנק.

די שטענדיגע באַשעפטיגונג ביי דעם סאָרט אַרבעט שלייפט דעם זעצער און פאַר־פיינערט אין אים אַן אינטערעס, וואָס איז מער ווי עס קאָן זיין ביי אַן אַנדער סאָרט מלאכה.

דער זעצער קאָן אַריינגעפּאַסט ווערן אין דער קאַטעגאָריע פון קינסטלער און שאַפער.

און, ווי געזאָגט, אין פאַרלויף פון די גע־נויע פיר צענדליג יאָר אין דער „פאָרווערטס״ זעצעריי, האָב איך אַ סך געלערנט פון די זעצער, סײַ פאַכמאַניש און סײַ אין באַ־ציהונג פון מענש צו מענש.

צו דער געלעגנהייט פון דעם איצטיגן יובילעי פון דער שריפטזעצער יוניאָן לאָקאַל 83, אַי. טי. יו., ווינש איך די מיטגלידער און די באַאַמטע אַ סך יאָרן, אַ סך אויסבע־סערונג אין דעם פאַך, סײַ גייסטיג און סײַ מאַטעריעל.

# דער קאַראַקטער

צום 5טען יאָרצייט פון דעם באַליבטען אידישען דיכטער

פון אברהם רייזען

גענוידמעט אונזערע קאָרעקטאָרס (פּרופרידערס בלע"ז)

שוין אַ יאָר־פינף זינט ברוך בערנשטיין איז אַ קאָרעקטאָר אין אַ צייטונג אין וואַרשע. ער איז שוין אָבער אַזוי ווייט אַריין אין זיין אַרבעט, אַז אים דאַכט זיך צייטענווייז, אַז ער איז געבוירען געוואָרען אַ קאָרעקטאָר און זיין גאַנץ לעבען באַשעפטיגט ער זיך מיט פאַרריכטען גרייזען.

זיין אַרבעט האָט ער ליב. און ליב־האָבענדיג זי, לייגט ער אַריין אין איר זיין גאַנצע נשמה. אמת, די ערשטע צייט, נעמענדיג זיך פאַר אַ שווערער קאָרעקטור, וואו יעדעס וואָרט האָט עטליכע גרייזן, פלעגט ער זעהר בייז און אויפגערעגט זיין: „ווי מאַכט מען עס אָן אַזויפיל גרייזען, וואו זענען זייערע אויגען, זייער קאָפּ?" — פלעגט ער מיט כעס מורמלען. ביסלעכווייז, אָבער, איז ער צו די גרייזען געוואוינט געוואָרען, און מען קאָן זאָגען, אַז ער האָט זיי אפילו ליב באַקומען... פאַרקערט, אַ קאָרעקטור גאָר אָן פעלערן פלעגט אים אומעטיג מאַכען, און ער פלעגט זיך אָנשטרענגען צו געפינען כאָטש אויף יעדער שורה איין גרייז... זאָל מען ניט זאָגען, אַז ער האָט ניט געאַרבעט... ביי אַזעלכע אָן־גרייזיגע קאָרעקטורן פלעגען פון אים שטאַרק אויסשטיין די „קאָמאַס" און די „טירעס" (דעשעס), וועלכע ער פלעגט טוישען איינע אויף דער אַנדערער, וויסענדיג עפּעס אַן אַלטען כלל פון אַן אַלטער גראַמאַטיק, אַז אַ „קאָמאַ" ווערט אַמאָל פאַרביטען, ניט פאַרלירענדיג דעם זין, אויף אַ „טירע"...

אָבער קיין סך אַזוינע לייכטע קאָרעקטורן זענען ניטאָ: די אַרבעט אין צייטונג איז אַן איילענדיגע און גרייזען זענען דאָ לרוב, כאָטש מאַך אַ בריק... אויסער דעם האָט דער כראָניקער אַ האַנטשריפט, אַז דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין: אַ „בית" מאַכט ער ווי אַ „קוף", און אַ „קוף" — ווי אַ „בית", אַזוי, אַז „לעבען" קומט אין דער קאָרעקטור אַרויס „לעקען", און בערנשטיין האָט פון אַזאַ גרייז באַזונדער אַ ווילדע הנאה, און שמייכעלט פאַר זיך אַליין:

— יאָ, יאָ... לעקען, לעקען...

אַזוינע מיני וויציגע גרייזען זענען כמעט בערנשטיין'ס איינציגער צייט־פאַרטרייב. אויך מאַכט אים פרעהליך און קיצעלט אים אַן איבערגעקערטער „קרומער צדיק".

— מ'האָט דיך, נעבעך, איבערגעקוליעט, פייגעלע מיינס! — וויצעלט ער זיך, און גיט אַ פיר מי'ט דער פען איבער'ן צע'הרג'ע־טען אות, הרג'עט אים אינגאַנצען אַוועק און שטעלט־צו ביי דער זייט אַ דייטליכען, שטאָלצען „קרומען צדיק", און בערנשטיין איז שוין זיכער, אַז איצט וועט אים דער זעצער ניט איבערקוליען, און ער נעמט זיך צו אַנדערע גרייזען...

אַזוי לעבט זיך בערנשטיין, מיט זיינע גרייזען, און פיהלט זיך רוהיג און צופרידען. צייטענווייז נאָר, ווען דער דיכטער זינגערויטש דרוקט לכבוד יום־טוב אַ לידעל, קומט־פאָר אַ גרויסע איבערקערעניש אין זיין לעבען, און זיין נשמה פאַרלירט איר גלייכגעוויכט. דער דאָזיגער דיכטער וויל ניט אַנדערש, ווי מאַכען אַליין די קאָרעקטור, מורא־האָבענדיג אויף בערנשטיין'ען זיך צו פאַרלאָזען.

— כ'לעבען... — ווענדט ער זיך צו זינגעראָוויטש'ן, ווען יענער דרוקט זיינס אַ ליד און קומט פרעגען, צי איז שוין דאָ אַ קאָרעקטור, — כ'לעבען, זינגעראָוויטש, איר זענט אומגערעכט... איר קומט מיר שטערן... איך האָב אַזויפיל אַרבעט און איר דולט מיר אַ קאָפּ... וואָס, איך וועל דען אַליין ניט קאָנען אויסקאָרעגירען די גרייזען אין אייער לידעל?...

נאָר זינגעראָוויטש איז אַ גרויסען עקשן. זינט אין איין לידעל איז אַריינגעפאַלען אַ גרייז אין דעם וואָרט „טרויריג" און עס איז אַרויס „טרויעריג", מיט אַן איבעריגער זילבע, אַזוי, אַז דער גאַנצער פערזענמאָס איז געקוילעט געוואָרען — פון יענער צייט אָן מוז ער אַליין מאַכען די קאָרעקטור...

— איר ווייסט ניט, — צעקאָכט זיך זינגעראָוויטש פאַר בערנשטיין'ען, — וואָס איך האָב געהאַט פון יענעם לידעל... איך האָב אפשר אַ וואָך נאָכאַנאַנד ניט געשלאָפען...

דאָ זעט שוין בערנשטיין, אַז עס וועט ניט העלפען, ווערט ער ווייכער און ענטפערט:

— נו, נאַט אייך די קאָרעקטור און מיר וועלען עס ביידע מאַכען...

— ניין! ניין! — שטייט זינגעראָוויטש שטייף, — די קאָרעקטור מוז איך אַליין מאַכען... ווייזט זי מי'ר אַהער!

און בערנשטיין גיט אַוועק, מיט ציטערענדיגע הענט, אַ לאַנג שטיקעל פאַפיר, מיט'ן ליד, און זאָגט דערביי:

— אַי, פּאַני זינגעראָוויטש, איר גרייזט... אייך אַליין האָט מען געדאַרפט גוט דורכקאָרעגירען...

***

צוועלף אַזייגער ביינאַכט ענדיגט בערנשטיין די לעצטע צווייטע קאָרעקטור, און גייט אַוועק אַהיים

אַ צימערל האָט ער, אין אַ אידישער גאַס, אויף אַ פערטען שטאָק. עס איז אפילו הויך אַרויפצוגיין, צייטענווייז ברעכען אים גוט די קני, דאָך איז ער פון'ם צימערל צופרידן. ער וואוינט ביי אַלטע לייט, קיין קינדער ניטאָ, שטיל און רואיג, און דאָס האָט בערנשטיין ליב: אַ סך מאָל מאַכט זיך צו נעמען אַהיים אַ זייטיגע קאָרעקטור, עפּעס אַן ערנסטן חיבור, שטערט אים קיינער ניט, און ער פאַרריכט אַלע גרייזען, ער פאַרזעט קיין איין גרייז אויך נישט...

צייטענווייז, אָבער, ווערט אים אומעטיג. אין צימער ברענט אַ קליין ליכטעל, טונקעלע שאָטענס ליגן אויף די ווענט און זיין שאָטען אַליין האָט אַזאַ גרויסען, מאָדנעם קאָפּ... זיין בליק פאַלט אויפ'ן בעטל, וואו ער גייט זיך באַלד לייגען.

דאָס בעטל האָט אַ ווייכען סעניק, אין וועלכען די שטרוי ווערט פינקטליך יעדע צוויי חדשים איבערגעביטען. אַ קישען האָט ער אויך, אַ גאַנץ ווייכען. און דאָך זענען פאַראַן נעכט, ווען ס'איז אים האַרט און ניט באַקוועם צו ליגען. דעמאָלט וואַרפט ער זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער; דערמאָנט זיך פאַרשידענע זאַכען, לאַנג פאַרשוואונדענע; מאַכט אַ רעכענונג, וויפיל ער איז אַלט, און דער חשבון קומט אויס ניט קלאָר... אָבער עס איז קלאָר, אַז ווייט איבער דרייסיג... ס'איז אַ גרויסער גרייז, — טראַכט ער דעמאָלט, — וואָס איך באַקען זיך עפּעס ניט מיט אַ מיידעל... ס'וואָלט שוין צייט געווען צו האָבען עפּעס, אויסער די גרייזען, אַ נאָענטען מענשען...

און ער דערמאָנט זיך, אַז מיט עטליכע יאָר צוריק האָט ער זיך יאָ באַקענט מיט אַ מיידעל, געווען אַ גאַנץ וואויל מיידעל. זי איז צו אים געווען גאַנץ צוגעלאָזט. ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט זי איינמאָל אָנגענומען פאַר דער האַנט, האָט זי זיך געלאָזט... זי איז אַפילו רויט געוואָרען... אַלמאַי איז זי רויט געוואָרען. אַ סימן, אַז זי האָט יאָ געוואָלט. דעמאָלט האָט ער איר געקאָנט זאָגען, אַז ער וויל מיט איר חתונה האָבען... ער דערמאָנט זיך אָבער, אַז ער האָט מורא געהאַט. אַ קלייניגקייט, חתונה האָבען!... נאָכדעם קאָנסטו אַזאַ גרייז ניט פאַרריכטען — דאָס איז ניט קיין קאָרעקטור...

אָבער ליגענדיג אַליין אין בעט, פילט ער חרטה... ער האָט דעמאָלט געדאַרפט איר זאָגען: „איך האָב דיך ליב... דו מיך, דוכט זיך, אויך, לאָמיר חתונה האָבען..."

— עס איז געווען אַ גרייז... — זיפצט ער, און קערט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער...

***

שבת פאַרנאַכט, איבערהויפט זומער, גייט ער שפּאַצירען אויף דער מאַרשאַלקאָווסקאַ. גייט ער זאַלבענאַנד, מיט איינעם פון דער רעדאַקציע, פילט ער זיך גאַנץ היימליך. ער שמועסט מיט יענעם וועגען רעדאַקציאָנעלע אָנגעלעגענהייטען; דערציילט אים וועגען אַ דרוק־פעהלער, וועגען אַ גרייז, וואָס ער האָט דורכגעלאָזט צוליב אַ מאָדנער סיבה, אין וועלכער ער איז כלל וכלל ניט שולדיג — איז אָבער דער דאָזיגער חבר פון דער רעדאַקציע אַוועק מיט אַן אַנדערן, און בערנשטיין גייט אין דער רוישענדער, פריילעכער גאַס אַליין, פילט ער זיך געפאַלען און נידערגעשלאָגען. פאַרשידענע פריילעכע, לאַכעדיגע, פאַרפּוצטע יונגע פּאָרלעך, — ווי קאָרעקטורן אָן גרייזען, — ציען זיך און טאַנצען פאַר זיינע אויגען, שטויסען אים און שטופּען אים און ווילען אים נישט קענען... און דעמאָלט דאַכט זיך בערנשטיין'ען, אַז אין דער דאָזיגער פריילעכער, לעבעדיגער מחנה איז ער ווי אַן אַריינגעפאַלענער גרייז, און אָט קומט באַלד עפּעס איינער, אַ געניטער קאָרעקטאָר, וואָס פאַרשטייט זיך אויף גרייזן, און וועט איבער אים אַ שוואַרצען שטריך איבערפירען און וועט אים, ווי אַ גרייז, פון דאַנען אַרויס־וואַרפען...

און בערנשטיין בלאָנדזשעט אַזוי לאַנג מיט שרעק און עלענד איבער דער גאַס, ווי אַ גרויסער גרייז, ביז עס ווערט פינסטער; דעמאָלט דערמאָנט ער זיך אין דער רעדאַקציע, אַז מאָרגען מוז דער נומער פרי אַרויס־גיין, און ער לאָזט זיך לויפען אַהין, צו מאַכען די קאָרעקטור...

אין אַ האַלבער שעה אַרום באַקומט ער שוין צוריק זיין געוועזענעם שטאָלץ, זיין רואיגקייט, און ער פאַרריכט איין גרייז נאָך דעם צווייטען...



קאָפּוועהטאָג און אויגן־וועהטאָג

אַ גרופּע טרעפערס




דאָס זיינען אידישע שריפטזעצער־קרבנות פון מאַנכע אידישע שרייבער. זיי מאַטערען זיך, מיט דער הילף פון פאַרגרעסע־רונגס־גלעזער, צו טרעפען אַ וואָרט אין אַ מאַנוסקריפּט ... אַ כתב־יד, געשריבען אין אַ משונה'דיגער אָרטאָגראַפיע פון וועלכער ס'קען משוגע ווערען, און אין אַ ניט־לעזבאַרער היראָגליפען האַנטשריפט אַזש בלינד צו ווערען.

## אַפּראָפּאָ!

(אַגב אורחא)

מיר ווילען זיך דאָ טיילען מיט הינטער־קוליסען פּאַסירונגען אַרום דעם יובילעי־בוך „דער אידישער שריפטזעצער".

ווען דער קאָמיטעט פון'ם יובילעי זשורנאַל איז זיך צוזאַמענגעקומען אויסצואַרבעטען פּלענער פאַר דער יום־טוב אויסגאַבע „דער אידישער שריפטזעצער", האָט זיך אַנטוויקעלט אַ הייסע דיסקוסיע וועגען דער פראַגע פון אָרטאָגראַפיע, אויסלייג, „ספּע־לינג". ס'איז געפאַלען אַ פראַגע: זאָלען מיר נוצען די אַלטע אָרטאָגראַפיע, אָדער דעם נייעם, מאָדערנעם אויסלייג?

איר דאַרפט וויסען, אַז די גרופּע אונזערע באַשטעהט פון גאַנץ אינטעליגענטע, באַלע־זענע שריפטזעצער; מענשען וואָס אינטע־רעסירען זיך מיט שפּראַך, פאָלקלאָר און ריינעם אידיש. זיי אַליין ליידען פון דער הפקרות אין אונזער אידישע אויסלייג. זיי קומט אויס צו זעצען מאַנוסקריפּטען פון אַלערליי שרייבער: פּוילישע, ליטוואַקעס, אוקראַינער, בעסאַראַבער, א. אַז. וו. יעדער פון די שרייבער דענקט, אַז זיין אויסלייג און לשון איז דער ריכטיגער.

איניגע זיינען באַשטאַנען דווקא אויף דעם מאָדערנעם אויסלייג. „מיר ליידען גענוג אין אונזער טעגליכער אַרבעט פון דער צעמישעניש" — האָבען זיי גע'טענה'ט — „לאָמיר ווייניגסטענס אין אונזער זשור־נאַל אַיינפירען אַ „מאָדערנעם אויסלייג".

ווען ס'איז אָבער געקומען צו פּראַקטיק, האָט די רעדאַקציע איינגעזעהן, אַז ס'איז אַ שווערע הלכה דורכצופירען אַזאַ רעפאָרמע. אַזוי ווי אונזער יובילעי־זשורנאַל ווערט גע־זעצט אין צוויי־דריי באַזונדערע פלעצער, וואו קיין אַחדות אין דער אידישער אָרטאָ־גראַפיע איז נישטאָ — איז פּשוט אוממעגליך געווען איינצופירען אַן איינהייטליכע אָרטאָ־גראַפיע. יעדער זעצער איז געוואוינט צו דעם אויסלייג וואָס עס הערשט אין זיין צייטונג. ס'וואָלט גענומען צופיל צייט אויפ־צופּאַסען אין יעדען באַזונדערען פלאַץ און אָפּצוהיטען אַז מ'זאָל זעצען אַ מאָדערנעם איינהייטליכען אויסלייג.

דער סוף איז געווען, אַז די רעדאַקציע האָט געמוזט, ניט ווילענדיג, אויפגעבען די האָפ־נונג און געלאָזען די זאַך צום גורל — ווי גאָט וועט פירען.

דערפאַר וועט איר געפינען ביי אונז עטליכע־ערליי סאָרטען אויסלייג: מיט „הא'ן" און אָהן „הא'ן"; מיט „עינ'ס און אָהן „עינ'ס", איניגע — געזעצט מיט אַ „קוף" צום סוף און אַנדערע — מיט אַ „גימעל"...

ווער ס'איז מער שולדיג — דער זעצער, אָדער שרייבער — דאָס לאָזען מיר צו אייך. יעדענפאַלס: האָט רחמנות אויף דעם אמת'ן קרבן — דעם זעצער — און זייט אונז מוחל!

די רעדאַקציע.

# ליקווידירט די „רייע"

(אָפּקלאַנגען פון אַמאָל)

• פון אברהם ליטמאַן

איצט, ווען מיר פייערן די 70־יאָריגע עקזיסטענץ פון אונזער יוניאָן, שאַדט ניט צו פאַרצייכענען די „טונקעלע" מאָמענטען אין אונזער יוניאָן. מיר דאַרפן געדענקען, אַז „די זון האָט אויך איר שאָטען" — און יעדע אָרגאַניזאַציע מוז באַגעגענען אַלערליי שטרויכלונגען ביז זי קומט אַרויס אויפ'ן דרך המלך.

אונזער יוניאָן האָט אַ לאַנגע צייט געליטען פון אַ ביטערן געשוויר, וואָס מיר האָבן גערופן „רייע" (אַרבעטסלאָזע בלע"ז). דער ממונה איבער דער דאָזיגער „אינסטיטוציע" האָט געהייסן מיט'ן מאָדנעם נאָמען: „רייע־קיפּער" (אַ טשיקאַוואַר נאָמען, האַלב אידיש — האַלב־ענגליש).

אַזוי ווי דער טרויעריגער קאַפּיטעל — די מכה „רייעניקעס" — איז כמעט קיינמאָל ניט דערמאָנט געוואָרן אין אונזערע „יובילעי־ביכער"; און היות איך בין געווען איינער פון אַ גרופּע וואָס האָט צוגעלעגט אַ האַנט אין דער ליקווידירונג פון דער „אינסטיטוציע" — וויל איך דאָ פאַרצייכענען דעם גליקליכן טאָג, ווען מיר זיינען ענדליך פּטור געוואָרן פון דער אָנשיקעניש: „רייע" און „רייע־קיפּערס".

כדי ניט צו פאַרנעמען צופיל פּלאַץ, וועל איך איבערהיפּערן די אַלע קאַמפן פון אַ גרופּע מיטגלידער אָפּצושאַפן די רייע־סיסטעם, פון וועלכער די אַרבייטסלאָזע האָבן אַזוי פיל זיך אָנגעליטען אין יענער צייט — כמעט צוויי יאָר האָט געדויערט יענער ביטערער קאַמף — און איך וועל צוטרעטען נעהענטער צום טאָג פון נצחון, דעם 15טען יוני, 1930.

איך נעם אַרויס אייניגע פאַקטען פון די אָפיציעלע דאָקומענטען, אָפּגעדרוקט אין אַ ביכעל פון 14 זייטען אין דער ענגלישער שפּראַך (אַפילו צו דער 75טער קאָנווענשאָן פון דער אַי. טי. יו. אין יוסטאָן, טעקסאַס, 1930).

און אָט וואָס דאָרט ווערט דערצעהלט וועגען דעם אָנהויב פון דעם היסטאָרישען קאַמף אין אונזער יוניאָן:

דעם 15טען סעפּטעמבער, 1928, האָט דער שרייבער פון די שורות געבראַכט אַ צושריפט צו דער יוניאָן, אין וועלכען איך האָב פאַרלאַנגט, אַז די „רייע" מיט'ן „רייע־קיפּער", וועלכע האָבן באַזאָרגט די אַרבייטסלאָזע מיט „טעג" אַרבייט, זאָלען אָפּגעשאַפט ווערען און די יוניאָן זאָל ערלויבען די אַרבייטסלאָזע צו „דעפּאָזיטען" זייערע „יוניאָן קאַרדס" אין די שעפּער, כדי זיי זאָלען זיך עטאַבלירען „פּראַיאָריטי". עס איז פאָרגעקומען אַ גאָר הייסע דעבאַטע און לסוף איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז דער צושריפט זאָל איבערגעגעבען ווערען צו אַן „ענגער קאָמיטע", וועלכע זאָל טראַכטען וועגען דעם...

מיט דריי חדשים שפּעטער, פרייטאָג, דעם 21טען דעצעמבער, 1928, האָב איך ביים יוניאָן מיטינג פאַרלאַנגט פון פּרעזידענט נעיטען דראָשער, אַז ער זאָל אָפיציעל דערקלערען פאַרוואָס די „ענגע קאָמיטע" איז איינגעשלאָפען און ברענגט ניט קיין באַריכט צו דער מיטגלידערשאַפט וועגען מיין פאַרלאַנג אָפּצושאַפען די „רייע". דער מיטינג איז געווען ניט סתם אַ פאַרזאַמלונג, נאָר אַן אמת'ער „שלאַכט־פעלד". עס זיינען געפלויגען „פּאָינט אָוו אָרדערס", „אַמענדמענטס" און סתם פאָרשלאַגען ווי פייערדיגע ראַקעטען... די ווערטער־שלאַכט האָט געפלאַקערט ביז שפּעט אין אָוונט... צו מיר איז צוגעשטאַנען דער ערשטער יודל וועג, און דערנאָך עליע גראָסבוים, א. שטיין ע"ה און יוסף מאַינעסטער ע"ה. דער קאַמף פון אונזער גרופּע האָט אָנגעהאַלטען אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז די „ענגע קאָמיטע" איז געצוואונגען געוואָרען אָפּצוגעבען אַ באַריכט וועגען מיין פאָרשלאַג אָפּצושאַפען די „רייע".

דער באַריכט, אָדער בעסער געזאָגט, דער ענטפער פון דער יוניאָן, איז געווען — אַ הילכיגער „ניין!" די קאָמיטע האָט געטענה'ט, אַז אונזער יוניאָן האָט אַן „אייגענע" סיסטעם ווי אַזוי צו באַזאָרגען די אַרבייטסלאָזע מיט אַרבייט און דעריבער ווייזט זי צוריק דעם פאָרשלאַג די סיסטעם צו ענדערען.

דעם 26טען דעצעמבער, 1928, האָב איך אַפּעלירט די ענטשיידונג פון דער יוניאָן בנוגע מיין פאַרלאַנג צום עקזעקוטיוו קאַונסיל פון דער אַי. טי. יו. דאָסזעלבע האָט אויך געטאָן יודל וועג, און שפּעטער האָבן זיך אָנגעשלאָסען אין דעם אַפּיל עלי גראָסבוים, א. שטיין און יוסף מאַינעסטער.

ווען דער אַפּיל איז אַוועק צו דער אינטערנעשאָנאַל, האָבן מיר, די גרופּע „בונטאָווטשטשיקעס", קיין אַרבייט מער ניט באַקומען פון „רייע־קיפּער". די באַאַמטע פון דער יוניאָן האָבן געענטפערט מיט פייער (קיין אַטאָם־באָמבעס זיינען נאָך דאַמאָלס ניט געווען...). דערווייל איז אַוועק אַ חודש נאָך אַ חודש און מיר האָבן קיין אַרבייט ניט באַקומען.

מיט אַכט חדשים שפּעטער, אויגוסט 6, 1929, איז ענדליך אָנגעקומען די אַנטשיידונג פון דעם עקזעקוטיוו קאַונסיל, אַז אונזער אַפּיל איז צוריקגעוויזען געוואָרען פון דער אַי. טי. יו. (צוליב אַ טעכנישער סיבה).

דאָס איז, נאַטירליך, געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַר אונזער גרופּע, ווייל מיר האָבן געהאָפט, אַז אונזערע ליידען וועלען זיך ענדיגען אַזוי שנעל ווי דער עקזעקוטיוו קאַונסיל וועט באַטראַכטען אונזער אַפּיל, וואָרים מיר זיינען געווען זיכער, אַז די גערעכטיגקייט איז אויף אונזער זייט. און דאָ קומט אָן אַזאַ פּסק־דין.

וואָס בלייבט איבער איצט צו טאָן? מאין יבוא עזרי? — האָבן מיר זיך געפרעגט. און מיר זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז מיר מוזען זיך ווענדען מיט אונזער אַפּיל צו דער העכסער אינסטאַנץ פון דער שריפטזעצער יוניאָן — צו דער אַי. טי. יו. קאָנווענשאָן.

היות די אַנטשיידונג פון'ם עקזעקוטיוו קאַונסיל איז אָנגעקומען דעם 8טען אויגוסט, 1929, ערב דער קאָנווענשאָן פון דער אַי. טי. יו., האָבן מיר שוין געמוזט אָפּלייגען אונזער אַפּיל צו דער קומענדער קאָנווענשאָן, מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1930.

יודל וועג און דער שרייבער פון די שורות האָבן גענומען צוזאַמענשטעלען דעם אַפּיל; מ'האָט צונויפגעקראַצט אַביסעל געלט, אַליין געזעצט און אָפּגעמאַכט די פּעידזשעס און אַוועקגעגעבען אָפּדרוקען דעם אַפּיל.

אין אַ שיינעם טאָג, ענדע מאַי, 1930, זיינען די הויפּט־באַאַמטע פון דער אַי. טי. י. — דער דאַמאָלסדיגער פּרעזידענט טשאַרלס האָוואַרד, וויס־פּרעזידענט פּערי און סעקרעטאַר־טרעזשורער ראַנדאָלף — געקומען קיין ניו יאָרק און געלאָזט וויסען, אַז מיר זאָלען קומען אין אָפיס פון דער „ביג סיקס" אין דעם און דעם טאָג, וואו זיי וועלען אויפנעמען אונזער אַפּיל געגען דער יוניאָן.

ווען מיר זיינען געקומען אין דער באַשטימטער צייט, האָבן מיר שוין דאָרט געטראָפען די באַאַמטע פון אונזער יוניאָן. דער עקזעקוטיוו קאַונסיל האָט אויסגעהערט ביידע צדדים, אַלע אַרגומענטען פאַר און געגען אָפּשאַפען די „רייע".

און דאָס לעצטע וואָרט וועגען דעם היסטאָרישען קאַמף, די אַנטשיידונג פון עקזעקוטיוו קאַונסיל פון דער אַי. טי. יו., איז ביים יוניאָן מיטינג פון 15טען יוני, 1930, געהערט געוואָרען מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. די אַנטשיידונג האָט געזאָגט, אַז די רעזאָלוציאָנען אין אונזער יוניאָן האָבן געטריי פאַרטייטשט דעם געזעץ פון דער אַי. טי. יו. וועגען „סאָב־סיסטעם" און זייער פאַרלאַנג צו ווערען „סאָבס" איז אַ גערעכטער.

די יוניאָן האָט איינשטימיג אָנגענומען די אַנטשיידונג פון דער העכסטער אינסטאַנץ אָהן שום פּראָטעסט, אָבער... מ'האָט געגעבען אַ וואונק די שעפּער, אַז מ'זאָל זעהן דורכפירען דעם באַשלוס אויף אַזאַ אופן אַז די „עזות־פּנים'ער" זאָלען קיין אַרבייט ניט קריגען. דער אופן ווי אַזוי דאָס איז געטאָן געוואָרען איז גאָר ניט געווען קיין יוניאָנמעסיגער און די ברידער וועלכע האָבן עס געטאָן האָבן זיך דערנאָך געשעמט מיט זייער האַנדלונג. אָבער די עקשנים האָבן ענדליך, נאָך 8 חדשים אָהן אַ טאָג אַרבייט, אָנגעהויבען קריגען 2 טעג אַ וואָך... עס האָט געדויערט נאָך 4 חדשים ביז אַלע „סאָבס" זיינען אויסגעגלייכט געוואָרען.

אַרום 25 אַרבייטסלאָזע („רייעניקעס") זיינען אויסגעלייזט געוואָרען פון גלות „רייע" און זיינען געוואָרען שטענדיגע „סאָבס" אין די צייטונגען. די „רייע" מיט'ן „רייע־קיפּער" זיינען ליקווידירט געוואָרען — אָפּגעווישט געוואָרען פון אונזער וועלט... און די גאַנצע יוניאָן האָט פרייער אָפּגעאָטעמט.

אַזוי אַרום איז אַריינגעשריבען געוואָרען אַ קאַפּיטעל העראָאישער קאַמף פון אַ גרופּע מיטגלידער אין אונזער אידישער שריפטזעצער יוניאָן לאָקאַל 83.



# ווי אַזוי די יוניאָן האָט געוואונען קאָנטראָל איבער פּרופרידינג

• פון שמואל ווינער

געווען איז עס פונקט מיט 44 יאָר צוריק, אין יאָר 1914. געהאַט האָט די יוניאָן הינטער זיך שוין אַ קימאַ־לן פון אַ 26־יאָריגער עקזיסטענץ, אָנגעפילט מיט שווערע קאַמפען און גרויסע געווינסען פאַר די מיטגלידער, מיט וועלכע די יוניאָן האָט געקענט זיך גרויסען. זי האָט אָבער, צוליב לאָקאַלע סיבות, נאָך אַלץ ניט געהאַט באַוויזען צו יוניאָניזירען די פּרופרידינג אין די צייטונגען — דאָס לייענען די קאָרעקטור — ווי דאָס איז שוין לאַנג פּראַקטיצירט געוואָרען דורך די אַנדערע לאָקאַלען פון דער אינטערנעשאָנאַל טאַיפּאָגראַפיקעל יוניאָן.

אין יענער צייט האָט די יוניאָן, אונטער'ן דרוק פון דער אינטערנעשאָנאַל, געהאַט פעסט באַשטימט, אַז סוף יאָר, ביים באַנייען דעם קאָנטראַקט מיט די צייטונגען, וועט זי אָנווענדען אַלע מעגליכע מיטלען, אַז אויך אָט דער צווייג פון אונזער אַרבעט זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל אונטערפאַלען אונטער דעם קאָנטראָל פון דער יוניאָן.

געווען זיינען אין יענער צייט אין ניו יאָרק פיר אידישע טאָג־צייטונגען: „טאָגעבלאַט", „מאָרגען־זשורנאַל", „פאָרווערטס" און „וואַרהייט".

אין יעדער איינער פון די צייטונגען זיינען געווען באַשעפטיגט אַ פּאָר קאָרעקטאָרס (פּרופרידערס). בעט זיך דאָ צו פאַראייביגען כאָטש אַ צוויי טיפּען צווישען די פּרופרידערס דעמאָלסט, ביידע אין „טאָגעבלאַט", די עלטסטע אידישע צייטונג. איז איינער געווען אַ רב, ווענדראָווסקי איז געווען זיין נאָמען, געווען אויך אַ שרייבער, אין די פופציגער יאָרען, מיט אַ בכבוד'יגער באָרד. ביי דער אַרבעט איז די יאַרמולקע, נאַטירליך, קיינמאָל ניט אַרונטער פון זיין קאָפּ. דער צווייטער, ווידער, אַ בחור פון אַ יאָר דרייסיג, אַ שטיקעל עקסצענטריקער און באַהעמער, שטאַרק פאַרקאָכט אין מוזיק, זיין נאָמען איז געווען באַראָן, האָט מען אים פאַרצויגען אויף באַראָנטשיק.

די צרה איז אָבער געווען, וואָס צווישען די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די פּרופרידערס און די קאָנדיציעס וואָס די יוניאָן האָט אויסגעקעמפט פאַר אירע מיטגלידער איז געווען אַ ווייטער מהלך. קודם איז זייער אַרבעטס־טאָג געווען אַ לענגערער ווי דער פון וועלכען ס'האָבן גענאָסען אונזערע מיטגלידער. אונזער אַרבעטס־טאָג איז דעמאָלט באַשטאַנען פון ניט מער ווי זעקס שעה. נאָך גרעסער איז געווען דער חילוק אין די פאַרדינסטען. זייערע וועכענטליכע שכירות האָבן אויסגעמאַכט אַרום אַ העלפט און נאָך ווייניגער ווי די 30 דאָלער אַ וואָך פון אונזער סקעיל.

אין אָט דער אייגענער צייט נעמען זיך אַרומטראָגען קלאַנגען וועגען אַ נייער צייטונג אין ניו יאָרק. צווישען די איניציאַטאָרן, הערט מען, געפינען זיך אַזוינע פּראָמינענטע ווי ד"ר. י. ל. מאַגנעס, אינזשיניר לעאָן מאָיסעיעוו, בערנאַרד זעמעל און נאָך אַנדערע.

אַזוי ווי עס איז דאָך באַוואוסט, אַז מ'קען קיין צייטונג ניט אַרויסגעבען אָהן קיין זעצער, האָבן די אויפטוער פון דער נייער צייטונג גענומען סוף אויגוסט פאַרהאַנדלען מיט דער יוניאָן וועגען זעצער. און דאָ האָבן די יוניאָן־סטראַטעגען דערזעהן זייער גרויסע געלעגענהייט. נעמט די יוניאָן אַרבעטען דערויף, אַז אינאיינעם מיט די זעצער זאָל די נייע צייטונג אויך נעמען אַ פּרופרידער פון דער יוניאָן.

ויהי היום, געווען איז עס ערב יום־כיפור, ואני הקטן בין יענעם אינדערפרי געקומען ווי געוויינליך אין אָפיס פון דער יוניאָן אַ שמעק טאָן וואָס ס'הערט זיך. פּאַפּ סלעווין, דעמאָלטדיגער רייע־קיפּער אין דער יוניאָן, האָט זיך אויף מיר קוים געקענט דערוואַרטען. ער האָט פאַר מיר אַ זעהר וויכטיגע שליחות. שיינפעלד (פּרעזידענט פון דער יוניאָן דעמאָלסט) האָט מיך, זאָגט ער, דאָ פריער געזוכט. איך מוז מאָרגען, אַרום דריי ביי טאָג, ביי אים זיין אין דער היים.

אַן אויפגערודערטער, זיך קוים דערוואַרטענדיג, שטעל איך מיך צו אים אַריין מאָרגען, יום־כיפור, אין דער אָנגעגעבענער צייט, פּינקטליך צו דער מינוט.

אויף זיין באַרעדעוודיגען שטייגער, אַריינפלעכטענדיג ז'אַ אַ משל, דאָ אַ מעשה'לע, אויף וואָס ער איז געווען אַזאַ מאַדים, ווי אַלע דאַרפען עס נאָך זיכער געדענקען, נעמט שיינפעלד אויף זיין קערנדיגען אָדעסער אידיש אויסלייגען דעם ענין:

די יוניאָן פאַרהאַנדעלט איצט מיט דער נייער צייטונג וועגען זעצער. איז איצט אַ זעלטענע געלעגענהייט מיט איין שאָס צו שיסען צוויי האָזן. שוין פּרובירען אַריינשטעלען אַ פּרופרידער פון דער יוניאָן.

דאָ שטעלט זיך שיינפעלד אָפּ. גיב איך אים אַ פרעג:

— וואו קום איך דאָ אַריין?

ענטפערט ער מיר, אַז ער פּערזענליך האָט רעקאָמענדירט מיך צו זיין דער ערשטער צו מאַכען דעם עקספּערימענט.

איך האָב איינגעשטימט.

נאָך אָפּלייגענישען, איין מאָל און נאָך אַמאָל, האָט דאָנערשטאָג, נאָוועמבער 5, 1914, דער ערשטער נומער פון דער נייער צייטונג „דער טאָג", אונטער דער רעדאַקציע פון'ם באַוואוסטען אידיש־ענגלישען שריפטשטעלער הערמאַן בערנשטיין, ענדליך דערזעהן ד'י ליכטיגע שיין. שוין אין ערשטען נומער ווערען פּרעזענטירט אַזוינע וויכטיגע פּען־מענשען, ווי ד"ר. חיים זשיטלאָווסקי, פּראָפ. יצחק אייזיק הורוויטש, צביון, משה כץ, וו. עדלין, ד. הערמאַלין און אַנדערע.

עטליכע טעג שפּעטער, זיצענדיג ביי דער אַרבעט, שטעלט זיך שיינפעלד אַריין אַ שיינענדיגער, אַ צופרידענער. ס'קוקט אויס, זאָגט ער מיר, אַז אַלץ געהט בעסער ווי געוואונשען.

דעם ערשטען יאַנואַר, 1915, זיינען שוין אַלע פּרופרידערס אין די אַנדערע פיר צייטונגען געווען פולע, גלייכבאַרעכטיגטע מיטגלידער אין דער יוניאָן, געניסענדיג פון די זעלבע קאָנצעסיעס ווי אַלע אַנדערע יוניאָן־מיטגלידער. קיין איינער פון די פריהערדיגע פּרופרידערס איז ניט גערירט געוואָרען פון זיין אָרט. מ'האָט זיי אַלע אַריינגענומען אין דער יוניאָן.

איצט, ווען מיר יום־טוב'ן אונזער 70־יאָריגע גלאָררייכע עקזיסטענץ, לאָמיר אויך ניט פאַרגעסען נאָך אַ וויכטיגע דאַטע — אַז ס'ווערט פונקט 44 יאָר ווי פּרופרידינג איז געוואָרען אַן אינטעגראַלער טייל פון אונזער אַרבעט.

## מיטגלידער פון שאַפּ „ראָוזען ברידער"



פון רעכטס צו לינקס: י. ראָוזען, פּ. לאָסאָף, ל. ראָוזען און ס. וואָראָביאָף. (עס פעהלען אויפ'ן בילד: ס. ברינעף, א. טאַפּראָ און וו. וויקטאָראָף).

ווער עס האָט צעשטערט אונזער

# שלום בית

אָנגעהויבען האָט זיך אונזער יובילעי ווי עס דאַרף צו זיין. אונזערע חברים שריפטזעצער מיט זייערע פרויען, יום־טוב'דיג אויסגעפוצט, האָבען אַרומגעשפּאַצירט אינ'ם אויפנאַם־צימער, האָבען זיך באַגריסט מיט באַקאַנטע. אַלע זיינען געווען פרעהליך. די פּנימ'ער פון די פרויען האָבען געשטראַלט פון נחת און פרייד. אַלע ווילע האָט מען באַזוכט דעם בופעט און פאַרזוכט פון די פאַרשידענערליי צובייסענס און נאַשערייען. די מענער האָבען פּאַטראָניזירט די „באַר" און זיך פאַרטיפט אין די „ארבע כוסות". מאַנכע פון זיי האָבען שוין ווייט אַריבערגעשטיגען די צאָל „כוסות" און האָבען פאַרלאָרען דעם חשבון...

אונזערע ווייבעלעד, זאָלען געזונט זיין, האָבען געוויכט פון דער שאַרפער משקה. זיי האָבען בנעימות'דיג געשמועסט צווישען זיך. פון צייט צו צייט האָבען אייניגע פרויען געוואָרפען בייזע בליקען אויף זייערע ברויטגעבער, זעהענדיג ווי זיי לאָזען זיך וואוילגעהן ביי דער „באַר" און גיסען „ווי אויפ'ן שטיין"... איין פרוי, זעהענדיג ווי איר „שפייזער" איז שוין „אַרויס פון די האָליאַבלעס" און קערט־איבער איין גלעזעל נאָכ'ן אַנדערן, האָט זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען און אַ זאָג־געטאָן צו איר מיטשמועסערינס:

אונזערע מענער האָבען גאָר פאַרגעסען ווי שפּעט עס איז"... זעהט נאָר ווי זיי האַלטען אין איין אַריינגיסען...

— ביז מ'וועט זיך זעצען צום טיש וועלען זיי זיין טויט־שיכור! — האָט אַ צווייטע צוגעלעגט.

אַ דריטע, וועמעס שאַרפע, שטעכיגע בליקן זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף יענעם ווינקעל וואו איר מאַן האָט זיך געקוויקט מיט'ן „ביטערען טראָפּען", זיין פּנים איז שוין געווען רויט און ער האָט זיך געהאַלטען אין איין ווישען דעם שווייס פון פּנים און האַלז — האָט מיט איינגעהאַלטענעם כעס אַ זאָג געטאָן:

— די מענער זענען ווי ווילדע קינדער... מ'טאָר זיי ניט געבען צופיל פרייהייט... מ'דאַרף זיי האַלטען ווי הינט אויף אַ קייט...

— איך קוק אויף דעם אַנדערש — רופט זיך אָפּ אַ מיטל־יאָריגע באַלייבטע פרוי — וואָס מער מען היט אַ מאַן, אַלץ ערגער איז... פאָלגט מיך, איך ווייס וואָס איך רעד... פאַר אַ גנב איז קיין שלאָס ניטאָ... און אַז איר וועט „איבערציהען דאָס שטריקעל", און אים שטאַרק צודריקען, וואָס מיינט איר וועט זיין דער סוף? וועט ער געהן אין אונטערגרונד...

די מענער־טעמע האָט זיך זיי דערעסען, און זיי זיינען איבערגעגאַנגען צו אַנדערע שמועסען — וועגען פאַמיליען־ענינים, קינדער, קליידער־פאַסאָנען... מיד פון דעם אַלעמען, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אויף שטולן און גענומען בלעטערן דעם יובילעי־זשורנאַל.

אויף אייניגע פּנימ'ער האָבען זיך באַוויזען שמייכלען... מ'האָט גענומען באַוואונדערען די קלוגע קאַרטונס... פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ געלעכטער. אַלץ איז געווען גוט, אַמוזירענד. ביז זיי האָבען זיך גענומען צו די פאָטאָגראַפיעס פון אונזערע יוניאָן־מיטגלידער...

די פרויען האָבען אַיינגעגראָבען זייערע אויגען אין די בילדער... אַ דריקענדע שטילקייט איז אַריינגעטראָטען. די פּנימ'ער פון די פרויען זיינען געוואָרען ערנסט, זייערע בליקען אָנגעברוגז'ט, בייז... יעדע פון זיי האָט געזוכט, צווישען די פאָטאָגראַפיעס, דאָס פּנים פון איר מאַן — אָבער אומזיסט... קיין סלוד און קיין דוד ניטאָ...

מיטאַמאָל האָט איינע איבערגעריסען די שטילקייט:

— זעהט נאָר, כ'בעט אייך... איך זוך מיין מאַנ'ס בילד, און קען אים בשום אופן ניט געפינען...

— מיט מיר איז אויך דאָס אייגענע — רופט זיך אָפּ אַ צווייטע.

— מיינעם זעה איך אויך דאָ ניט — זאָגט אַ דריטע.

— אַ מאָדנע זאַך! — וואונדערט זיך אַ פערטע — וואָס האָבען זיי דאָ אַריינגעשטעלט פרעמדע פּנימ'ער?... גאָר ניט קיין אידישע!... איך זעה דאָ פּאָרטאָ־ריקאַנער, נעגערס, מעקסיקאַנער... אָט־די צוויי קוקען אויס ווי ציגיינער...

— זעהט־נאָר, זעהט — צעשרייט זיך אַ יונגע פרוי — גיט נאָר אַ קוק אויף דעם פּנים! זעהט ער ניט אויס ווי אַ געַנגסטער?!... און אָט־דער וואָס זיצט לעבען אים! איך מעג שווערן אַז דאָס איז אַ סעקס־מאַניאַק!... דער דריטער זעהט־אויס ווי דער וועמען מ'האָט לעצטע וואָך געזעצט אויפ'ן עלעקטריק־טשער!...

— אָבער אַ מערקווירדיגע זאַך, ניעכאַי וואָלט כאָטש איינער פון אונזערע מענער דאָ געווען! — האָט איינע גיפטיג געשמייכעלט, און געטראַכט בשעת־מעשה: „לאָמיך נאָר פּטור ווערען פון דער וועטשערינקע... אין דער היים וועט שוין אַ פּאָהיבעל אויף אים קומען... אַזאַ ליגנער!... מיר דערצעהלט ער, אַז זיין בילד געפינט זיך דאָ אין בוך! און ס'הויבט זיך גאָרניט אָן!..."

די גרופּע איז געבליבן זיצען מיט ערנסטע פּנימ'ער, צונויפגעפּרעסטע ליפּען, און אַ לאַנגע צייט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

## יתרו'ס נעמען ·

מענשען קומען רק מיט קלאַגען,
האַלטען אין איין שטעלען פראַגען:

עפּעס זעהט מען אין זשורנאַל
פרעמדע נעמען איבעראַל.

יעדער זאָגט אַלץ און ער שווערט:
קיינמאָל פון זיי ניט געהערט!

ווער, למשל, זאָגט מיר דאַן,
איז „בעל־דבר", „קעלי דזשאַן",

„ליטמאַנאָוויטש" און „בי. דזשעי" —
האָט איר ווען געהערט פון זיי?

וואָס מיך וואונדערט, טענה'ט איינער
פון די פאַרזיכטיגע לייענער:

ווילען שרייבער נאַרען וועמען
מיט אַט־די פאַרשטעלטע נעמען?

ס'איז ביי מיר דער בעסטער סימן,
אַז אין אַט־די פּסעוודאָנימען

ליגט באַהאַלטען גאָר אַ סברה:
מ'שרעקט זיך פאַר אַן עין־הרע...

לאָמיר אויסזאָגען פון חדר —
און ניטאָ זיך וואָס צו שעמען —

מער פון אַלץ, און כסדר,
פּסעוודאָנימען, יתרו'ס נעמען,

און פון עהנליכען כאַראַקטער,
נוצט דער חבר, דער רעדאַקטאָר.

כאָטש גענוג זיך אָנגעליטען
פון רעדאַקטאָר דעם געניטען —

מוז היינט אַלץ פאַרגעסען ווערען,
מ'טאָר דעם יום־טוב ניט פאַרשטערען!

ווועלען מיר צו אים זיין מילד —
און געבען דווקא דאָ זיין בילד.



ב. דזשייקאָב

## קיין סודות זאָלען ביי אונז ניט זיין!

נאָך אַ לאַנגען און שווערען קאַמף איז דעם סטעף פון דער רעדאַקציע ענדליך געלונגען צו פּועל'ן ביים רעדאַקטאָר פון דעם יובילעי־בוך, אַז זיין בילד זאָל אַריינגעשטעלט ווערען אין אָט־דער יום־טוב אויסגאַבע.

קיינער צווייפעלט ניט, אַז אונזער בי. דזשעי. איז זעהר באַשיידען. אָבער ער כאַפּט שוין אַ ביסעלע איבער די מאָס און וויל רק שפּילען די ראָלע פון אַ נסתר. וואָרים, ווען ניט — פאַרוואָס באַהאַלט ער זיך אונטער יתרו'ס נעמען, ווי: „בי. דזשעי.", „בעל־דבר אַליין" און נאָך, און נאָך?... אויף אייניגע זאַכען שטעלט ער אינגאַנצען קיין נאָמען ניט?

האָבן די מיטאַרבעטער גענומען אַ שטאַרקע שטעלונג און געפּאָדערט מיט באַק־ציינער:

— קיין סודות זאָלען ביי אונז ניט זיין! די וועלט דאַרף וויסען ווער עס טראָגט די גרעסטע שולד!

און אָט דאָ איז ער טאַקע, דער בעל דבר, מיט די ביינער!



## די עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן



זיצענדיג, פון רעכטס צו לינקס: ל. בעקער, מ. גראַזו'ל; ה. שטיין, פינאַנס סעקרעטאַר פון דער יוניאָן; ה. גרושקין, פּרעזידענט; ה. וואַקסבערג; ה. קופּפערשטיין, רעקאָרדינג סעק.; שטעהענדיג, רעכטס צו לינקס: י. בוראַקאָף, י. ווייסבאָרד, ע. בערגער, ב. וואַפּעל, ד. בערגער; א. ליטמאַן, וויס־פּרעז.; ד. זעילאַן, ק. דונקעל.

## ווער עס האָט צעשטערט אונזער שלום בית

(שלוס פון זייט 40)

אָבער אין זייערע הערצער האָט געשטורעמט און געברענט...

ענדליך האָט מען זיך געזעצט ביי די טישען. דער אָרקעסטער האָט אויפגעשפּילט. דער אָפּערא־זינגער האָט געזונגען. דאָס עסן איז געווען געשמאַק.

אָבער אַ געניט אויג האָט געקענט באַמערקען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט צווישען די פּאָרלעך — מר. און מרס. זעצער...

— ווי געפעלט דיר דער זינגער, נעכע? — האָט איינער אַ פרעג געטאָן זיין ווייבעל.

— דיר געפעלט ער? — האָט נעכע ברוגז'ליך אַ זאָג געטאָן — מיר ווינציג־וואָס...

— ביזט היינט אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט? — פרעגט איר דער מאַן און קוקט איר אַריין אין די אויגען — וואָס ענטפערסטו מיר עפּעס קידער־ווידער?

— ווייל כ'האָב פיינט אַז מ'בלאָפט מיך!

— האָט נעכע אויסגעשאָסען — לאָז מיך צורוה און פרעג מיך ניט קיין פראַגעס... מאַך זיך ניט געפּייגערט...

נעכע'ס מאַן האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגען אויף זיין ווייבעל און בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן די פּלוצימדיגע אַטאַקע פון זיין פרוי. אירע בייזע בליקען האָבען אים גענומען שרעקען. אין געדאַנק האָט ער דורכגעלופטערט אַלע זיינע עברות, סאַי אמת'ע זינד, סאַי בשוגג... ער ווייסט גוט, אַז קיין צדיק איז ער ניט... אָבער זיין נעכע איז דאָך ניט קיין נביא'טע... סאַידען, אפשר האָט זי באַמערקט, ווי ער פּלירטעוועט מיט דער רויט־האָריגער נעקסט־דאָריגער...

עהנליכע סצענעס האָבען זיך אָפּגעשפּילט ביי אַ סך פּאָרלעך... אייניגע האָבען געשטיקט אין זיך; אַנדערע האָבען אַרויסגעזאָגט שטעכווערטלעך זייערע מענער... אַ סך פון די מענער־קרבנות האָבען איבערגעלעבט שרעק, כאָטש זיי האָבען ניט געוואוסט אין וועלכע זינד די ווייבעלעך זיינען זיי חושד...

מילא, מ'איז איבערגעקומען ווי־עס־איז דעם באַנקעט... מ'איז בשלום אַוועק אַהיים. אָבער איין זאַך איז זיכער: גלאַט איז די מענער ניט אָפּגעגאַנגען...

ביי אַ סך פּאָרלעך איז דער שלום־בית צושטערט געוואָרען!...

און דער פּאַרדרוס איז נאָך שטאַרקער, וואָס די מענער, נעבעך, זיינען אין קיין זאַך ניט שולדיג!

שולדיג איז דער „געניאַלער פּאָטאָגראַפער", וועלכער איז אַפּנים פון דער נייער מאָדערניסטישער, קוביסטישער, עקספּרעסיאָניסטישער שולע, און דערפאַר האָט ער פון אונז פאָטאָגראַפירט אַזעלכע משונה'דיגע בילדער...

ס'איז איבעריג צו ערקלערען, אַז טיף אין האַרצען האָבען די מענער געלאַכט. אַ סך פון זיי האָבען געטראַכט:

וואָס פאַר אַ מאָדנע פאָלק די ווייבער זיינען! מיר זיינען דאָך פול מיט עברות ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך — איז אין וואָס האָבען זיי זיך אָנגעטשעפּעט:

„סטייטש! הלמאי זעהען־אויס אונזערע בילדער אין זשורנאַל ווי באַקאַנטע געַנגסטערס!

B. J.

# דאָס קאַפּיטל שיקאַגאָ

● פון מ. ד. בעל

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן אין שי־קאַגאָ איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָ־רען אין פעברואַר, 1926. דאַן האָט די אַי. טי. יו. אַרויסגעגעבען דעם טשאַרטער פאַר לאָקאַל 903. אָבער אומאָפיציעל האָבען די אידישע שריפטזעצער אין שיקאַגאָ שוין גע־האַט אַן אייגענע קערפּערשאַפט פאַר פילע יאָרען. ס'איז געווען אַ קלוב, וואָס האָט פונקציאָנירט אין די ראַמען פון שיקאַגאָ טיפּאָגראַפיקאַל יוניאָן נומער 16.

די באַוועגונג פאַר אַן אייגענעם יוניאָן לאָקאַל פון אידישע שריפטזעצער האָט זיך פאַרשטאַרקט ווען דער „פאָרווערטס" האָט איינגעשטעלט אין שיקאַגאָ אַן אָפּטיילונג מיט אַ מענעדזשמענט, אַ רעדאַקציע און אַ דרוקעריי פאַר די פאַרשיידענע אויסגאַבען פאַר די גרעסערע אידישע צענטערס אין דער מידוועסט און דער ווייטער וועסט פון לאַנד. דאָס איז געווען אין 1919.

* * *

אַ צייטונג אין אידיש אין שיקאַגאָ איז שוין אַרויסגעגעבען געוואָרען אַזוי לאַנג צו־ריק ווי אין 1879. אין 1888 איז אַרויסגע־געבען געוואָרען וועכענטליך דער „אידישער קוריער", וואָס איז אין עטליכע יאָר אַרום באַנייט געוואָרען אַלס אַ טעגליכע צייטונג, אונטער דער רעדאַקציע פון ל. זאָלאָטקאָף און פּ. ווערניק. שפּעטער איז די צייטונג רעדאַקטירט געוואָרען פון ש. מלמד, ז. לאָוב־נער, מ. קאַץ. דער „קוריער" האָט עקזיסטירט אַריבער פופציג יאָר.

„די אידישע אַרבייטער וועלט", אַ סאָציאַ־ליסטישע וועכענטליכע צייטונג, האָט אָנגע־הויבען דערשיינען אין 1908, אונטער דער רעדאַקציע פון הלל ראָגאָף (שפּעטער אונטער א. ש. זאַקס, דר. ע. ק. פאָרנבערג). אין 1917 איז זי געוואָרען אַ טעגליכע „אידישע וועלט", אונטער דער רעדאַקציע פון ק. מרמר, ביז 1920, ווען זי איז איבערגענומען געוואָרען פון „פאָרווערטס".

איז אין שיקאַגאָ געווען דורך דער ערשטער וועלט־מלחמה די „אידישע וועלט" און דער „אידישער קוריער", און נאָך דער מלחמה: דער „פאָרווערטס" און „קוריער".

* * *

„וואָס פאַר אַ געמוטשעט לעבען ס'איז פאַר אַ פאָלק צי אַ קולטור צו זיין אין גלות!"

פּונקט ווי ס'איז דעם אידישען אימיגראַנט אָנגעקומען שווער אין די גאָר ערשטע יאָרען אין לאַנד זיך איינצופלאַנצען אויפ'ן עקאָ־נאָמישען געביט, אַזוי איז עס אים אויך אָנ־געקומען שווער עפּעס צו דערגרייכען קול־טורעל. און אַוודאי איז אַרויסגעבען אַ ציי־טונג אַ געוויסע קולטורעלע דערגרייכונג פאַר אַ ישוב.

אין די אַכציגער יאָרען פון פאָריגען יאָר־הונדערט, האָט די אידישע באַפעלקערונג אין שיקאַגאָ באַטראָפען אַרום 75 טויזענט. אָבער „די מאַסען אָנגעקומענע אידישע אימיגראַנ־טען האָבען דאָ ניט געפונען קיין אָרגאַני־זירט אידיש לעבען," שרייבט ש. גרינבלוי, אַ לאַנג־יאָריגער אידישער שרייבער אין שי־קאַגער אידישע צייטונגען, האָבען זיי במילא ניט געשפּירט קיין נויטווענדיגקייט פאַר אַ צייטונג, און די עטליכע פּיאָנערען, וועל־כע האָבען געהאַט דעם מוט צו אונטער־נעמען אַ צייטונג, האָבען פאַר זיך געהאַט צוויי שווערע פּראָבלעמען: ערשטענס, צו שאַפען דעם אידישען צייטונגס־לעזער, און, צווייטענס, אַליין צו דערלערנען, דורך דער־פאַרונג, וואָס אַ צייטונג דאַרף זיין." אָבער די שיקאַגאָ אידישע באַפעלקערונג איז גע־וואַקסען און אין די צוואַנציגער יאָרען איז זי שוין געווען אַרום 200 טויזענט, צוגע־וואוינט צו אַ ניי לעבען, אונטער פאַרבעסער־טע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. ס'איז געווען אַ צייט פון קולטורעלען אויפשוואונג אויף דער אידישער גאַס אין שיקאַגאָ — אַ קולטורע־לער „אויפברויז" (ווי ס'האָט געהייסען אַ גרויסער ליטעראַרישער זאַמעל־שריפט אין 1928, אונטער דער לייטונג פון אַ. פאַזי).

האָבען טאַקע סאַי דער „אידישער קוריער" און סאַי דער „פאָרווערטס" אין שיקאַגאָ גע־האַט דאַן „פּראָספּעריטי" יאָרען (הלוואַי אויף דער היינטיגער אידישער פּרעסע געזאָגט גע־וואָרען...). און אין אַ געוויסער מאָס האָבען אויך די אידישע שריפטזעצער נהנה געווען פון דער „פּראָספּעריטי".

* * *

ניט לאַנג נאָך דער גרינדונג פון 903, אינ־גאַנצען אַ פאָר יאָר נאָך דעם, איז געקומען דער טרויעריג־באַרימטער קראַך אויף וואָל־סטריט, און די „האַניג־חדשים" פון שיקאַגאָ אידישען שריפטזעצער לאָקאַל האָבען זיך גיך געענדיגט.

אין 1936 איז דאָס לאַנד נאָך געווען ווייט פון אַרויסגעקראָכען פון ביטערען עקאָנאָמי־שען קריזיס, ניט אַכטענדיג אויף אַלץ וואָס פּרעזידענט פרענקלין ד. רוזוועלט האָט גע־טאָן צו לינדערען די שווערע לאַגע. דאָך האָט 903 דורכגעפירט אַ גרויסאַרטיגען יום־טוב צו פייערען דעם 10־יאָריגען יובל פון שיקאַגאָ אידישען שריפטזעצער לאָקאַל. צו דער גע־לעגענהייט איז דורכגעפירט געוואָרען אַ גאָר שעהנער באַנקעט און קאָנצערט מיט איינגע־לאַדענע הויכע געסט, און אַרויסגעגעבען אַ זשורנאַל פון 68 זייטען פול מיט אַרטיקלען פון קאָמפּעטענטע שרייבער.

די מיטגלידער פון 903 האָבען אויך נהנה געווען פון די יובילעאומס פון די צוויי ציי־טונגען. אין 1938 האָט דער „אידישער קו־ריער" געפייערט זיין 50־יעריגען יובל, מיט אַ גרויסער אויסגאַבע; דער „פאָרווערטס" האָט אויך געפייערט עטליכע יובילעאומס. צו וואָס די זעצער האָבען „ניט דערלעגט"...

אָבער פון די אַלע גליקען ביים פאַך זיינען די זעצער ניט נתעשר געוואָרען. די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך שלעכט אָפּגע־רופען אויף צייטונגען — ספּעציעל אידישע צייטונגען — מיט'ן אָנקום פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די צירקולאַציע און אַדווער־טאַיזמענטס זיינען כסדר געפאַלען. האָט זיך גאָר מיישב געווען דער „אידישער קוריער" און סוף 1944 אויסגעהויכט זיין נשמה... דעם „פאָרווערטס" איז ניט געווען אַזוי שווער. האָט ער אָנגעהאַלטען נאָך עטליכע יאָר.

אַזוי האָט זיך געענדיגט דאָס קאַפּיטל פון אידישען צייטונגס־וועזען אין שיקאַגאָ.

מיטגלידער פון „פּויטשוראָ פּרעס" שאַפּ



זיצענדיג, פון רעכטס צו לינקס: י. בוראַקאָן, מ. בלומענטאַל און כ. גראָדער. שטעהענדיג, פון רעכטס צו לינקס: א. קאַסאַפּ, ס. קאָרעצקי, מ. סיגאַל און ד. מאַגדעל. (עס פעהלען: א. הייטמאַן, א. פאַזי, י. שקלאַרין).



# אַ קרבן פון אַ יובֿיל־בוך

אַ איד וואָס רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן

● פון בעל־דבר אַליין

זאָגט מיר, כ'בעט אייך, איז אייך שוין אויסגעקומען ווען־עס־איז אַריינצוגעהן צו אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטונג, אָדער פון אַ זשורנאַל, מיט אייערען אַ חיבור, וואָס איר אַליין האָט אָנגעשריבען — לאָמיר זאָגען: אַן ערצעהלונג, אַ פעליעטאָן, אַן אַרטיקעל וועגען עפּעס אַ וויכטיגען ענין?

איר פאַרשפּאָרט מיר צו ענטפערן. מיין פראַגע טראָגט שוין מיט זיך אויך דעם ענטפער!

איך זעה, אַז איר האָט אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגען— ווי איינער רעדט: וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָץ־קשיא?!

וויל איך אייך גלייך מודיע זיין, מיין ליבער איד, אַז אייער „אָנשטעל" וועט דאָ ניט געהן! מאַכט זיך ניט געפייגערט... איך זעה אייך דורך־און־דורך...

ראשית, איז מיין פראַגע שוין גאָרניט קיין קלאָץ־קשיא! לויט אייער „קוקעלע", כלומר'שט תמ'עוואַטע, ווילט איר דאָך מיר מאַכען צו גלויבען, אַז איר זענט „גאָט די נשמה שולדיג"... אַז ווער־וואָס־ווען?... ניט איר האָט אַמאָל געשריבען, ניט איר שרייבט איצט, און ניט איר האָט בדעה צו שרייבען... און אַז איר האָט קיינמאָל ניט געשיקט אייערס אַ „שרייבעכץ" צו אַ רע־דאַקציע; און ווער שמועסט „אַליין געהן צו אַ רעדאַקטאָר" מיט אַ „ווערק" — דאָס אַוודאי און אַוודאי ניט!

זענט איר שוין פאַרטיג? איצט רוקט־זיך־צו, זייט מוחל, נעהנטער צו מיר, און הערט מיט אַלעביידע אויערען אייערע.

וואָס שייך מיין „ראשית" האָב איך אייך שוין ערקלערט — און איך בין זיכער אַז איר זעהט שוין קלאָר, אַז איר האָט דאָ צו טאָן ניט מיט אַבי־ווער; ניט מיט אַ אידען וואָס מ'קויפט צוויי פאַר אַ גראָ־שען... מיך, ר' איד, קענט איר אין באָד אַריין ניט פירען...

אויב אַזוי — קאָן איך שוין גלייך, אָהן הקדמות, צוטרעטען צו מיין „והשנית":

והשנית, מיין ליבער פריינט, איז דאָך דאָס אַ דבר ידוע, אַז „אידען שרייבען!"... זאָגט מיר, איך בעט אייך, וועלכער איד שרייבט ניט?... ס'איז דאָך „אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד", אַז ווען מ'זאָל נאָפרימער מאַכען אַן אַבלאַווע, אַ „רעיד" אויף אַ אי־דישער היים, און אַן עפּעד־טאָן אַ שופלאָד ביי ווען־עס־איז — קאָן איך אייך שווע־רען ביי מיין באָרד און פיאות, אַז מען וועט דאָרט זיכער געפינען אוצרות מיט פאַר־שריבענע שטיקער פּאַפּיר... שרייבעכצען אויף פאַרשיידענע טעמעס... סקיצען, ער־צעהלונגען, ראָמאַנען — און וואָס ניט?

ווער שמועסט פּאָעזיע — וועגען דעם קאָן גאָר קיין רייד ניט זיין!... וועלכער איד שרייבט עס ניט קיין לידער? ווערים גראַמען — איז דאָך די גרינגסטע זאַך!... נעמט אַשטייגער: „צאַם, פלאַם, כאַם — טאַם־טאַראַראַם — און ס'איז מלא טעם!... דערפאַר איז דאָך טאַקע די גרעסטע פּראָס־פּעריטי אויף געגראַמטע מייסטערווערק!

איר געדענקט דאָך מסתמא ווי אַזוי אונזער געניאַלער דיכטער ש. פרוג האָט אָפּגעפאָטאָ־גראַפירט אַ אידען, וועלכען ער האָט אַ נאָמען געגעבען „שמוינעווקער פּאָעט". אָט־דער איד האָט אַריינגעשיקט אַ „ווערק" אין אַ רעדאַק־ציע צום דרוקען אין צייטונג. דערביי קאָפּירט פרוג יענעם מחבר'ס בריף. מיר נעמען דאָ אַרויס אַ פראַגמענט פון יענעם כתבא רבא'ס ווענדונג צום רעדאַקטאָר:

„... אַז שרייבען קען איך, צייט האָב איך און שרייבען ווילט זיך. אלא וואָס? דער לשון, די מליצה, איז ביי מיר אפשר ניט אַזוי קונציג? — טאָ זענט איר דאָך אַ רעדאַקטאָר. נעמט (קרעפּלעך זאָלט איר עסען!) אַ פּען אין האַנט, מעקט אויס, שרייבט־צו, מאַכט איבער ווי אייך געפעלט. עס מעג אַפילו אַ וואָרט ניט בלייבען פון דעם וואָס איך האָב אָנגעשריבען, אַבי נאָר די חתימה מיינע, די התימה, פאַרשטעהט איר מיך זאָל בלייבען אינגאַנצען! וואָרים איר ווייסט דאָך, אַז פאַר אונז, פאַר'ן רוב זשאַר־גאָנישע מחברים, איז דער עיקר הדבר נאָר די התימה. דער נאָמען זאָל זיין געדרוקט, און טייערער פון אַלץ איז דאָס ביי אונז, שמוינעווקער פּאָעטען! מחמת וואָס אייגענט־ליך דאַרף מען צו פּאָעזיע? גראַמען: טויט־ברויט, קנעפּעל־קעפּעל, אימה־בהמה, פליגען־ציגען... עס שיט זיך ווי באָב, און עס וואָלט זיך גאָר ניט אויפהערען צו שיטען, ווען עס וואָלט ניט שטעהן אונטען די התימה: אונ־טערגעשריבען זיך און אַ סוף..."

אָט אַזוי, כהאַי לישנא, געהט דער בריף פון מחבר צום רעדאַקטאָר.

---

משל למה הדבר דומה? אַנטקעגען וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַנטקע־גען דעם וואָס איר מאַכט זיך תמ'עוואַטע און ווילט מיר איינרעדען אַ „לונג און לעבער אויף דער נאָז"... ר' איד, מיר קענען אייך!

וואָס דאַרפט איר מער? בדידי הווה עובדא! מיט מיר אַליין האָט די מעשה געטראָפען! דאָ רעדט צו אייך טאַקע דער קרבן אַליין!

ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרען אין דער ברייטער וועלט, אַז מיר קלייבען זיך גאָר אין גיכען אַרויסצוגעבען אַ זשורנאַל לכבוד דעם 70־יעריגען יובילעי פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן — האָבען אָנגעהויבען קומען אַרטיקלען פון אַלע עקען וועלט. מיר זיינען ממש פאַרשאָטען געוואָרען מיט כל המינים שרייבעכצען. און ניט נאָר אונזערע אייגענע שריפטזעצער, מיטגלידער פון אונ־זער יוניאָן, האָבען אַריינגעשיקט „ווערק" (מילא, שריפטזעצער האָבען דאָך פאָרט אַ שטיקעל שייכות צו שרייבער; זיי זעצען דאָך אַלערליי מאַנוסקריפּטען פון שרייבער; איז קיין וואונדער ניט וואָס אַ סך פון זיי רעדען־זיך־איין אַז זיי קענען אויך די מלאכה פון שרייבען. ווי זאָגט מען עס: „אַ שיקסע ביי אַ רב לערענט זיך אויך אויס פסק'ענען שאַלות...) די צרה איז אָבער וואָס „אַ וועלט שלאָפט ניט!" — און גאָר זיי־טיגע, פרעמדע, האָבען דערשנאַפּט אַז מען קלייבט זיך אַרויסצוגעבען אַ זשורנאַל, און זיי האָבען פאַרקאַשערט די אַרבעל און גע־נומען פאַרגיסען טינט און קאַליע־מאַכען פּאַ־פּיר... און שרייבען, פאַרשטעהט איר מיך, איז ווי אַן עפּידעמיע וואָס איז זעהר אָנ־שטעקענד, איבערהויפּט ביי אידען!

בקיצור הדבר, מיר האָבען געמוזט אָנ־שטעלען אַ סטעף מיט מענשען איבערצו־לייענען די אַלע הונדערטער מאַנוסקריפּ־טען. אונזער רעדאַקטאָר איז שיער ניט געפאַלען פון די פיס ביים איבערקוקען אָט די אַלע „מייסטערווערקע" וואָס אידען האָ־בען אַריינגעשיקט.

אונזער רעדאַקטאָר איז אַרומגעגאַנגען אַ צע'חוש'טער: ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ נעכטיגער, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס געקומען פון יענער וועלט... דער מבול פון די שריי־בעכצען האָט זיך זעהר שווער אָנגערופען אויף אים... דער רעזולטאַט איז געווען, אַז וויפיל ער האָט זיך ניט געהיט, אַז עס זאָל זיך חלילה ניט אַריינכאַפּען איינע פון די נייע טאַלאַנטען, האָט אים ניט געהאָלפען.

אַזוי גיך ווי דער זשורנאַל אונזערער וועט פאַרטיג ווערען, וועלען מיר מוזען אַ היבשע צאָל פון אונזערע מענשען וואָס האָ־בען זיך מתעסק געווען ביים יובילעי־בוך טראַנספּאָרטירען אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיג־קראַנקע.

אַז מ'שמועסט „אידען שרייבען" — איז דאָך ניט שייך!

## שטימונגען פון אַ זעצער

פון מ. ד. ב.

כ'וואָלט וועלען צוימען מיינע רעיונות,\
כ'וואָלט וועלען אַרומנעמען מיט אַ ראָם\
מיין יעדע מחשבה באַזונדער —\
אָט, ווי אָט־דער וואונדער\
ווען כ'זאַמעל אין ווערטער די אותיות\
און מאַך אַרום שורות אַ צאָם.

כ'וואָלט וועלען מסדר זיין מיין אייגענס,\
מיינס אויסגעדענקט און אויסגעטראַכט,\
אַליין דאָס געבוירען —\
אָנשטאָט וואָס פאַרלוירען\
ס'ווערען וויזיעס און דמיונות\
אין מיר ערגיץ פאַרמאַכט.

ס'צאַפּעלט ס'האַרץ זיך ביי מיר אַזוי,\
און הייסע שטראָמען בריען שפּיץ־פינגער.\
ווען די קלאַווירען כ'באַריר —\
ווי ביים עפענען אַ טיר\
ס'אַנטפּלעקט זיך אַ הימעל הויך און בלוי\
און רופט צום ליד דעם זינגער.

ס'פאַלט אַן אות, ס'ווערט אַ וואָרט,\
ס'ווערען שורות אָהן אַ שיעור —\
ס'גיסט בליי ווי וואַסער פון קוואָרט\
און ס'שטילט אַ דורשט אין מיר.

אַרבעטער פון „רוסקי גאָלאָס"



E. Pasvolsky (right) and Adam Sokol

# אונזער יוניאָן לעבט

● פון מ. גראַזול

הגם אונזער יוניאָן גייט האַיאָר אונטערציען אַ סך־הכל פון איר 70־יאָריגער עקזיסטענץ, מוזען מיר נאָך אַלץ האָבען אין זינען די קוואַלן פון וואַנען די שריפטזעצער יוניאָן האָט געצויגן איר יניקה.

היינט־צו־טאָג, נאָך מער ווי ווען עס־איז פריער, איז דער שאַפּ, אָדער די יוניאָן־שעפּער, וואָס זענען אונטער דער יוריסדיקציע פון דער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, נאָך אַלץ אַן ענין, וואָס מוז ציען אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. ס'איז אַן ענין, וואָס איז פאַרבונדן מיט אונזער ברויט און פּוטער. מיר מוזען זיך צוהערן צו די טענות פון אונזערע באַלעבאַטים, אַז דאָס אידישע בוך, דער מאָנאַטליכער אָדער וועכענטליכער זשורנאַל, צי אַנדערע דרוק־זאַכען האָבען זיך לעצטענס גענומען אַרויסגליטשן פון אונזערע יוניאָן־שעפּער.

עס איז נאַטירליך, אַז אין אַ יובל־יאָר זאָלען מיר רעדען און זיך איבערנעמען מיט אונזערע אויפטוען און דערגרייכונגען פאַר אונזערע מיטגלידער; וועגען די באַדינגונגען, וואָס אונזער יוניאָן האָט זיך דערוואָרבען אין משך פון די 70 יאָר; וועגען דער ראָלע אין געזעלשאַפטליכען לעבען, וואָס זי האָט געשפּילט; וועגען איר רייכען רעקאָרד אויפ'ן געביט פון צדקה פאַר אַלע געזעלשאַפטליכע נויטען.

די אידישע שריפטזעצער יוניאָן וועט זיכער אויך פאַרנעמען דעם אויבענאָן פאַר איר וואַרימען אָפּרוף און איר גרייטקייט צו שטיצען מיט אַ ברייטער האַנט אָרגאַניזאַציעס, סאָסייעטיס, קאָמפּעינס פאַר געלט פאַר אַלע נויטען אין געזעלשאַפטליכען לעבען.

אָבער אונטערציענדיג אַ סך־הכל פון 70 יאָר עקזיסטענץ, קענען מיר נישט אויסלאָזען דעם וויכטיגען פאַקט, אַז די צייטען האָבען זיך געענדערט אין דעם אידישען דרוק־וועזען. ס'איז אַוועק די צייט, ווען די אידישע פּרעסע האָט געבליט (פינף צייטונגען אין ניו יאָרק), דאָס אידישע טעאַטער מיט אידישע פּאָוסטערס אויף אַלע גאַסען, דאָס דערשיינען פון אַזוי פיל אידישע ביכער, אידישע פּובליקאַציעס, וועכענטליכע און מאָנאַטליכע זשורנאַלען — אָט די בלי־פּעריאָדע איז נישטאָ מער אויף דער אידישער גאַס. דאָס אידיש־געדרוקטע וואָרט מאַכט איצט דורך אַ מורא'דיגען קריזיס. אונזער אידישע שריפטזעצער יוניאָן שטייט איצט פּנים אל פּנים מיט אַ גרויסען פּראָבלעם: צו זען, אַז דאָס געדרוקטע וואָרט, אַלץ וואָס דערשיינט נאָך ביז איצט אויף אידיש, זאָל זיך דרוקען אין אונזערע יוניאָן־שעפּער.

און היינט, צו אונזער פייערונג פון 70 יאָר עקזיסטענץ, וועט אונזער שמחה זיין נאָך יום־טוב'דיגער, ווען די שרייבער פון אידישע ביכער, די מחברים פון ספרים, די גרויסע פּראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס: דער אַרבעטער רינג, נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, אַלע אידישע אינסטיטוציעס, וואָס באַנוצען זיך מיט'ן געדרוקטען וואָרט, זאָלען מאַכען זייער דרוק־אַרבעט אין יוניאָן שעפּער.

די מחברים פון אידישע ביכער אָדער ספרים דאַרפן וויסען, אַז אונזערע אידישע ברידער פון אַנדערע יוניאָנס זענען זעהר סענסיטיוו ביים קויפען אַ בוך, וואָס איז נישט געדרוקט אין אַ יוניאָן־שאַפּ. ס'איז די מאָראַלישע פליכט פון יעדען שרייבער צו שטיצען אַ יוניאָן, וואו אַרבעטער אַרבעטן אונטער מענשליכע באַדינגונגען.

קומט אין אונזער יוניאָן, וועלכע וועט אייך ביי־הילפיג זיין מיט ראַט און טאַט און מאַכען מעגליך, אַז אייערע ביכער זאָלען דערשיינען אויפ'ן שענסטען און בעסטען אופן אין יוניאָן־דרוקערייען.

אויך אַלע אידישע אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס, סאָסייעטיס, קלובען האָבען אַן אחריות בנוגע שטיצן אַ יוניאָן.

די אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַנוצען זיך אַזוי אָפט מיט'ן אידיש־געדרוקטען וואָרט אין ווענדונגען און אויפרופען צום אידישען אַרבעטער פאַר געזעלשאַפטליכער הילף — אָט די אַרבעטער ווייסען וויפיל מי און כוחות ס'איז אַריינגעטאָן געוואָרען אין בויען אַ יוניאָן, און ס'טוט זיי וויי, ווען זיי לייענען די אויפרופען און ווענדונגען פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס פאַר הילף און געפינען נישט דעם יוניאָן־לעיבל אויף די בריוו אָדער אויפרופען.

די שריפטזעצער יוניאָן מאָנט נישט קיין דאַנק פאַר אירע גוטע מעשים אויפ'ן געזעלשאַפטליכען געביט, פאַר איר שטענדיגער גרייטקייט צו העלפען אַלע אינסטיטוציעס אין אידיש־געזעלשאַפטליכען לעבען. מיר וועלען ווייטער אָנהאַלטען אונזערע פיינע טראַדיציעס, ווי מיר האָבען עס געטאָן פאַר די זיבעציג יאָר פון אונזער עקזיסטענץ, — מיר ווילען אָבער האָבען דאָס געפיל, אַז די אַלע אינסטיטוציעס זענען פריינט פון אונזער אידישער שריפטזעצער יוניאָן, און די פּריינט־שאַפט וועט קומען צום אויסדרוק נאָר דאַן, ווען מיר וועלען זען, אַז אַלץ וואָס וועט ווייטער געדרוקט ווערן פון אונזערע אידישע שרייבער, פון אַלע אונזערע אידישע אָרגאַניזאַציעס, סאָסייעטיס, קלובען, וועט זיין געדרוקט מיט דעם יוניאָן לעיבל.

אויף אונזערע אייגענע מיטגלידער, וואָס באַלאַנגען צו פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס און שטיצען זיי און רעגען־אָן אַנדערע זיי צו שטיצען אין אַלע זייערע געזעלשאַפטליכע נויטען, ליגט אַ חוב צו קומען אין זייערע אָרגאַניזאַציעס און אויפמערקזאַם מאַכען, מאָנען, אַז די דרוק־אַרבעט זאָל געטאָן ווערן אין יוניאָן שעפּער.

דאָס וועט זיכער העלפען שטאַרקען אונזער יוניאָן אין דער צוקונפט און זי וועט אויך זיין בכוח אָנצוהאַלטען די באַדינגונגען, וואָס מיר האָבען זיך דערוואָרבען ביז איצט.

## באַגריסונג פון אונזער „פּענסיאָנערן קלוב”

מיט אַ געפיל פון פרייד און שטאָלץ באַגריסען מיר אונזער יוניאָן צו דער פייערונג פון איר 70־יאָריגער עקזיסטענץ.

מיר זיינען דאַנקבאַר אונזער יוניאָן פאַר די גוטע באַדינגונגען, וואָס זי האָט אויסגעקעמפט פאַר אירע מיטגלידער צו קענען אויף די עלטערע יאָרען זיך אויסלעבען מיט אַ פּענסיע.

מיר ווינשען אונזער יוניאָן, אַז זי זאָל זיין בכח אָנצוהאַלטען אויף ווייטער אָט די גוטע באַדינגונגען וואָס זי האָט זיך דערוואָרבען פאַר אַלע אירע מיטגלידער אינ'ם משך פון איר לאַנגיאָריגער עקזיסטענץ.

מיר, די עלטערע מיטגלידער, זיינען לעבעדיגע עדות, וואָס האָבען אַליין מיטגעמאַכט די קאַמפען פאַר די באַדינגונגען, וואָס מיר האָבען איצט, און האָבען אַ חלק אין העלפען שרייבען דאָס שענע קאַפּיטעל פון 70 יאָר אידישע שריפטזעצער יוניאָן.

אונזער פרייד איז נאָך גרעסער דערמיט, וואָס מיר, פּענסיאָנערן, האָבען דערלעבט צו קענען זיך פרעהען צוזאַמען מיט אַלע מיטגלידער פון דער יוניאָן אויף אונזער גרויסען יום־טוב.

משה גראַזול,
טשערמאַן „פּענסיאָנערן קלוב”

ב. פילדאָס,
פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר.

מיטגלידער פון ברידער שולזינגער שאַפּ



ערשטע רייע, פון רעכטס צו לינקס: ל. מאָסטינסקי, ש. שולזינגער און ל. שודאָפּסקי. צווייטע רייע, פון רעכטס צו לינקס: י. גרין, פ. העכט, י. בערלינער, י. דובראַווסקי, א. מעלצער. מ. הונגער, ס. ווייגטראַוב און ק. דונקעל. (עס פעהלט אויפ'ן בילד: א. הונגער).



# די אינטערנעשאָנאַל טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן

● פון י. בוראַקאָף

„די אינטערנעשאָנאַל טאַיפּאָגראַפיקעל יוניאָן איז אַ מוסטער־יוניאָן פאַר אַלע אַרבעטער פון גאָר דער וועלט.”

דער דאָזיגער זאַץ איז נישט גלאַט אַזוי זיך אַ מליצה וואָס שטאַמט פון לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם. ניין, ער איז דער רעזולטאַט פון 41 יאָר אַקטיוויטעט און פּערזענליכער דערפאַרונג אין דער דאָזיגער גרויסער יוניאָן פון די אַמעריקאַנער שריפטזעצער.

אין אַן עטישער געזעלשאַפט ווערט עס נישט באַטראַכט פאַר קיין קאָמפּלימענט, ווען מען זאָגט אויף אַ מענש אָדער אַן אָרגאַניזאַציע, אַז זיי זענען נישט קיין קעשענע־גנבים. און אַזוי ווי איך האַלט שטענדיג פון עטישע פּרינציפּען, קען איך זיך נישט גרויסען מיט'ן פאַקט, וואָס אין מיין אינטערנעשאָנאַל זענען מיינע באַאַמטע נישט קיין אייגענטימער פון גרויסע דרוקערייען, אַז זיי האָבען נישט קיין „קלעפּיגע פינגער” און חבר'ן זיך נישט מיט אונטערוועלט־פאַרשוינען אַלס „אָרגאַנאַיזערס” פון דער יוניאָן. די אַלע זאַכען זענען פאַר אַן עטישער יוניאָן גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדליך און ס'קומט קיינעם נישט קיין דאַנק דערפאַר. ווען איך זאָג, אַז אונזער אַי. טי. יו. איז מוסטער־האַפט, מיין איך עס בפירוש אין אַ פּאָזיטיווען זינען, למשל:

א) אונזערע אינטערנעשאָנאַל באַאַמטע ווערען דערוויילט יעדע צוויי יאָר דורך אַ געהיימען באַלאָט, וואו די שטימע פון דעם מיטגליד אין פאַרוואָרפענסטען דערפעל האָט די זעלבע וואָג ווי פון אַ מיטגליד אין די גרעסטע לאָקאַלען. און דער באַלאָט איז אַן „אויסטראַלישער”, ד. ה., אויף יעדען אַמט מוזען נאָמינירט ווערען נישט ווייניגער ווי צוויי קאַנדידאַטען.

ב) קאַנדידאַטען פאַר אינטערנעשאָנאַל אַמטען ווערען אויסגעקליבען נישט דורך עפּעס אַ „מאַשין”, נאָר לויט דער דעמאָקראַטישסטער פּראָצעדור — דורך אַ פּראַימערי באַלאָט, וואָס ווערט געשטימט אין פעברואַר, דריי חדשים פאַר די וואַלען. ווי דער אמת'ער באַלעבאָס פון דער יוניאָן, קאָן קיינער נישט באַגרענ־ניצען דעם מיטגליד צו זיין אָרגאַניזירט אין איינער פון די צוויי אָנערקענטע פּאַרטייען, וואָס פונקציאָנירן אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר — די פּראָגרעסיווע פּאַרטיי (פאַר די לעצטע עטלעכע און דרייסיג יאָר די אַדמיניסטראַציע־פּאַרטיי) און די אינדעפּענדענט פּאַרטיי — די אָפּאָזיציע. און חוץ דעם אָפיציעלען יוניאָן־אָרגאַן, „טאַיפּאָגראַפיקעל דזשורנעל”, האָט יעדע פון די פּאַרטייען איר אייגענעם אָרגאַן און פירט אָן איר פּובליסיטי און קריטיק (גאַנץ אָפט אומבאַרעכטיגטע) אָן קיין שטערונג מצד די אינטערנעשאָנאַל באַאַמטע.

ג) ווען די אינטערנעשאָנאַל באַאַמטע ווילען קריגען אַ העכערונג, נאָך דעם ווי זיי האָבען געהאָלפען קריגען פאַר די מיטגלידער (אין לויף פון אַ צאָל יאָרען) אַזוי הויך ווי אַ 100 פּראָצענטיגע העכערונג, קענען זיי עס נישט קריגען אָן דער גוטהייסונג פון באַלעבאָס — די מיטגלידער — דורך אַ געהיימען רעפערענדום־באַלאָט. נישט נאָר די באַאַמטע אַליין קענען זיך נישט העכערען קיין פעני אין זייערע געהאַלטען — זיי קענען דאָס אויך נישט טאָן אפילו דורך אַ ריזיקער מאַיאָריטעט אויף אַ קאָנווענשאָן. מ'מוז אָנפרעגען דעם אמת'ן באַלעבאָס, דעם מיטגליד.

ד) אָבער אפילו אין דער אידעאַלער געזעלשאַפט קאָן מען נישט אינגאַנצען אויסמיידען קיין קריוודעס און עוולות. און דאָ ערשט זעט זיך אָן די מוסטער־האַפטע דעמאָקראַטיע, וואָס באַשיצט די רעכט פון דעם געקריוודעטען לויט די פּונקטען אין אונזער קאָנסטיטוציע וועגען טראַיעלס און אַפּילס, וואָס הויבען זיך אָן מיט'ן לאָקאַל און גייען ווייטער צום עקזעקוטיוו קאַונסיל און צו דער קאָנווענשאָן פון דער אַי. טי. יו.

איך האַלט, אַז יעדער מיטגליד וואָלט געדאַרפט שטודירען די איבער הונדערט יאָריגע געשיכטע פון אונזער אַי. טי. יו., זיך אַריינטראַכטען אין דעם פאַקט, אַז ער איז איינער פון די באַלעבאַטים פון זיין אייגענער יוניאָן, און ער וואָלט געקראָגען דאָס דערהויבענע געפיל פון אַ פרומען איד די נאַכט פון שבועות — ווי ער אַליין וואָלט געשטאַנען ביים באַרג סיני... ער וואָלט דערפילט דעם שטאָלץ פון זיין אַ מיטבויער פון אַזאַ פּרעכטיגער אָרגאַניזאַציע, ער וואָלט דערפילט אַ נאָענטקייט צו זיין ברודער יוניאָן־מאַן, ער וואָלט געווען אַ שטאָלצערער און בעסערער מענש.

לאָמיר אייך דאָ געבען אַ ביישפּיל פון אַ שטאָלצען יוניאָן־מאַן (איך האָב עס אַליין בייגעוואוינט).

איך האָב געאַרבעט אין דער אַלטער ניו יאָרק „וואָירלד” (אין 1924), און ווי עס מאַכט זיך אין אַ גרויסען קאָמפּאָוזינג רום מיט אַזוי פיל לאַינאָטאַיפּס און אינטערטאַיפּס, האָבען אָפּעריטאָרס אָפט געדאַרפט וואַרטען ביז דער מאַשיניסט וועט זיי פאַרריכטען די מאַשין. איינמאָל האָט זיך דער סופּעראינטענדענט פון שאַפּ דערטראַכט, אַז ביי די אינטערטאַיפּס קען אַמאָל דער אָפּעריטאָר אַליין לאָזען גיין די מאַשין דורך מאַניפּולירען דעם „פאָנט דיסטינגווישער” פון פאָרנט. געטראַכט און געטאָן. ער האָט אויפגעהאָנגען אַ בריוו אויפ'ן בולעטין־באָרד פון טשאַפּעל מיט אַ פאַראָרדענונג, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועלען די אָפּעריטאָרס פון אינטערטאַיפּס אַליין פאַרריכטען דעם דיסטריביוטאָר. דאָס איז בפירוש קעגען די אַרבעטס־באַדינגונגען לויט'ן קאָנטראַקט. איז אין דער „וואָירלד” געווען אַ טשערמאַן, אַ מר. ביטש, אַ קליינטשיגער אין וואוקס, אָבער אַ שטאָלצער יוניאָן־מאַן. האָט ער גאָרנישט געטראַכט, גענומען אַ גראָבן בלויען קרעיאָן און אָנגעשריבען טאַקע אויפ'ן בריוו: „אָפּערעיטאָרס וועלען איגנאָרירען וועלכע ס'איז אינסטרוקציעס, וואָס קומען נישט פון טשערמאַן.”

איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל: ס'טייטש, אַזאַ קליינטשיגער אַרבעטער מאַכט אַן אַרויסרוף צו אַ 30־מיליאָן דאָלאַרדיגער פירמע!

וואָס־זשע מיינט איר איז געווען דער סוף? מ'האָט געלאָזט רופען דעם ליבען, אַלטיטשקען אָרגאַנאַיזער, מר. דאָגלעס. ער האָט גערופען אַ סטאָון־מיטינג, אויסגעהערט ביידע צדדים און דאַן דערקלערט דעם סופּעראינטענדענט: „דיין פּראָבלעם איז, וואָס דו האָסט ניט גענוג מאַשיניסטען. מיר קענען דיין פּראָבלעם גרינג לייזען — גיב אונז נאָר אַ קלונג און מיר וועלען דיר שיקען נאָך אַ פּאָר מאַשיניסטען...”

אָט־דאָס געפיל פון שטאָלץ צו זיין אַ מיטגליד פון אונזער מוסטערהאַפטער אינטערנעשאָנאַל האָב איך קיינמאָל נישט פאַרגעסען. עס איז אַ טייער געפיל; איך ווינש עס יעדען אַרבעטער.

שריפטזעצער פון דער פ. און ד. פּרינטינג קאָמפּאַני



זיצענדיג, פון רעכטס צו לינקס: פ. מעלצער, טש. שמולאָוויץ, מ. הילמאַן, י. עפּשטיין, א. ראַפּאַפּאָרט און ה. מערקין. שטעהענדיג, פון רעכטס צו לינקס: מ. ראדזשער, י. לייזעראַוויץ, מ. בערגער, ד. זעילאַן און א. קאַוען.



ONE of the outstanding characteristics of the International Typographical Union throughout its long and illustrious history has been the pioneering spirit of its members.

The Union's leadership has never been afraid to blaze new trails of progress — higher wages, shorter working hours, better working conditions, elimination of inequities in the pay of female members, model trade education and on-the-job training for apprentices and journeymen, comprehensive fraternal benefits, the Union Printers Home, and many others.

Throughout 70 years of the ITU's 106 years of existence the Hebrew-American Typographical Union of New York has marched shoulder to shoulder with its parent organization in seeking to better the lot of its members.

In fact, Hebrew-American Typographical Union No. 83 has traditionally marched a few steps ahead of its brother and sister members in the ITU's continent-wide jurisdiction.

Local No. 83 was one of the first, if not the first, union in the ITU to establish a workweek considerably below 40 hours, and to obtain many good conditions which other locals attained years later.

No. 83's laudable gains have been possible because of its leadership and because of the strong spirit of unionism and brotherhood with which its members are so richly imbued.

Some of the remarks I made to the delegates to the 100th ITU Convention at San Francisco are particularly applicable to your union. I said, in part: "The decorum with which the issues have always been debated; the respect for the rights of those with whom we associate; the clarity and honesty with which our problems are always presented and resolved, have set a high standard of trade union democracy and conduct."

I am confident that Local No. 83, which has contributed so liberally to the establishment of such an enviable record, will do more than its share in maintaining our high standard.

On behalf of the officers and the other members of the International Typographical Union, I extend sincere congratulations to the members of Hebrew-American Typographical Union No. 83 upon the attainment of such a significant anniversary. I am sure you will continue to progress in the years ahead as you have in your first 70 years, because you have all the prerequisites for success — the indomitable will to move ahead, the brotherhood and the true spirit of unionism so necessary to such progress.

**Elmer Brown**

*President, International Typographical Union*








# UNIONISM MEANS BROTHERHOOD

## By Francis G. Barrett

*President, New York Typographical Union No. 6*

THE United States has seen many waves of immigration as its frontiers expanded towards the Pacific Ocean. All of these waves had a lasting impression on the formation of our great country, for the people of Europe, fleeing to the land of opportunity, brought with them many contributions from their home lands.

In the latter half of the last century, America was enriched when one of these waves brought to our shores thousands of Jewish people who were fleeing from oppression and tyranny. Many of this noble race settled in New York City and among the artisans from Europe were found many who were experienced printers on the other side.

It was only natural that these people, who were imbued with a high sense of unionism, should get together and form an economic organization to further advance them in their new country. Thus it was that seventy years ago the Hebrew-American Typographical Union was formed and immediately applied for affiliation with the International Typographical Union. It was given the number 83 and since that time the numerals "83" have been synonymous with the workers in the Jewish Typographical Industry.

It is my pleasure to testify to the fact that from its inception No. 83 has always cooperated wholeheartedly with its English brethren in New York Typographical Union No. 6. Shortly after the turn of the century, when Big Six was involved in the struggle for the eight-hour day, the Hebrew Union gave every assistance possible until that battle was won.

Again, right after the close of the First World War, when another struggle took place for the forty-four hour week, No. 83 was conspicuous in its support of this great struggle. There never was a time when the printers in New York City were fighting to advance their economic interests that the Hebrew Local did not stand shoulder to shoulder with them in the furthering of their cause.

I had the most pleasant experience of my career a year ago when the International Typographical Union held its first convention in New York City in seventy-two years. When the previous convention took place, the Hebrew Local was not in existence. The 1957 convention thus was the first convention in which No. 83 was able to participate.

As soon as it was known that the convention would be held in New York City, President Hyman Grushkin and the other officers of our sister union came to me and volunteered to do anything that was asked of them in regard to entertaining the delegates and visitors to the 1957 convention. That I was grateful for this gesture, goes without saying. The kind offer was graciously accepted. One of the highlights of the New York convention was the beautiful leather brief cases which were given to all the delegates with the compliments of the Hebrew-American Union.

This beautiful gift was typical of Local 83. It exemplified the high degree of cooperation that the International Typographical Union has always received from No. 83 and it has truly demonstrated the warm cordial relationship that has existed between Big Six and No. 83 for the past seventy years.

It is, therefore, my great pleasure to greet our strong sterling sister union on the occasion of its seventieth anniversary and to wish it long life and smooth sailing in the years that now lie before it. I know full-well that New York Typographical Union No. 6 can always count on Local 83 and that our Union is strengthened and has grown greater because of the strong spirit of unionism that has always emanated from the Hebrew-American Union.

# מיטגלידער פון אידישער שריפטזעצער יוניאָן

**A**

Abels, Simon H.
Abramowitz, Isidor
Auster, Harry

**B**

Bamdas, Barnett
Barchat, Joe
Barshay, Wolf
Becker, Lazar
Bell, Morris D.
Berger, David
Berger, Elie
Berger, Eliott
Berger, Murray
Berliner, Joachim
Bloom, Reuben
Blum, Boris
Blumenthal, Martin
Bobick, William
Breier, Max
Brineff, Simeon
Burakoff, Julius

**C**

Cammeyer, Bernie
Chodosh, Simon
Chuzi, Morris
Cowan, Arnold J.
Cytryn, Szmul N.

**D**

Deutsch, Sandor
Donat, Alexander
Drosdoff, Abraham
Dubrawsky, Joshua
Dubrow, Nathan
Duksin, Paul
Dunkel, Karl

**E**

Edelsburg, Nathan
Engles, Lazar
Epstein, Jack
Epstein, Julius
Evans, Louis

**I**

Frank, Elias P.
Fishman, Jacob
Furer, Herman

**G**

Galat, Morris
Gansberg, Morris
Gittleman, Benjamin
Glass, Theodore
Goldberg, Harry
Golding, Max
Goldstein, Solomon
Golos ,Morris
Goorevitch, Jacob J.
Grauer, Julius
Grazul, Morris
Green, Joseph
Groder, Max
Grosbaum, Eli
Grunberger, Nathan
Grushkin, Hyman

**H**

Haitman, Aaron
Halpern, George
Harcsztark, Israel
Harkavy, Jacob
Harkavy, Michael
Hartman, Leon
Hecht, P. P.
Hillman, Irving
Hillman, Morris
Hollander, Morris
Horowitz, Benesh
Huber, Aron
Hunger, Irving
Hunger, Michael

**J**

Jackson, Jack
Jacob, Benjamin
Jacobowitz, Jacob
Jaffe, Jack
Jargowsky, Morris

**K**

Kamer, Henry
Kaplan, Samuel
Kantor, David
Karlin, Kielman
Kasap, Ahinoam
Kastoff, Hyman
Katzenoff, Sam
Kaufman, Nathan
Kirsch, Charles
Kliatchko, Samuel
Klionsky, Joseph
Koffler, Jack
Koretzky, Shama
Kozak, Harry
Kozak, Murray
Kuperstok, Sol
Kupfer, Jerry
Kupfer, Samuel
Kupferstein, Harry

**L**

Leiserowitz, Jacob
Lev, Shlomo
Lew, Symcha
Lichtenstein, Joseph
Lichtine, Joe
Linder, Herman
Littman, Abe
Loeb, Chester
London, Israel
Londynsky, Isidore
Losseff, Paul
Lubchanski, Milton
Lurie, Morris

**M**

Maliniak, Fishel
Mandell, Daniel
Melcer, Adam
Meltzer, Philip
Merkin, Hersh
Moinester, Irving
Mostinsky, Leon
Mussin, Hyman

**N**

Nourok, Israel

**P**

Pargment, Ike
Perenson, Myron
Perickman, Samuel
Perlin, Joseph
Perlmutter, Benjamin
Peshkin, Irving
Pildos, Benjamin
Posvolsky, Elias
Posy, Arnold
Ptashin, Mark

**R**

Rabinowitz, Solomon
Rappaport, Abraham
Rausen, Israel
Rausen, Lazar
Reiner, Osias
Ribolow, John
Roger, Maurice
Rosenblum, Morris
Rosenthal, Isaac
Rybal, Isaac

**S**

Sakowski, Heinrich
Sapolsky, William
Sawycky, Michel
Semegram, Max
Schein, Nathan
Schmulewitz, Chaim
Schwartz, Sheldon
Shklarin, Julius
Shudofsky, Louis
Shulsinger, Samuel
Siegel, Michael
Silver, Herman
Slotkin, Harry
Smith, Samuel
Sokol, Adam
Sokoloff, Isidor
Sokolow, Sidney
Solomich, Samuel
Solomon, Jack
Stein, David
Stein, Hyman
Stein, Solomon
Steinwolf, Samuel
Stock, Zvi Harry
Stupler, Max

**T**

Tatarsky, Herman
Teitcher, Haim
Thorne, Ahrne

**V**

Viktorow, Valentin
Vorobioff, Serge

**W**

Waffel, Berl
Waisbord, Jacob I.
Waksberg, Harry
Wald, Benjamin
Weg, Juda
Weinreb, Jack
Weinstein, Oscar
Weitraub, Samuel
Wiener, Samuel
Wise, Abe L.
Woloshkin, Harry

**Z**

Zalon, David
Zonis, Abraham
Zonis, Meyer

## מיטגלידער וועמען דער גרויזאַמער טויט האָט אָוועקגעריסען פון אונז אין די לעצטע פינף יאָר

כבוד זייער אָנדענק!

| | DATE DIED |
|---|---|
| Mogil, Jacob ...... | Feb. 13, 1953 |
| Otto, Elias ........ | April 20, 1953 |
| Roseman, John .... | May 27, 1953 |
| Moinester, E. A. .. | Aug. 8, 1953 |
| Rothstein, Benjamin | Oct. 10, 1953 |
| Margoshes, Isaac .. | April 7, 1953 |
| Schwartz, David ... | April 27, 1954 |
| Bloom, Hyman .... | Aug. 12, 1954 |
| Rosenthal, Harry .. | Dec. 12, 1954 |
| Lastar, Jacob ...... | Jan. 10, 1955 |
| Krieger, Harry .... | Feb. 4, 1955 |
| Sanderow, Benj. ... | April 26, 1955 |
| Stein, Abraham .... | May 28, 1955 |
| Axler, Benjamin ... | June 26, 1955 |
| Rolnick, Joseph .... | Aug. 18, 1955 |
| Unger, Jacob ...... | Oct. 23, 1955 |
| Feingold, Isidor .... | Jan. 22, 1956 |
| Fogel, Harry ...... | March 6, 1956 |
| Kozinitz, Isaak .... | March 23, 1956 |
| Pillersdorf, Joseph . | July 7, 1956 |
| Wiener, Noah ..... | Aug. 8, 1956 |
| Bernstein, Isaac ... | Oct. 17, 1956 |
| Delfiner, Bernard .. | Nov. 4, 1956 |
| Levy, Max ........ | Nov. 11, 1956 |
| Rothenberg, Louis .. | March 30, 1957 |
| Labran, Max ...... | June 21, 1957 |
| Steinberg, Irving .. | Sept. 9, 1957 |
| Kastoff, Meyer .... | Jan. 15, 1958 |
| Shoulson, Abraham | Feb. 23, 1958 |
| Samuels, Harry .... | March 3, 1958 |
| Koshes, Morris .... | June 7, 1958 |
| Lamanitz, Benj. M. | June 16, 1958 |
| Kornwein, Carl | Sept. 10, 1958 |

# דאָס לעצטע זייטעל

נו, רבותי — האַלטען מיר שוין, הייסט עס, ביים לעצטען זייטעל . . . און אויף דעם לעצטען זייטעל איז שוין אויך אַ היבש ביסעל פאַרשריבען . . . געבליבען זעהר וועניגליידיג פלאַץ עפּעס צו פאַרצייכענען!

אין דער רגע שווימט־אַרויס פאַר מיינע אויגען אַ בילד פון מיין קינדהייט מיין יוגענט . . . איך זעה זיך אין חדר, צווישען אַ סך קינדער אין מיין עלטער. איך לערן שוין גמרא . . . נאַר־וואָס געענדיגט אַ מסכתא . . . מיינע בליקען פאַלען אויף אַ מאָדנעם וואָרט, געדרוקט ביים סוף אינמי־טען בלאַט און האָט מיך כסדר אינטרי־גירט . . . ענדליך, מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז ניט איין וואָרט, נאָר אַ פאַרקירצונג פון עטליכע ווערטער.

אויסגעזעהן האָט דאָס וואָרט אַזוי: „תושלבע".

יעדער אות איז אַ וואָרט פאַר זיך — און מען דאַרף עס לייענען: תם ונשלם שבח לאל בורא עולם.

וואָס דאָס מיינט: „פולשטענדיג פאַר־ענדיגט, אַ דאַנק גאָט, דעם באַשעפער פון דער וועלט".

בעת איך טראַכט דערפון רופט דאָס בילד אַרויס אין מיר אַ טיפע בענקשאַפט.

און אַרויסגערופען דאָס בילד האָט אין מיר איצט, ווייל איך האַלט ביים לעצטען זייטעל . . .

צוזאַמען מיט דער בענקשאַפט טרעטען־אויף פּעסימיסטישע געדאַנקען . . . דער אמת איז דאָך: דעמאָלט, אין חדר, האָב איך געוואוסט, אַז אָט באַלד וועל איך אָנהויבען אַ נייע מסכתא — איצט, אָבער, ביי מיין לעצטען, שוין אַ היבש ביסעל פאַרשריבען זייטעל . . . ווער ווייסט? . . .

* * *

שטעלען מיר זיך אָפּ אויף אַ ווײַלע און גיבען אַ טראַכט וועגען אונזער הייניטיגען יום־טוב — פרעהען מיר זיך וואָס מ'האָט דערלעבט . . . אָבער די פרייד אונזערע איז אַ היבש ביסעל צוגעמישט מיט קאַלעמוטנע מחשבות . . .

אמת טאַקע: עפּעס אַ קליינינגקייט?

זיבעציג יאָר אידישע שריפטזעצער יוניאָן! אַזוי פיל איבערלעבונגען, שווערע און גליק־ליכע, קאַמפען און זיגען! אַזוי פיל מאַנו־סקריפּטען געזעצט — כתבים פון אַלערליי שרייבער, מיטעלמעסיגע, גרויסע און גאָר גרויסע זיינען דורכגעגאַנגען דורך אונזערע הענט און אויגען! מיר האָבען גענוג אור־זאַכען צו פרעהען זיך און טאַקע געהן אַ טענצעל!

קלאַפּט אָבער אַ מיאוס'ער, עקשנות'דיגער געדאַנק אין מוח:

„יאָ, אמת . . . אָבער, ס'איז אַ גדולה אויף דיין באָבען! . . . דו ביסט דאָך אויך ניט געשטאַנען אויף איין אָרט! דיינע יאָרעלעך זיינען געלאָפען צוזאַמען מיט דיין יוניאָנ'ס! זיבעציג יאָר, ליבינקער, איז ניט קיין צוואַנציג, און ניט קיין דרייסיג . . .

„ס'איז דאָס לעצטע זייטעל — און אַ סך שוין פאַרשריבען — געבליבען וועניג ליידיג פלאַץ! . . .

* * *

און נאָך געדאַנקען קנוילען זיך און טאַנ־צען אַ קאַראַהאָד:

חתן־כלה, מחותנים טומלען, האַוועז, גרייטען זיך צו דער חתונה פון זייער טאָכ־טער . . . ענדליך דערלעבט — דער זאַל באַלויכטען, די קלעזמער שפּילען, פאַרלעד טאַנצען; מ'עסט, מ'טרינקט, מ'הוליעט — מזל־טוב! . . .

אָבער נאָך דער חתונה — מיט שווערע קעפּ, פולע מאָגענס, מידע פיס שלעפּט מען זיך אַהיים . . .

שוין נאָך דער חתונה! . . .

* * *

נאָר ווי זאָגט יענער: בעסער און געזינ־טער זיך ניט אַריינצולאָזען אין פּעסימיס־טישע געדאַנקען! צו־וואָס זיך קוועלען ווע־גען מאָרגען — לאָמיר דערווייל הנאה האָבען פון דעם היינט!

איז, אויב אַזוי —

ל'חיים, קאָלעגען! לאָמיר אַלע, מיט אונ־זערע פרויען און קינדער, זיך פרעהען אויף אַ סך יובילעיען — נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרען!

## פון רעדאַקציע

•

אַז מ'וויל קאָן מען זאָגען: צו וואָס דאַנ־קען? וועמען דאַנקען? אייגענטליך, איז יעדע הילף, וואָס אונזערע קאָלעגען האָבען צוגעטראָגען צו דער שאַפונג פון אונזער יובילעי־בוך „דער אידישער שריפטזע־צער", האָבען זיי דאָך דאָס געטאָן פאַר זיך, פאַר זייער אייגענער יוניאָן — און וואָס שענער, בעסער און אינהאַלטסרייכער דער בוך איז אַרויסגעקומען, איז דאָך דאָס זייער אייגענער כבוד, זייער אייגענער שטאָלץ.

ס'איז אָבער דאָ אַ חילוק פון העלפען צו העלפען! איינער קאָן „העלפען מיט אַ קרעכץ", מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ מיט־געפיהל; אַ צווייטער געהט מיט דעם גאַנג: „לא המדרש הוא העיקר, אלא המעשה"! מיט אַנדערע ווערטער: ער לעגט־צו אַ פּלייצע, פאַרקאַשערט די אַרבעל און נעמט זיך טאַקע צו דער אַרבייט!

צו זיין קאָרעקט — מוז מען דאָ באַ־קאַנט מאַכען, אַז אונזערע קאָלעגען פון „פאָרווערטס" און פון „טאָג" האָבען אין דעם דאָזיגען בוך אַריינגעלעגט אַ וועלט מיט אַרבייט. איטליכער אויף זיין אופן האָט באמת געהאָלפען — סאַי מיט שריי־בען, סאַי מיט זעצען. פאַרלאָזט זיך אויף אונזערע שריפטזעצער: זיי קאָנען ניט נאָר זעצען, נאָר אויך שרייבן! אוי קענען זיי! מ'זאָל זיי נאָר לאָזען!

דריקען מיר דאָ אויס אונזער האַרציגען דאַנק צו אונזערע איבערגעבענע מיטאַר־בייטער פאַר זייער גרויסער הילף אין צו־זאַמענשטעלען דעם דאָזיגען יום־טוב בוך.

ווי זאָגט אונזער בי. דזשעי. — מיט אַזעלכע מיטאַרבייטער איז ניט קיין קונץ צו זיין אַ רעדאַקטאָר!

## אין מוקדם ומאוחר...

אויב עס וועט וועמען עס איז אַיינ־פאַלען אַ געדאַנק, אָדער אַ פראַגע: פאַרוואָס איז אַן אַרטיקעל פון אַ געוויסען שרייבער אַוועקגעשטעלט געוואָרען פריער און אַן אַנדערער—שפּעטער? ווילען מיר דאָ באַטאָנען זעהר שטאַרק, אַז ביים צוזאַמענשטעלען דעם בוך האָט די רע־דאַקציע ניט געהאַט אין זינען קיין שום פּניות! מיר האָבען געוואוסט אַז מיר האָבען צו טאָן מיט אינטעליגענטע לעזער. און, אַדרבא, ניט דער פּלאַץ באַשעהנט דעם מענשען, נאָר דער מענש — דעם פּלאַץ! חוץ דעם, גילט דאָך שטענדיג דער כלל: ואַחרון אַחרון חביב!

## קורצע באַשרייבונגען פון אַ באַזוך אין ישראל

(שלוס פון זייט 30)

רעטאַר פון דרוקער פאַראיין אין ישראל, חבר אַסף, בין איך געווען העכסט צופרידען. ער האָט מיך פאַרזיכערט אַז דער דרו־קער פאַראיין אין ישראל וועט אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס יעדען אידישען שריפט־זעצער וואָס האָט בדעה זיך דאָרט איינצו־אָרדענען.

אויף דער צווייטער פראַגע מיינער: „וואָס זיינען די אויסזיכטען זיך איינאָרצואָרדע־נען?" האָט מיר ח' אסף געענטפערט:

פאַר אַ זעצער איז ניט קיין גרויסע פּראָב־לעם דאָס איבערגעהן פון אידיש צו העברע־איש. אין אַ קורצער צייט קאָן אַ זעצער דערגרייכען די זעלבע שנעלקייט אין דער אַר־בעט אין העברעאיש ווי ער האָט געהאַט אין אידיש.

פאַרשטעהט זיך, אַז אין אונזער אַמעריקע איז נאָך דערווייל דער איינציגער פּלאַץ אין דער וועלט וואו דער אַרבעטער קאָן דערגריי־כען פון אַרבעט צו לעבען פּונקט אַזוי באַ־קוועם ווי ווער עס איז מיט אַן אַנדער באַ־שעפטיגונג.

אָבער אויך אין ישראל מאַכט אונזערער אַ שריפטזעצער אַ שעהן לעבען פון אַרבעט. און וואָס שייך נאָך דער אַרבעט — קאָן זיך קיינער פון אונז דאָ ניט פאַרגלייכען מיט זיי.

מיט איין וואָרט: פאַר די אַלע וואָס האָבען זיך שוין ווען פאַרטראַכט וועגען דעם ענין און אויך די וואָס מיין שרייבען האָט זיי אָנגערעגט צו טראַכטען וועגען דעם, קען איך בלויז פאַרזיכערן אַז זייערע חלומות האָבען גאַנץ גוטע מעגליכקייטען פאַרווירק־ליכט צו ווערען.

# Threescore and Ten...

## *JUBILEE ISSUE*

of the

***HEBREW AMERICAN TYPOGRAPHICAL UNION LOCAL 83, I. T. U.***

| 1888 | **SEVENTIETH ANNIVERSARY** | 1958 |
|---|---|---|

**SATURDAY, NOVEMBER THE EIGHTH, 1958**